STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04646

# YAHADES UN RELIGYES FUN FELKER

Leon Szczekacz Rozen

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joyce & Howard Lieb*
*in memory of*
*Sylvia (Eisen) & Harry Lieb and Renee (Salem) & Abe Missry*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר לייב שטשעקאַטש-ראָזען

☆

# יהדות און רעליגיעס פון פעלקער



ד״ר לייב שטשעקאטש-ראָזען

# יהדות
## און
# רעליגיעס פון פעלקער

איסלאם • זאָראָאַסטראניזם
שיקיזם • הינדואיזם
בודיזם • טאאָיזם
קאָנפוציאַניזם
שינטאָיזם
דזשעניזם
באהא׳יזם
קריסטנטום
יהדות

ערשטער באַנד

תשל״א תל-אביב 1971

Dr. LEON SZCZEKACZ ROZEN

# JUDAISM

AND
CONTEMPORARY "LIVING" RELIGIONS
OF PEOPLES

ISLAM • ZOROASTRIANISM
SIKHISM • HINDUISM
BUDDHISM • HINDUISM
CONFUCIANISM
SHINTOISM
JANISM
BAHA'ISM
CHRISTIANITY
JUDAISM

Volume I

אַלע רעכט געזיכערט
Copyright 1971
by Dr. Leon S. Rozen
All Rights Reserved

פאַרלאַג „ניי־לעבן" תל־אביב

Publishing House "Ney Leben", Tel-Aviv

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „אור", בע"מ, שד' הר ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

# וועגן מחבר

געבוירן אין וויערושאָוו־לאָדזש, פּוילן, אין אַ חסידיש־רבנישער משפּחה. געלערנט אין מירער ישיבה און ביי גדולי התורה.

מיטגרינדער, אידעאָלאָג און געוו. גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעליגיעזער אַרבעטער־באַוועגונג „פּועלי אגודת ישראל" אין פּוילן.

געוו. רב־ראשי פון דער פּוילישער אַרמיי פון שיקאָרסקי־אַנדערס אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

גרינדער פון „תורה־אוניווערסיטעט ע"ש קדושי איירופּה" אין רוים, איטאַליע; מיטגרינדער פון די באַנייטע רעליגיעזע יידישע קהלות נאָך דער שואָה אין פּוילן; רב אין לובלין און לאָדזש; מיטאַרבעטער פון דער יידישער היסטאָרישער קולטור־קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצי־מערדערייען קעגן יידן אין פּוילן; מיטאַרבעטער מיט דער „בריחה" אין פּוילן, טשעכן, אונגאַרן, עסטרייך און איטאַליע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. קאַנדידאַט פאַרן רבנות־אַמט אין טריעסט, איטאַליע.

עורך־דין, יוריספּרודענץ־דאָקטאָר און פּראָפעסאָר פון געזעצן אין אַטלאַנטא, דזשאָרדזשא, אַמעריקע.

מיטגרינדער און פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון רעליגיעזע יידישע שרייבער אין אַמעריקע. מיטגרידער און פאָרזיצער פון פאַרבאַנד פון שארית־החורבן, „המשך", און מיטבויער פון מאָנומענט לכבוד די 6־מיליאָן קדושי השואָה, אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשא, אַמעריקע.

מיטגרינדער און פאָרזיצער פון ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן קולטור־קרייז „המשך" אין תל־אביב. סעקרעטאַריאַט־מיטגליד פון פאַרבאַנד פון רעליגיעזע אַקאַדעמיקער אין ישראל. פאָרזיצער פון חברים־געריכט פון יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל.

פאַר די לעצטע 40 יאָר — זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר, מחבר, רעדנער און אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכע, דערציערישע, קולטורעלע און ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, פראַנקרייך, איטאַליע, אמעריקע און זייט זיין עליה אין 1968 אין ישראל.

**אַרויסגעבער**

## ביכער פון זעלבן מחבר:

דער ערשטער מאַי — פאַרוואָס מ׳דאַרף אים נישט פייערן — ייִדישער אַרבעטער־פאַרלאַג, וואַרשע, 1930

געטאָ קאָלטובאנקא, ניו־יאָרק, 1951

Marriage and Divorce, - United Jewish Religious Writers, New York, 1961.

Lectures en Comparative Law, - John Marshall University Press, Atlanta, Ga., USA, 1963.

Cry in the Wilderness, - OM Publishing Co., New York, 1966.

# אינהאַלט

זייט


| | |
|---|---|
| וועגן מחבר | 5 |
| אַ וואָרט פריער | 11 |
| מאָנאָטעיזם און פּאָליטעאיזם | 13 |
| אמונה, נביאים און משיח | 17 |
| וואָס איז רעליגיע | 18 |

## איסלאם

| | |
|---|---|
| דער נביא מחמד און זיין נייע רעליגיע | 29 |
| מחמד — אַ יתום און קעמל־טרייבער | 30 |
| מחמד — אַ תלמיד פון יידישע מלמדים | 33 |
| אַראַבער געוואָלט דערהרגענען מחמדן | 34 |
| אין גלות ווערט געבוירן אַ „נייער" מחמד | 36 |
| מחמד פאַרהאַנדלט מיט יידן אָנצונעמען זיין „אמונה" | 37 |
| די „מיסטיק פון מחמדס שווערד" | 38 |
| מחמדס שווערד האַקט יידישע קעפּ | 40 |
| איסלאַם פאַרטרייבט קריסטנטום | 41 |
| וואָס לערנט דער „קאָראַן | 46 |
| פאַרוואָס איז פרייטיק דער איסלאַמישער שבת | 50 |
| אַפּיקורסות און רעפאָרמען אין איסלאַם | 54 |
| סתירות אין דער איסלאַם־טעאָלאָגיע | 56 |
| איסלאַם דערלויבט שלום נאָר ביז 10 יאָר | 57 |
| איסלאַמישע געזעצן וועגן פאַמיליען־לעבן | 58 |
| „געמישטע" חתונות לויטן איסלאַם | 60 |
| היטלער געירשנט פון מחמדן די „געלע לאַטע" | 65 |
| איסלאַמישער פירער עפנט ירושלים פאַר יידן | 66 |
| מחמד געפלויגן אין הימל און באַגראַבן אין מעדינא | 69 |
| היסטאָרישע פאַלסיפיקאַציע | 72 |
| מחמד האָט פאַרטוישט יום־כפור פאַר „ראַמאַדאַן" | 74 |
| שוואַרצע מאַכמעדאַנער | 79 |

## זאָראָאַסטראַניזם

| | |
|---|---|
| אַזוי האָט גערעדט זאראַטוסטראַ | 89 |
| ווער איז דער פּאַקטישער זאראַטוסטרא | 90 |
| אייביקער קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס | 92 |
| אין ליכט פון די לערעס פון די יידישע נביאים | 95 |
| אייביקער קאָנפליקט צווישן טעאָריע און פּראַקטיק | 98 |
| זאָראָאַסטראַניזם געקאָנט פאַרהאַלטן וועג פון קריסטנטום | 101 |

## שיקיזם

| | |
|---|---|
| שיקיזם — רעוואָלט קעגן אינדישן קאַסטע־סיסטעם | 109 |
| איז מעגלעך הארמאָניע פון רעליגיעס ? | 110 |
| איסלאַמס שווערע רדיפות קעגן די אינדישע מאַסן | 112 |
| שיקיזם — געמיש פון הינדואיזם, איסלאַם און יהדות | 114 |
| דאָס „הייליקע ספר" פון שיקיזם | 118 |

זייט

פראַקטישע פּרינציפּן אויפצוהאַלטן קיום פון שיקיזם 121
שיקיסטן שטרעבן צו אַן אייגענער מדינה — „שיקיסטאַן" 123

## הינדואיזם

הינדואיזם — רעליגיע מיט טויזנטער געטער 127
אינדישע באַפעלקערונג צעטיילט אין טויזנטער קאַסטעס 128
היטלער גערשנט דעם האַקן־קרייץ פון אינדיע 128
קאַמף פון גאַנדי לטובת 60 מיליאָן „טמאים" 130
הינדואיזם וויל איינשלינגען אַלע רעליגיעס 137
פאַרוואָס איז די קו „הייליק" אין אינדיע 147
הינדו־פרוי לעבט אין זכות פון מאַן 152
הינדו־ליד פון 100 טויזנט שורות 154
די פילאָזאָפישע טעאָריע וועגן „קארמא" 158
ראַבינדראנאט טאגאָרע און מאַהאַטמאַ גאַנדי 159
פאַראייניקונג פון דער הינדו און מערב־קולטורן 161
דאָס ליכט פון אַזיאַטישן אָריענט 163
הינדו „געוויסן פון אָריענט" קעגן מאַטעריאַליזם און פעלקער־האַס 164
פרייהייט־קעמפער גאַנדי — זון פון פריווילעגירטער קאסטע 166
גאַנדי אין די פוס־טריט פון — משה רבינו 167
„סאטאגראהא" — פאָפולערסטע וואָרט פון פרייהייט־קעמפער 169
„רעוואָלוציאָנערער" גאַנדי — ווערט אַ „מאַהאַטמא" 170
ענגלאַנד — אין די פוסטריט פון פרעה, מלך פון מצרים 171
דער קליינער „דודל" — קעגן ענגלישן „גלית" 172
ענגלאַנד „לאַכט" און גאַנדי שווייגט 173
גאַנדי מאַכט ענגלאַנד וויינען 175
געראַנגל צווישן „ציוויליזאַציע" און רעליגיעזן גלויבן 176
הינדו־מאָראַל אַנטקעגן געפעלשטער ביבל־מאָראַל 178
מאָדערנער נביא פון קאַמף אַן בלוט־פאַרגיסונג 179
ענגלאַנד טיילט „מתנות" און גראָבט בלוט־ימען 180
הינדואיזם האָט צוויי „אמתן" און אַ סך געטער 184
די „בני ישראל" — קינדער פון די „פאַרלוירענע צען שבטים" 185
„אל תראוני שאני שחרחורת" 186
לעגענדעס, מיסטיק און פאַנטאַזיעס באַגלייטן די אינדישע יידן 187
צווייערליי יידישע קהלות אין אינדיע 189
רמב"ם וועגן אינדישע יידן 190
ווען זענען יידן געקומען קיין אינדיע 191
לעגענדע וועגן יידן אויף „יענער זייט סמבטיון" 191
אינדיע — אין תנ"ך, גמרא און געשיכטע 192
עלילת־דם צוליב אַ „הייליקע קו" 194
„ירושלים פון אינדיע" — פאָליטיש זעלבסטשטענדיק 195
אינדישע יידן האָבן אַרויסגעגעבן אַן אמורא 197
די אינקוויזיציע האָט דערגרייכט אויך קיין אינדיע 198
שבת־רו — קען־צייכן פאַר יידן אין אינדיע 200
יידישע פרויען איבערנומען מנהגים פון אינדישע פרויען 202
הארמאָניע צווישן „ווייסע" און „ברוינע" יידן 203

זייט

„יידישע אינדיאַנער״ באַקלאָגן זיך אויף חילול־שבת 205
סוד פון יידישן פאָלקס־קיום 206
„מעדאַל פון די אנוסים״ 206
יידישער גורל און אמונה אין „שמע ישראל״ 208


## בודיזם


בודיזם — פראָטעסט קעגן קאסטע־סיסטעם און פיל־געטעריי 211
בודא — זוכער פון אמת 212
לערע וועגן „סודות פון לעבן״ 213
צען מידות פון בודיזם 214
אטעיזם — בודאס עטישע „רעליגיע״ 215
בודאַס 4 „אמתן״ 216
דאָס „געטלעכע ראָד פון פייער״ 219
די „עשרת הדברות״ פון בודיזם 220
בודאַס „טעאָלאָגיע״ פון נעגאַטיווע מצוות 221
בודא שאפט נאָכפאָלגערשאַפט פון אַ „הייליקער חבריא״ 222
בודא אַלס „גאָט״ און זיין לערע — אַלס נייע „רעליגיע״ 223
בודא רעוואָלוציאָניזירט דאָס לעבן פון פרויען 224
די „ביבל פון בודיזם״ 225
בודיזם דערלויבט צו גלויבן אין עטלעכע רעליגיעס מיטאַמאָל 226
לעגענדעס וועגן געבורט און לעבן פון „בודאַן״ 227
בודאס טויטער קערפער פאַרברענט לויט טראַדיציעס פון הינדואיזם 232
בודאַ געפונען דעם „שליסל״ צום מענטשס „גליק אין לעבן״ 233
דער הייליקער „טעמפל פון בודאַס צאָן״ 235
„איר פאַרמאָגט וואָס איר האַסט, און האָט נישט וואָס איר ליבט״ 236
בודא צעשטערט די חלומות פון בודיסטן 238
דאָס „גרויס ראָד״ און „קליינע ראָד״ פון בודיזם 239
בודיסט אר־טאַנט נענטער צום איסלאַם און קאָמוניזם ווי צו יידן 240
איז בן־גוריון באַאיינפלוסט פון — בודיזם ? 241
„יהדות״ אין אַ בודיסטישער אויפלאַגע 244
ראָל פון רעליגיע אין דער בלוטיקער טראַגעדיע אין וויעטנאַם 246
קאַטאָליציזם און פראַנקרייך — קעגן בודיסטן און בודיזם 247
בודיזם — קרבן פון איסלאַמישע פאָגראָמען און דיסקרימינאַציעס 250
„מאָדערנער״ בודיזם געפאַנגען פון קאָמוניסטישער „אידעאָלאָגיע״ 251
בודיסטן און יידן געלעבט אין פריינטלעכע באַציאונגען 252
בודיסטישע ליבע מיט די יורשים פון מחמדן און לענינען 254
אין זכות פון „אברהם אָבינו״ — איסלאַם געהערשט אין צעילאָן 255
בודיסטישע לערע אין ליכט פון קאָמוניסטישער רעאַליטעט 256
„פאַראַנאָיאַ״־קרענק באַהערשט צעילאָנער פירערשאַפט 259
בודיסטישע דאָקטרין פון „טאַנטריזם״ 260
ווי אַזוי טיבעט קלויבט־אויס אַ „דאַלאַי לאַמאַ״ 261

# אַ וואָרט פריער

„— ווו איז גאָט ?
—ווו מען לאָזט אים אַריין".

„די מצווה — איז נאָר די כלי ; די כוונה — איז דער תוכן".

אין אַזעלכע עטלעכע ווערטער האָט רבי מענדעלע זצ"ל, דער „קאָצקער", דערקלערט יהדות „על רגל אחת".

דער רבי רב בינם זצ"ל פון פשיסכע האָט אויף זיין שטייגער דאָס דערקלערט : „איך קאָן מחזיר בתשובה זיין אַלע רשעים, נאָר מיט איין תנאי — זיי זאָלן אויפהערן צו זיין שקרנים".

אין דער תורה־ליטעראַטור (פסיקתא רבתי, פרק פ"ד) ווערט פעסטגעשטעלט אַז „אַלצדינג אויף דער וועלט האָט דער אייבערשטער באַשאַפן, נאָר נישט דעם שקר. **דאָס** האָבן די מענטשן פון זיך אַליין אויסגעטראַכט".

דער מאָדערנער שרייבער פון אונדזער צייט, א. גאָלאָמב („צוקונפט" 1966), שטעלט פעסט אַז „יידן האָבן געזוכט גאָט, נישט אין פילאָזאָפיעס און נישט אין טעאָלאָ־גיעס, נאָר אין זיך, אין זייער יידישקייט".

יהדות האָט געברענגט דער מענטשהייט די אמונה אין איין גאָט אין הימל. לויט דער מאָדערנער דיאַלעקטיק ווערט דאָס אָנגערופן מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם.

אויך קריסטנטום, מאַכמעדאַניזם, זאָראָאַסטראַניזם און שיקיזם האַלטן אַז זייערע רעליגיעס באַזירן אויף מאָנאָטעאיזם.

אפילו היינט־צו־טאָג זענען אויך פאַראַן פ אָ ל י ־ ט ע י ס ט י ש ע רעליגיעס — גלייבנס אין מער־געטער.

רעליגיע איז אַלט ווי דער מענטש. דער מענטש האָט תמיד געזוכט גאָט. אויב ער האָט נישט געוווסט, אָדער נישט פאַרשטאַנען, ווו אים צו געפינען — האָט ער אַליין באַשאַפן פאַר זיך אַ „גאָט". מענטשן וואָס זענען נישט פעאיק צו באַגרייפן מיטן שכל מער וואָס די אויגן זעען — האָבן זיך געמאַכט „געטער" אין פאָרם פון בילד און געשטאַלט.

רוב מענטשן וואָס רעדן וועגן רעליגיעזער פרייהייט — האָבן אין זינען זייער אייגענע רעליגיע און זייער אייגענע פרייהייט.

רעליגיעזע פרייהייט באַדייט אויך מענטשלעכע סאָציאַלע און פאָליטישע פרייהייט. אין דער מאָדערנער דיאַלעקטיק הייסט דאָס ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע.

מיר ווילן זיך באַמיען אַריינצובליקן אין יעדער פון די „וועלט"-רעליגיעס פון אונדזער צייט. דאָס וועט נישט זיין אַ פרווו אויסצולערנען זיך „התורה כולה על רגל אחת". מיר ווילן נאָר בלויז „עפענען אַ פענצטער" צו זעען די רעליגיעס אַזוי ווי זיי זענען. ווער עס וויל וויסן מער — „זיל גמור".

# מאָנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם

די וויסנשאַפט דערקלערט, אַז היינט־צו־טאָג זענען פאַראַן אויף דער וועלט 11 (עלף) „לעבעדיקע" רעליגיעס.

אַלס „לעבעדיק" ווערן באַטראַכט די רעליגיעס וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן זייער קיום ביז היינט־צו־טאָג, מיט באַשטימטע פּרינציפּן און געזעצן פון מאָראַל, און מיט אַ ליטעראַטור וואָס איז פאַר זייערע אָנהענגערס אַ גייסטיקער וועג אין לעבן.

אונדזער כוונה איז נישט צו פירן קיין „רעליגיעזע דיאַלאָגן", פאַוואָריזירן אָדער אַפּלייקענען, לויבן אָדער קריטיקירן די רעליגיעס. מיר ווילן נאָר מאַכן אַן אָביעקטיוון „שפּאַציר", ווי מיט אַ „פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט", איבער דער ליטעראַטור און אידייען פון די רעליגיעס. דער יידישער פאָלקס־מענטש, ווי דער למדן, וועט האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערזען די עקזיסטירנדיקע רעליגיעס אַזוי ווי זיי זענען אין אונדזער אומרו־איקער און צערודערטער תקופה פון שפּאַלטן־און־פאַרייניקן אַטאָמען, פון פליען צו דער לבנה און „נאָך העכער", פון „היפּיס" און „מיניס", פון מלחמות און אויפשטאַנדן, אָן זיכערקייט פאַרן היינט און שרעק פאַרן מאָרגן.

די רעליגיעס זיינען:

1) י ה ד ו ת . די ערשטע אמונה אין מאָנאָטעאיזם, די אמונה אין איין בורא־עולמים — באַשאַפער פון הימל און ערד און אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט. יהדות איז אַלט זינט ששת ימי בראשית. היינט־צו־טאָג זענען פאַראַן אויף דער וועלט

בערך 12 און אַ האַלב מיליאָן יידן (כ״י) — דאָס איינציקע פאָלק וואָס אידענטיפיצירט זיך צו יהדות.

2) קריסטנטום. האַלט זיך אַלס מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע. זי האָט אָבער דאָגמעס פון אַ בשותפותדיקער הנהגה פון אַ „פאָטער, זון און הייליקן גייסט״. טייל מנהגים זענען ענלעך צו געצנדינערישע. די רעליגיע איז אַן אָפּשפּאַלט און אָפּנויג פון יהדות, אַנטשטאַנען אין ארץ ישראל מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק. איר גרינדער — ישו הנוצרי. די פירער פון דער רעליגיע דערקלערן אז אירע אָנהענגער אין פאַרשידענע טיילן וועלט ציילן בערך 500 מיליאָן קאַטאָליקן, און בערך 300 מיליאָן פּראָטעסטאַנטן און אַנדערע צווייגן פון קריסטנטום.

3) מאַכמעדאַניזם, אָדער — איסלאַם. אַ מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע. אַנטשטאַנען בערך 1350 יאָר צוריק. איר גרינדער — מחמד, געבוירן אין מעקא, היינט סאַוד־אַראַביע. אירע אָנהענגער שאַצט מען אויף בערך 400 מיליאָן — בעיקר אין די אַראַבישע לענדער, צפון־אפריקע, טערקיי, פּערסיע, אינדיע, אַפּגאַניסטאַן, כינע און אין די אַזיאַטישע געגנטן פון סאָוועט־רוסלאַנד. אויך אין אַמעריקע זענען פאַראַן אַן ערך 100 טויזנט מאַכמעדאַנער.

4) זאָראָאַסטראַניזם. אַ מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע. אַנטשטאַנען בערך 2500 יאָר צוריק. איר גרינדער — זאָראָאַסטראַ. די רעליגיע האָט נישט מער ווי בערך 150 טויזנט אָנהענגער אין אינדיע און אין פּערסיע.

5) שיקיזם. אַ מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע. אַ געמיש פון איסלאַם און הינדואיזם. אַנטשטאַנען אין 15־טן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט־רעכענונג, בעיקר אַלס פּראָטעסט קעגן קאַסטן־סיסטעם אין אינדיע. איר גרינדער — נורו נאַנאַק, געבוירן אין יאָר 1469 אין אינדיע. די רעליגיע ציילט בערך 6 מיליאָן אָנהענגער אין אינדיע און אין די שכנותדיקע לענדער.

6) הינדואיזם. אַ רעליגיע מיט אַ סך געטער. שטאַרק פאַרהייליקט איז די קו (בהמה). די רעליגיע זאָל זיין אַלט 5000 יאָר און האָט העכער 500 מיליאָן אָנהענגער אין אינדיע. דרום־אַפריקע, צעילאָן און סיאַם.

7) בודיזם. אַנטשטאַנען בערך 2500 יאָר צוריק איר גרינדער — בודהאַ. די רעליגיע האָט בערך 200 מיליאָן אָנהענגער, בעיקר אין אינדיע, כינע, יאפאן, קאָרעאַ און אין די שכנותדיקע לענדער, און צווישן די קאַלמוקן אין רוסלאַנד.

8) קאָנפיוציאָניזם. אַנטשטאַנען מיט בערך 2500 יאָר צוריק, אין דער זעלבער צייט וואָס בודהיזם. איר גרינדער — דער פילאָזאָף און פּאָעט קאָנפיוצוס. די רעליגיע האָט בערך 300 מיליאָן אָנהענגער, בעיקר אין כינע, קאָרעאַ און מאַנדזשוריע.

9) טאַאָיזם. אַנטשטאַנען בערך מיט 2500 יאָר צוריק, אין דער זעלבער צייט וואָס זאָראָאַסטריאַניזם. בודהיזם און קאָנפיוציאַניזם. גרינדער — דער כינעזישער פילאָזאָף לאַאָ־טסע. די רעליגיע האָט בערך 50 מיליאָן אָנהענגער אין כינע, קאָרעאַ און מאַנדזשוריע.

10) שינטאָיזם. אַ רעליגיע מיט אַ סך געטער. אַנטשטאַנען מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אָן גענויע דאַטע. האָט בערך 30 (טייל האַלטן אַז 75) מיליאָן אָנהענגער. די אָפיציעלע רעליגיע פון יאפאן.

11) דזשעניזם. אַן אַלטע רעליגיע, אָן באַשטימטע צייט פון אַנטשטייאונג. זי האָט קנאַפּע צוויי מיליאָן אָנהענגער, בעיקר אין אינדיע.

וועגן דער צייט פון אַנטשטיין און די צאָל אָנהענגער פון טייל פון די „לעבעדיקע" רעליגיעס זענען פאַראַן אַ סך חילוקי־דעות און צווייפלהאַפטע היסטאָרישע באַווייזן. היסטאָריקער פון יעדער רעליגיע באַמיען זיך צו געבן אינפאָרמאַציעס אַז זייער רעליגיע

איז עלטער און האָט מער אָנהענגער, אָבער ווייניק קענען זייערע פאַקטן פעסטשטעלן מיט היסטאָרישע דאָקומענטן. מען שטיצט זיך דעריבער מער אויף השערות.

חוץ די דערמאָנטע 11 רעליגיעס איז אונדזער דור גע־בענטשט מיט נאָך אַ ביסל נייע רעליגיעס. אין יאפּאן גופא האָבן גרויס דערפאָלג די נייע „רעליגיעס" — „טענריקין", אָנגערופן אויפן נאָמען פון דער יאפּאנעזישער שטאָט „טענרי". די רעליגיע האָט שוין צו־מזל עטלעכע מיליאָן פאַנאַטישע אָנהענגער. אַ צווייטע יאפּאנעזישע נייע „רעליגיע", וועלכע האָט שוין אַזש 10 (צען) מיליאָן „גלייביקע", הייסט „סאָקאָגאקקאי", נאָכן נאָמען פון אַ יונגן יאפּאנעזישן פירער וועלכער האָט „פאַרכאַפּט די הערצער" פון דאָרטיקן יינגוואַרג. טייל האַלטן אַז אין יאפּאן זענען לעצטנס „געבוירן געוואָרן" אַזש 30 נייע „רעליגיעס".

גרויסע פּרעטענסיעס צו זיין די רעליגיע פון דער „גאַנצער וועלט" און פון „אַלע מענטשן" איז די באהאַי־רעליגיע, וועמענס גרינדער און „לעצטער נביא" איז געווען באַהאַיוללאַ. די רעלי־גיע האָט איר „בית המקדש" אויפן הר הכרמל אין חיפה.

מיר האַלטן אַז אויך קאָמוניזם איז אַ „רעליגיע" — די רע־ליגיע פון אַטעאיזם.

נאַציזם און פאַשיזם זענען אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „רעליגיעס" — זייער „קולט" און צערעמאָניאַלן זענען געוואָרן בלוטיקע עבודה־זרות. די היטלעריסטן האָבן דעם האָקנקרייץ געהאַלטן הייליקער ווי קריסטן דעם צלם. די נאַציס האָבן זיך געבוקט צום היטלער־אָפּגאָט אַזוי ווי די קריסטן צו יעזוסן, די מאַכמעדאַנער צו מחמדן, און די קאָמוניסטן צו סטאַלינען.

# אמונה, נביאים און משיח

וועגן רעליגיע קען מען נישט דיסקוטירן. דאָס איז אַן ענין פון אמונה, גלויבן. אָדער מען גלייבט, אָדער מען גלייבט נישט.

אין יעדער תקופה האָבן מענטשן געגלייבט אין גאָט, אָדער אין געטער, אין פאַרשידענע פאָרמען. יעדע רעליגיע האָט געהאָט אירע נביאים (נביאי האמת און נביאי השקר), גייסטיקע לערער (טעאָלאָגן) און רעליגיעזע מנהיגים. בדרך כלל זענען נביאים נישט געווען באַגרענעצט נאָר אין די דלד־אמות פון זייער דת. זיי האָבן געזעען דעם אַרום, אַנאַליזירט אים, און אַריינגעבליקט אין די מחשבות און מעשים פון די מענטשן — זייערע נאָכפאָלגער און קעגנער. יעדנפאַלס איז דאָס זיכער שייך צו די יידישע נביאים — די נביאי־האמת. אַזוי אַרום האָבן זיי געקאָנט זיין דערפאָלגרייכער אין זייערע לערעס. פונקט ווי די זון גיט אַרויס מיליאָנען אויסשטראַלונגען; ווי אַ סימפאָניע, מיט אַלע אירע טענער, קלאַנגען און ניואַנסן; ווי אַ בריליאַנט מיט זיינע בלישטשענדיקע פרעכטיקע קאָלירן; ווי אַ גאָרטן מיט אַלע ריחות און געשמאַקן פון יעדן בלום, גרעזל און געוויקס.

אויך די באַגריפן: — גאָט, שכינה, אחדות הבורא, בחירה חופשית, השגחה העליונה און השגחה פרטית, שכר ועונש, עולם הבא, תחיית המתים, זענען ביי יידן אַנדערש ווי ביי גלייביקע אין אַנדערע רעליגיעס, אַפילו ווי ביי די אומות העולם וואָס גלייבן אין מאָנאָטעאיזם. דער באַגריף גופא „מאָנאָטעאיזם" ווערט אַנדערש פאַרשטאַנען דורך יידן, און אַנדערש דורך קריסטן, צי מאָכמעדאַנער.

דאָס זעלבע בנוגע משיח. יידן גלייבן באמונה שלימה אז משיח ו ו ע ט קומען און וועט אויסלייזן די מענטשהייט פון מלחמות, שנאה און אַלערליי צרות; אַז די וועלט וועט דעמאָלט זיין אַ שלימותדיקע, אַ וועלט פון מלכות שמים, — כולו שבת.

די קריסטן, להבדיל, האלטן אז „משיח איז שוין געקומען", אז ישו הנוצרי איז דער „משיח". די מאכמעדאנער גלייבן אזוי וועגן מחמדן. אויף אן ענלעכן שטייגער זענען איינגעגלייבט הונדערטער מיליאנען אנהענגער פון אנדערע רעליגיעס.

יעדער טעאלאג האט אן אנדערע רעליגיעזע „פילאזאפיע", אדער פילאזאפיע וועגן רעליגיע. און אזוי ווי עס „קריסטלט" זיך — אזוי „יידלט" זיך. למשל, ביי די יידישע „טעאלאגישע" פירער אין אמעריקע זענען לעצטנס אויסגעוואקסן באגריפן וועגן פארשידענע „יהדותן" — ארטאדאקסישע, קאנסערוואטיווע, רעפארם, רעקאנסטרוקשיאניזם, און יעדער פון זיי איז „זיכער" אז נאר „זיין יהדות" איז דאס אמתע יידישקייט.

אין אונדזער מאדערנער צייט רעדט מען אויך — בעיקר אין גרויסן און דעמאקראטישן אמעריקע — א סך וועגן „קא־עקזיסטענץ", קאאפעראציע און פארשטענדיקונג צווישן די רעליגיעזע מנהיגים פון פארשידענע אומות. דאס דארף זיין א „בריק", אדער פארשפיל, צו אהבה, אחווה ורעות. שיער־נישט דער פארווירקלעכטער חלום פון ישעיהו הנביא וועגן שלום, גאולה און ביאת המשיח.

## וואס איז רעליגיע

דער יידישער באגריף וועגן „רעליגיע" איז לגמרי אן אנדערער ווי ביי די אומות העולם. אין דער גאנצער יידישער געשיכטע איז רעליגיע תמיד געווען דער יסוד פון פאלקס־קיום. די יידישע רעליגיע איז נישט קיין דאגמאטישע. „התורה נתנה לדרוש". לויט רבי סעדיה גאון (געלעבט אין 10־טן יארהונדערט) — „אמונה ודעות". אונדזער „שולחן ערוך" נעמט ארום דאס גאנצע יידישע לעבן, און רעגולירט אלע זיינע אספעקטן פון אויפשטיין אין דער פרי ביזן איינשלאפן ביינאכט. „רעליגיע" ביי יידן הייסט

דת, אמונה, פאָלק, נאַציע, — „גוי קדוש וממלכת כוהנים״ — מקיים זיין די 613 מצוות פון דער תורה. דער „רמב״ם האָט דאָס קאַנאָניזירט אין 13 ע ק ר י ם , אָדער — „ א נ י מ א מ י נ ס ״ . דערצו קומען־צו די לערעס וועגן מאָראַל און עטיק, רחמנות און יושר, צדק, אמת און שלום.

בקיצור קאָן מען דאָס באַצייכענען מיט: — ראשית חכמה — יראת השם. ואהבת לרעך כמוך. מה דעלך סני לחברך לא תעביד. לא המדרש עיקר אלא המעשה.

די אַנדערע רעליגיעס האָבן אויך אָנגעצייכנט „עיקרים״ פאַר „רעליגיע״.

אין איסלאַם: — רעליגיע איז געטלעכקייט („אלהות״) אין אונדז; צו דערגרייכן די הויך פון געטלעכקייט. רעליגיעז איז דער וואָס גיט זיך איבער צו גאָט, טוט וואָס איז גוט, און היט די אמונה פון אברהם מיט זיין גאַנצער ערלעכקייט. ווער עס טוישט זיין רעליגיע — דערהרגע אים מיט דיין שווערד.

אין קריסטנטום: — רעליגיע האָט צוויי קינדער — ליבע און שנאה. העלף יתומים און אלמנות אין זייערע צרות. ואהבת לרעך כמוך. ווער עס גיט דיר אַ פּאַטש אין איין באַק — שטעל אונטער דיין צווייטע באַק.

אין זאָראָאסטריאַניזם: — באַעוול נישט די לעבעדיקע, רעספּעקטיר די טויטע.

אין שיקיזם: — באַצי זיך מיט ריינע מחשבות צו די אומריינקייטן פון דער וועלט. רעליגיע באַשטייט נישט נאָר אין ווערטער. דער וואָס באַטראַכט אַלע מענטשן אַלס גלייכע — דער איז רעליגיעז.

אין באַהאאיזם: — דער יסוד פון רעליגיע איז — ווייניק ווערטער און מער מעשים.

אין הינדואיזם: — רעליגיע איז רחמנות פאַר אַלעם וואָס האָט לעבן.

אין בודהיזם: — זאָלסט קיינמאָל נישט מזלזל זיין די אמונה פון אַ צווייטן. זיי אַ קרוב צו אַ קעניג און אַ חבר צו אַ בעטלער — אויב ער פאַרדינט זיך דאָס. טו וואָס ווייניקער שלעכטס. טו וואָס מער גוטס.

אין שינטאָאיזם: — רעליגיעזקייט איז די אָנרעגונג צו ליבע.

אין דזשעניזם: — רעליגיע באַדייט זעלבסט־קאָנטראָל. נישט טאָן שלעכטס און טאָן גערעכטיקייט צו אַלע לעבעדיקע באַשעפע־נישן אויף דער וועלט.

ווי אַזוי די אַלע שיינע אידעען זעען אויס אין דער ווירק־לעכקייט — איז אַ באַזונדערער ענין.

## איז צוגעהעריקייט צו רעליגיע — ירושהדיק?

זייט וועלט איז געוואָרן וועלט, פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט אין לעבן פון מענטש און פאָלק — רעליגיע. צי זי איז מאָנאָטעאיסטיש (אחד), צי פאָליטעאיסטיש (מער געטער), צי געצנדינעריש. מענטשן זענען תמיד געגאַנגען, און געווען גרייט צו גיין, אויף קידוש השם פאַר זייער אמונה. געצנדינער האָבן פאַר זייער „רעליגיע" אפילו מקריב געווען זייערע לעבעדיקע קינדער. ביי די מאָכמעדאַנער הייסט דאָס „הייליקע מלחמה". ביי אַנדערע רעליגיעס האָט דאָס אַן ענלעכן נאָמען.

נאָר יחידים אַנאַליזירן זייער אמונה (רעליגיע) צי זי איז די „ריכטיקע", און נאָר יחידים טוישן זייער רעליגיע. בדרך־כלל גייט רעליגיע איבער „בירושה" פון עלטערן צו קינדער. רע־ליגיעזע מיסיאָנערן האָבן קיינמאָל נישט מצליח געווען אין „פאַנגען נשמות" אויב זייערע מעשים זענען נישט באַגלייט געוואָרן מיט כוח. מיט דער שאַרף פון דער שווערד. אפילו „פריידענקער", אָדער סתם רעוואָלטירער קעגן רעליגיע — שמדן

זיך נישט (אָן אונטערשיד ווי מען רופט דאָס ביי יעדער רעלי־גיע). זיי גייען נישט אַוועק צו־ווייט פון זייער „געירשנטער" רעליגיע. די רעליגיעזע שפורן אין שטוב פון עלטערן אָדער זיי־דעס, בלייבן אויפן גאַנצן לעבן, אפילו אויף דור־דורות. „גיורא עד עשרה דרי לא תבזה ארמאי קמיה" (סנהדרין צ"ד; רש"י, שמות י"ח, ט).

ביי אַלע פעלקער זענען מענטשן געווינט צו באַשטימטע אָנ־גענומענע געזעצן פון רעליגיע. עס איז פשוט ווי די פשוטקייט אַליין צו קוקן פון „אויבן־אַראָפּ" אויף אַנדערע רעליגיעס. דער לעבנס־שטייגער און באַגריפן פון אַנדערש־גלויביקע זענען אויס משונהדיק, צי נישט־פאַרשטענדלעך. מען פאַרגעסט, אַז אויך די אַנדערש־גלויביקע קוקן אויף אונדז אויף אַן ענלעכן אופן.

רעספּעקטירנדיק אַנדערש־דענקענדיקע, צי אַנדערע פילאָזאָפן און דענקער, באַדייט נישט אַז מען איז מיט זיי מסכים, אָדער אַז מען ווערט דורך דעם קלענער, צי שוואַכער, אין דער אייגענער אמונה. דער „ודע מה שתשיב לאפיקורס" באַדייכערט אויך — און אפשר קודם־כל — דעם אייגענעם וויסן און מחשבות. אַלע אונדזערע גרויסע תלמידי חכמים זענען געווען באַהאַוונט אין אַנדערע לשונות און וויסנשאַפטן.

* * *

מאָדערנע יידן וואָס זענען „פריידענקעריש", צי אפילו „גע־שטימט" רעליגיעז אָדער טראַדיציאָנעל, מיינען, אַז רעליגיע איז אַ „פּריוואַט־זאַך". דאָס נעמט זיך, אינסטינקטיוו, פון טאָלעראַנטן פּרינציפּ אין יהדות וועגן „בחירה". דער ייד האָט אַ פרייען אויס־וואַל צו באַשטימען זיין וועלט־בליק פון דענקען און לעבן. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים". אין דער תורה גופא איז אָנגע־זאָגט געוואָרן, אַז דער מענטש זאָל זיך אַליין אויסבאַנען זיין וועג אין לעבן — דעם גוטן אָדער שלעכטן. די תורה גיט אונדז נאָר אַן אָנווייז — „ובחרת בחיים". דער רעדאַקטאָר פון דער משנה,

רבי יהודה הנשיא (137 — 210 לויט אלגעמיינער צייט-רעכענונג) האט פעסטגעשטעלט (מסכת אבות 1:2) דעם גלייכן וועג וואס א מענטש זאל זיך אויסקלייבן אין לעבן (איזו היא דרך הישרה שיבור לו האדם).

מאדערנע יידן מיינען אויך, אז זיי ווייסן שוין געווי, אז דער מאנאטעאיזם איז אנגענומען אויך סיי פון דער קריסטלעכער און סיי פון דער איסלאמישער וועלט.

דער אמתער אמת איז, אז זיי האבן א גרויסן טעות. דער פאלקס-מענטש האט א שווער לעבן — לערנט ער ווייניקער דער־וועגן, פילאזאפירט ווייניק און מאכט, לרוב, זיינע באשלוסן אויפן יסוד פון אויבערפלאכקייטן. חוקרים זענען גראד די געלערנטע, די רעליגיעזע מנהיגים.

פרומע יידן ווארפן אפ בכלל די טעזע אז יהדות איז א „רעליגיע". — יהדות איז א תורת החיים — דער קרישטאלענער אמת, אן שום חקירות אדער שאלות וועגן „מה למעלה, מה למטה". אז מיר בלעטערן אונדזער תנ"ך און תלמוד (בבלי און ירושלמי), די רייכע ליטעראטור פון די מפרשים און פוסקים (ראשונים און אחרונים) — זעען מיר די ברייטע האריזאנטן פון די יידישע גרויסע גייסטיקע מנהיגים. זיי זענען געווען אלטרואיס־טיש — אדער ווי מען רופט דאס אויף היינטיק מאדערן לשון — „קאסמאפאליטיש", נישט נאר אויף די געביטן פון רעליגיעזן טראכטן און דענקען, פון פילאזאפיע און טעאלאגיע, אסטראנאמיע און מעדיצין, ארכעאלאגיע און אגריקולטור, געזעצגעבונג און מלוכה־פירונג נאר בעיקר וועגן לעבן און גורל פון מענטש, זיין ראל אין לעבן און זיין באציאונג צום מיטמענטש.

# האָט דער מענטש באַדאַרפט באַשאַפן ווערן?

אַלס פּראָטאָטיפּ פון גרויסן לאַבירינט פּראָבלעמען און השקפות פון אונדזערע תלמידי חכמים, איז כדאי אויפצומישן אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע צווישן די געלערנטע פון די תלמודישע אַקאַדעמיעס פון די בית־שמאי און בית־הלל, מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק.

אין תלמודישן טראַקטאַט (מסכת) עירובין (י״ג) ווערט דערציילט, אַז במשך צוויי־און־אַ־האַלב־יאָר האָבן די תלמידים פון בית־שמאי און די תלמידים פון בית־הלל שטודירט די פילאָזאָפיע פון מענטשלעכן לעבן און זיין דאַ־זיין. די דיסקוסיע איז געגאַנגען אַרום פּראָבלעם, צי האָט דער מענטש בכלל באַדאַרפט באַשאַפן ווערן. אַז סיי־ווי מוז ער שטאַרבן און קיין שום וויסנשאַפט האָט נאָך נישט אַנטדעקט דעם סוד פון טויט, און נישט געפונען קיין שום מיטל קעגן מלאך־המוות. און ווי זעט אויס דאָס לעבן גופא? — פון געבוירן ווערן ביזן שטאַרבן איז עס באַגלייט מיט לייד און ווייטיק, קאַמף און צרות. דאָס ביסל נחת און פרייד אין לעבן ווערט „בטל בשישים" אין ים פון צער און צרות.

די תלמידים פון בית־שמאי האָבן געהאַט אַ פּעסימיסטישן קוק אויפן לעבן. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נישט כדאי דאָס גאַנצע קאַפּיטל וואָס מיר רופן „לעבן". דעריבער — „טוב שלא נברא משנברא".

די תלמידים פון בית־הלל, דאַקעגן, האָבן געהאַט אַן אָפּטימיסטישן קוק אויפן לעבן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו געניסן פון לעבן, צו מאַכן דעם מענטש בעסער און דאָס לעבן שענער — „לתקן העולם במלכות שדי", און צו זען גאָטס ווונדער אין וועלט־באַשאַף — „מה רבו מעשיך השם". דעריבער איז גוט וואָס גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש און אים אָנגעטרויט די גרויסע מיסיע פון פאַרוואַנדלען די וועלט אין „גאָטס

קעניגרייך" פון צדק און חסד, ליבע און שלום. און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז „טוב שנברא משלא נברא".

די צוויי־און־האַלב־יאָריקע דיסקוסיע האָט זיך פאַרענדיקט אויף אַ ריין־דעמאָקראַטישן אופן — אַן אַפּשטימונג פון די דיס־קוטאַנטן. די מערהייט האָט אָבער אונטערשטיצט די וועלט־אַנשוי־אונג פון די בית-שמאי און — „נמנו וגמרו" — ענדגילטיק דעצי־דירט אַז — „טוב ש ל א נבראָ משנבראָ". היות אָבער דער מענטש איז פאָרט באַשאַפן געוואָרן, איז זיין הייליקע אויפגאַבע צו טאָן נאָר גוטס און מאַכן די וועלט און די מענטשן שענער, בעסער און גערעכטער.

## וועמענס לעבן איז וויכטיקער?

אַן ענלעכע געשיכטע — ווייניקער פילאָזאָפיש און מער מענטש־לעך־רעאַליסטיש — דערציילט די גמרא אויף אַן אַנדער אָרט (מסכת ב"מ, ס"ב): — צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין מדבר און איינער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך וואַסער צום טרינקען, גענוג נאָר פאַר זיך. אויב ביידע זאָלן טרינקען פון וואַסער — וועט נישט זיין גענוג אויפצוהאַלטן זייער לעבן ביז זיי וועלן אָנקומען צו אַ מענטשלעכן ישוב. זאָל נאָר איינער טרינקען — וועט ער עובר־זיין אויף די תורה־געבאָטן פון „ואהבת לרעך כמוך" און „וחי אחיך עמך". דאָס גרענעצט זיך אויך מיט דער שטעלונג פון די תנאים אין דער גמרא (סנהדרין, ע"ד; פסחים, כ"ה; יומא, פ"ב) אַז „פון וואַנען ווייסטו וועמענס בלוט איז רויטער?" („מה חזית דדמא דידך סומק טפי? דלמא דמא דההוא גברא סומק טפי"!).

דערציילט די גמרא וועגן אַ שאַרפער דיסקוסיע אַרום דאָזיקן פּראָבלעם — וואָס האָבן די צוויי מענטשן געזאָלט טאָן? איין

תנא מיטן נאָמען בן־פטירא (דער דאָזיקער נאָמען געפינט זיך אין דער גמרא נאָר צוויי מאָל. לויט אחד העם, אין זיין „על שתי הסעפים״, איז דאָס געווען ישו הנוצרי) האָט געפסקנט אַז „זאָלן ביידע טרינקען פון וואַסער ווען אפילו ביידע וועלן נאָך דעם שטאַרבן, כדי קיינער פון זיי זאָל נישט צוזעען דעם טויט פון צווייטן״ („מוטב שישתו שניהם וימותו ואל יראה אחד מהם במיתתו של חבירו״). דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט זיך אָבער אַקעגנגעשטעלט אַזאַ אַכזריותדיקן באַשלוס. ער האָט געטענהט: — דאָס איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער לערע פון תורת ישראל און דאָס איז קעגן גייסט פון יהדות. די תורה פסקנט אַז „חייך קודמים״ — דער וואָס האָט דאָס וואַסער האָט רעכט צו טרינקען פון וואַסער („ישתה קודם־כל האיש שיש לו מים״), אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פאַל.

זיכער קען מען האָבן פאַרשידענע מיינונגען דערוועגן, סיי פון אַלטרואיסטישן, סיי פון עגאָאיסטישן שטאַנדפונקט. יהדות איז אָבער נישט קיין דאָגמאַטישע, סאָפיסטישע לערע. עס איז אַ תורת־חיים, באַזירט אויך אויף שכל הישר און צדק.

אין אונדזער נישט־ווייטער צייט האָט דער שעפער פון חסידות, דער בעל־שם־טוב, אונדז דערקלערט זיין פילאָזאָפישע דעפיני־ציע וועגן באַשאַף און מיסיע פון וועלט און מענטש: — דער רבונו־של־עולם מיט זיין גאַנצער יצירה זענען ווי א זיווג פון אַ חתונה־געהאַט פאַרפאָלק. דער מענטש איז דער „יצור נבחר״, „יצור הבריאה״. אַ חלק פון דער גאָטהייט. „בצלם אלקים נברא האדם״. אין יעדן מענטש זענען פאַראַן עשר ספירות, פונקט ווי ביים רבונו־של־עולם זענען פאַראַן עשר ספירות. דער מענטש איז דעריבער דער צענטער פון דער וועלט, און יעדער מענטש קען זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון צו זיין אַ צדיק. פאַראַן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי דער מענטש זאָל קאָנען ווערן אַ צדיק — לויט זיינע באַגריפן און מעשים, דעריבער זענען פאַראַן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי אויסצופירן די געטלעכע שליחות אויף

די וועלט. די תנאים האָבן דעריבער געפסקנט אַז „יש אדם שקונה עולמו בשעה אחת", דער מענטש קען זיך קויפן זיין וועלט אפילו אין איין שעה, מיט איין גוטע, מענטשלעכע טאַט. דער צדיק איז דעריבער די נשמה און האַרץ פון דער וועלט. יעדער מענטש קען ווערן אַ צדיק — דורך לעבן אַ צדקותדיק לעבן. היות נישט יעדער האָט כוח צו ווערן אַ צדיק — דאַרף מען לעבן אין פריינט־שאַפט און אחדות. אַלע צוזאַמען קאָנען משפיע זיין איינער אויפן צווייטן. (דאָס וואָרט „צבור" באַדייט טאַקע: צדיקים, בינונים ורשעים). דעריבער דאַרף דער גאַנצער מענטשלעכער קאָלעקטיוו ווירקן איינער אויפן צווייטן מיט גוטס, איינער זאָל זיין אַ מוסטער פאַרן אַנדערן. די תלמודיסטן האָבן טאַקע אונדז גע־לערנט אַז יעדער ייד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן („כל ישראל ערבים זה לזה").

(מער וועגן יהדות—אין קאַפיטל י ה ד ו ת, אין צ ו ו י ט ן טייל בוך).

# איסלאם

(מאכמעדאניזם)

# דער נביא מחמד און זיין נייע רעליגיע

די מאַכמעדאַנישע רעליגיע איז פון די יינגסטע „וועלט״־רעליגיעס און די אייניציקע הויפט־קאָנקורענטין צום קריסטנטום. בעיקר אויפן געביט פון מיסיאָנערישקייט — „געטלעכע שליחות״ צו פאַנגען נשמות.

דער ריכטיקער נאָמען פון דער רעליגיע איז א י ס ל אַ ם, אַן אַראַבישער אויסדרוק פאַר „אונטערגעבן זיך איינגאַנצן צום ווילן פון גאָט״. די אָנהענגער הייסן „מאָסלעמס״, אָדער „מוסלעמס״. דאָס וואָרט באַדייט דאָס זעלבע וואָס אין עברית „מושלם״, השלמה.

פאַר מוסלעמס איז אַ גרויס באַליידיקונג אויב מען רופט זיי „מאַכמעדאַנער״, ווייל דאָס קאָן זיין אַ חשד אַז זיי דינען מחמדן. זיי האַלטן, אַז אַזוי ווי גאָט איז נאָר „אללאה״ — אַזוי איז מחמד נאָר געווען גאָט־ס גרעסטער און לעצטער נביא. אין זייער תפלה ווערט טאַקע געזאָגט: „אל אללאה איל אללאה ומחמד ראזיל אללאה״ („עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער אללאה און מחמד איז דער שליח (נביא) פון גאָט״).

מחמד איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 570, אַלגעמיינע צייט־רעכענונג, אין מעקאַ, איצט סאַוד־אַראַביע. זיינע עלטערן האָבן געהערט צום אַראַבישן שבט „קאָרייש״, וועלכער האָט גע־דינט צו פאַרשיידענע אָפגעטער. צו איין אָפגאָט פון האָלץ האָבן זיי מקריב געווען יונגע קינדער, מיידעלעך, אַלס סגולה אויסצו־

בעטן זיך אַלץ וואָס זיי ווילן. דער שבט איז געווען אַ באַוואָפנטער שומר פון טעמפל „קאאבאַ״, אויסגעבויטביים טייך „זעם־זעם״.

לויט אַן אַראַבישער לעגענדע האָט הגר, אברהם אבינו׳ס דינסט־ווייב, מיט איר זון ישמעאל, זיך אָפּגעשטעלט ביים דאָזיקן טייך, נעבן דער שטאָט מעקאַ, אויף זייער פאַרצווייפלטן וואַנדער־וועג אין מדבר, נאָכדעם ווי אברהם האָט זיי פאַרטריבן פון זיין הויז. די אַראַבער באַטראַכטן הגרן אַלס זייער „מוטער״. הגר מיט ישמעאלן האָבן זיך אַנגעטרונקען פון דאָזיקן וואַסער און דאָרט זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ שוואַרצן שטיין, וואָס זעט אויס ווי אַ מעטעאָר, אַראָפּגעפאַלן פון הימל. צוליב דעם האָבן די אַראַבער פאַרהייליקט דעם דאָזיקן טייך און שטיין. היות זיי האַלטן אַז אויפן דאָזיקן שטיין האָט הגר מתפלל געווען צו גאָט — האָבן זיי דאָרט אויפגעבויט אַ טעמפל, וועלכן זיי רופן „קאאבא״. דער טעמפל איז געוואָרן אַ צוציאונגס־אָרט פאַר פילגרימען, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז פון דאָזיקן טעמפל ווערן זייערע תפילות בעסער דערהערט פון גאָט. צוליב דעם איז מעקאַ אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער שטאָט.

## מחמד — אַ יתום און קעמל-טרייבער

מחמד האָט געהאַט אַ ביטערע יוגנט. צו זעקס יאָר איז ער געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום, אָן פאָטער און אָן מוטער. זיין 100־יאָריקער זיידע האָט אים אַריינגענומען צו זיך צום דערציען. צוויי יאָר שפּעטער איז אויך דער זיידע געשטאָרבן. איבערן יתום האָט זיך דערבאַרימט אַ פעטער — אַ געטרייער דינער פון היילצערנעם געץ. אין דאָזיקן געצנדינערישן גייסט האָט ער דערצויגן דעם יתום. פאַרן דאָזיקן חסד האָט דער יתום מחמד געמוזט אים אָפּצאָלן מיט זיין אַרבעט, אַלס קעמל־טרייבער פאַרן פעטערס קאַראַוואַנען אין די הייסע זאַמדן פון אומענדלעכן מדבר. מחמד האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען קיין שום שול־

בילדונג און איז דעריבער אויסגעוואַקסן אָן צו קאָנען שרייבן אָדער לייענען. בעת איינער פון די קאַראַוואַן־וואַנדערונגען, פירנ־דיק סחורות קיין אינדיע, האָט דער 14־יעריקער מחמד זיך אָפּ־געשטעלט אין סיריע, און געזען ווי אַ גרופּע קריסטן זענען מתפּלל צו גאָט. ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט ער באַגעגנט אַ גרופּע יידישע סוחרים וועלכע האָבן געדאַווענט אויפן יידישן שטייגער. דאָס האָט אים שטאַרק פאַראינטעריגירט. בעיקר האָט ער זיך געחברט מיט יידישע סוחרים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס רחמנות צום וואַנדערנדיקן יתום. זיי האָבן אים מקרב געווען און געדרבווילעק געענטפערט אויף זיינע נייגעריקע שאַ־לות.

אַלס קעמל־טרייבער האָט ער געהאַט אַ סך געלעגנהייטן צו באַזוכן אויך ירושלים. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ נייער וועלט פון גלייביקע אין מאָנאָטעאיזם.

אין זיין אומרויסנדיקן יוגנטלעכן מוח פון געצנדינערישן קולט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ קנויל פון געדאַנקען און קאָנפליקטן: — אויב סיי יידן, סיי קריסטן גלייבן אין איין גאָט אין הימל — פאַר־וואָס האָבן די קריסטן זיך אָפּגעריסן פון יידנטום און צו גאָט אין הימל זיך גענומען אַ שותף, דעם „זון״? אויב אַלע זענען מיר גאָטס־קינדער און באַשאַפן בצלם אלקים, אין „גאָטס אָפּשפּיג־לונג״ — מיט־וואָס איז דאָס דער קריסטלעכער „איינער״ מער יחסן פון אַלע אַנדערע גאָטס קינדער? אויב „ער״ דערקלערט, אַז גאָט האָט אים אויסדערוויילט אַלס זיין „נביא און דערלייזער״ פון דער וועלט — פון וואַנען ווייסט מען טאַקע אַז ער איז עס דער יעניקער? פאַרוואָס קאָן ער, מחמד, אויך נישט זיין אַזאַ „איינער״, אויסדערוויילטער?

נאָך איידער מחמד איז געקומען צו דער הכרה פון אַן איינ־אונאיינציקן גאָט אין הימל, האָט ער שוין, אפריאָרי, אָפּגעוואָרפן די קריסטלעכע דאָגמע אַז ישו הנוצרי איז גאָטס „אויסדערוויילטער און שותף״. דאַקעגן האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט די יידישע לערע

אַז אַלע מענטשן זענען גאָטס קינדער, אַז אַלע קאָנען גלייך און דירעקט, אָן שום „שליח", מתפלל זיין צו גאָט, דעם פאָטער פון אַלע מענטשן.

טראָץ זיינע כסדרדיקע וואַנדערונגען אין דער מדבר איז מחמד געווען אַ קראַנק יינגל, געליטן פון נערוואָזיטעט, האַלו־ צינאַציעס און אַנדערע קרענק. לעבנדיק איינזאַם, אָן דער וואַרעמ־ קייט פון אַ מאַמען, און אָן השגחה פון אַ טאַטן, איז ער תמיד גע־ ווען פאַרטראַכט און פאַרחלומט אין דער נאַטור. אין זיין איינ־ זאַמקייט האָבן אָנגעהויבן עגבערן אין זיין מוח די פראַגן: — וואָס איז דער הילצערנער געץ פון זיין שבט, און ווער איז דער גאָט אין הימל אין וועלכן עס גלייבן די יידן און קריסטן.

## רייכע אלמנה באַגליקט מחמדן

ביים 18-טן יאָר פון זיין לעבן איז מחמד געוואָרן אַ סאָלדאַט אין זיין שבט. צווישן זיין שבט און אַנדערע אַראַבישע שבטים זענען אָפט פאָרגעקומען בלוטיקע מלחמות. דאָס מיליטער־דינסט האָט פאַר אים געהאַט 2 פאָזיטיווע מאָמענטן — ער איז געזונט געוואָרן און — האָט זיך אויסגעלערנט קעמפן. נאָך 4 יאָר מילי־ טער־דינסט איז ער ווידער געוואָרן אַ קעמל־טרייבער. דאָס גליק האָט אים צוגעשפּילט דאָס מאָל צו פירן קאַראַוואַנען סחורות פאַר אַ רייכער אלמנה. זי איז געווען קעגן געצנדינסט, בפרט קעגן מקריב זיין יונגע מיידלעך אויף אַ מזבח פון אַ הילצערנעם געץ. ווען נאָר ער איז צוריקגעקומען פון וועג און געבליבן אַ פאַר־ טראַכטער אין איינזאַמקייט — האָט זי פאַרפירט מיט אים שמועסן וועגן גאָט און מענטשן. זיינע תשובות האָבן געוואונען איר האַרץ ביז — זי האָט זיך פאַרליבט אין מחמדן און מיט אים חתונה געהאַט. די חתונה איז פאַר מחמדן געווען אַן אמתדיק גליק — טראָץ וואָס די פרוי איז געווען מיט 15 יאָר עלטער פון אים. זי האָט אים

געבוירן 2 זין און 4 טעכטער. די זין זענען אָבער יונגערהייט געשטאָרבן.

די חתונה מיט דער רייכער אַלמנה האָט מחמדן באַפרייט פון זיין אָרעם, ליידנדיק לעבן. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו האָבן מער פרייע צייט צו טראַכטן וועגן גאָט און מענטשן. אונטערן איינפלוס פון זיין ווייב איז מחמד געוואָרן אַ קעגנער פון געצנדינסט.

## מחמד — אַ תלמיד פון יידישע מלמדים

אין זיינע טראַכטענישן וועגן גאָט האָט ער איינגעזען, אַז קריסטנטום איז אַן אומגעזעצלעך קינד פון דער יידישער רעליגיע. אויב אַזוי — האָט ער געטראַכט — פאַרוואָס נישט דערנעענטערן זיך דירעקט צום קוואַל — יידנטום — איידער צו אַ וואַסערל וואָס פליסט פון יידישן ים? האָט מחמד זיך געדונגען עטלעכע יידישע מלמדים וועלכע האָבן מיט אים געלערנט דעם תנ״ך און די יסודות פון דער יידישער אמונה. זיי האָבן אים דערציילט וועגן אברהם אבינו, וועגן שרהן און הגרן, ישמעאלן און יצחקן, יעקבן און עשון. זיי האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט דעם געשיכטלעכן גאַנג און געראַנגל פון יידנטום זייט ששת ימי בראשית.

## דער מלאך גבריאל „אַנטפּלעקט" זיך צו מחמדן

אַלט־ווערנדיק 40 יאָר האָט מחמד דערקלערט זיין ווייב, אַז ער איז ענדלעך צוגעקומען צו הכרת אלקים. ער האָט איר דערציילט, אַז עטלעכע מאָל בעת ער האָט אָפּגעריכט התבודדות אין אַ הייל אין דער מדבר — האָט זיך צו אים באַוויזן דער מלאך גבריאל און אים דערקלערט, אַז דער גאָט אין הימל — אין וועמען די יידן גלייבן און זענען צו אים מתפּלל — איז דער

אמתער גאָט, און אַז גאָט האָט באַפוילן אַז ער, מחמד, זאָל זיין „גאָטס נביא".

## אַראַבער געוואַלט דערהרגענען מחמדן

די מאַכמעדאַנישע צייט־רעכענונג הייבט זיך אָן פון 52־טן יאָר פון מחמדס לעבן. דאָס ציילן די יאָרן ווערט ביי זיי אָנגערופן „העגירא". לויטן מאַכמעדאַנישן קאַלענדאַר, איז הייַנט דאָס יאָר 1390, בעת לויטן קריסטלעכן קאַלענדאַר (לויט וועלכן די „אַלגעמיינע" וועלט באַצייכנט די צייט) איז יעצט 1970 — אַן אונטערשיד פון 580 יאָר.

מחמד האָט אָנגעהויבן זיין פירערשאַפט מיט אַ רעוואָלט קעגן אָנגענומענעם קולט פון געצנדינסט ביי די אַראַבישע האַלב־ווילדע שבטים. דאָס איז געווען אַ ביטערע צייט פאַר אים. זיי האָבן געגלייבט אין 360 אָפּגעטער — לויט די טעג פון זייער יאָר. פאַר יעדן טאָג — אַן אַנדערער אָפּגאָט. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין מחמדן, ווי אַזוי ער וויל פלוצים ענדערן דעם כאַראַקטער פון זייער לעבן און מנהגים. אָוועקוואַרפן דעם „גלויבן" און טראַדיציעס פון זייערע אָבות און פון דור־דורות, און פאַרטוישן זייערע אַלע געטער פאַר איינאיינציקן גאָט, וועלכן זיי „קענען נישט און זעען נישט"? דאָס וואָלט אויך גורם געווען צו פאַרלירן אַ סך פון זייערע פרנסות — פאַרקויפן אָפּגעטער. דער אַראַבישער המון געצנדינער האָט געוואָלט מחמדן פאַרשטיינען און דערהרגענען.

דער דאָזיקער מצב פון שנאה האָט מחמדן געצוווּנגען צו באַגרענעצן זיך צו אַן ענגן קרייז צוהערער. פאַר זיי האָט ער אין געהיים געפּרעדיקט דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט אין הימל. מחמד האָט זיי כסדר דערקלערט, אַז ער הערט די שטים פון „מלאך גבריאל", וועלכער האָט אין נאָמען פון גאָט אים איבערגעגעבן די סודות פון לעבן און טויט; אַז עס איז פאַראַן אַ לעבן נאָכן טויט;

אַז גאָט פאַרגיטיקט מיט גן־עדן פאַר גוטע מעשים און שטראָפט מיט גיהנום פאַר שלעכטע מעשים. מחמד איז בעיקר געווען דאַנקבאַר וואָס גאָט האָט נישט פאַרגעסן אין אים, און אַלס עלנטן, אָרעמען יתום געבענטשט מיט רייכקייט. דערצו נאָך — אים אויסדערוויילט אַלס גאָטס „לעצטער נביא" אויף דער ערד און במילא צו זיין דער איינציקער „פירער פון דער מענטשהייט".

מחמד האָט נישט אויסגעזאָגט זיינע צוהערער, אַז ער דערציילט באָבע־מעשיות, וואָס זענען נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן וועגן „מלאך גבריאל"; אַז זיין גאַנץ וויסן האָט ער געלערנט פון די יידישע מלמדים. זיינע צוהערער האָבן אָבער געגלייבט מחמדס דערציילונגען — וועלכע האָבן פאַרכאַפּט זייערע מדבר־פאַנטאַזיעס. כדי צו געווינען מער צוטרוי ביים אָרעמען המון, האָט מחמד אָנגעהויבן לעבן ווי דער המון — מיט טרוקן ברויט און וואַסער, און געשלאָפן ווי זיי — אין אָרעמע געצעלטן, אַנשטאָט אין זיין הויז פון אַ רייך לעבן.

אין אַ געזעלשאַפט פון געצנדינערישן פאַנאַטיזם און מדברישן גלייבן אין כוח פון שווערד — זענען מחמדס אַלטרואיסטישע געדאַנקען געבליבן ווי אַ קול קורא אין אַ פּאַקטישן מדבר. די האַלב־ווילדע אַראַבער האָבן באַטראַכט מחמדן ווי אַ חסר־דעה און מאַניאַק. מיט זיין עקשנות און רעדנערישן פּאַטאָס האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אַקעגנצושטעלן די אָנגריפן פון די געצנדינערישע שבטים. סוף־סוף איז צו אים דערגאַנגען בסוד אַ ידיעה, אַז זיינע קעגנער לאָקערן אויף זיין לעבן און גרייטן זיך אים צו דערהרגענען.

אין יאָר 622 לויטן קריסטלעכן קאַלענדאַר, האָט מחמד געמוזט אַנטלויפן פון מעקאַ, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן. מחמד איז דאַמאָלט אַלט געווען 52 יאָר. צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע אָנהענגער האָט מהמד זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע בערג־היילן, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט קיין מעדינאַ, אַ קליינע שטאָט אין יאטריב־אַראַביע.

לייב שטשעקאטש־ראָזען

# אין גלות ווערט געבוירען אַ „נייער" מחמד

אַנטלויפנדיק פון זיינע שונאים — אַראַבישע „ברידער" — אין מעקאַ, איז „געבוירן" געוואָרן אַ „נייער" מחמד. זיינע ביאָ־גראַפן באַמיען זיך צו באַווייזן, אַז דאָס יאָר 622 איז געווען דער אָנהייב פון מחמדס פּאַקטישער „אַנטפּלעקונג". אין אָנבליק פון דער האַרטער מדבר־ווירקלעכקייט, און מיט אַ חוש פאַר ענדערן אָנגענומענע מנהגים און איינגעבילדעטע אָבערגלויבנס, איז אין דאָזיקן גלות מחמד געוואָרן אַ קעמפער מיט דער שווערד. ער האָט איינגעזעען, אַז מיט פּרעדיקונגען אַליין וועט ער נישט איבערצייגן די געצנדינער. עס איז שווער צו ענדערן אַ לעבנס־גאַנג פון דור־דורות. „אָזניים להם ולא ישמעו, עיניים להם ולא יראו". גאָר שטאַרק האָט מחמדן וויי געטאָן, וואָס זיין קרייז צוהערער איז געבליבן קליין; וואָס זיינע שונאים, די ברידער־אַראַבער, האָבן אים געוואָלט דערהרגענען; אַז ער איז געווען אָפּגעשטויסן פון די יידן און גערודפט פון די קריסטן. האָט ער זיינע פריערדיקע פייערדיקע ווערטער וועגן ברודערשאַפט און שלום, רחמנות און מענטשן־ליבע — אויסגעטוישט פאַר גיפט־פיילן פון נקמה און חורבן.

אָנקומענדיק קיין מעדינאַ, האָט ער דערפילט, אַז די „זון" האָט פאַר אים אויפגעשיינט. עס איז פונקט געווען אַ צייט ווען די שטאָט־מענטשן האָבן געפירט אַ קאַמף מיט מעקאַ. עס איז געווען אַ ביטערע מלחמה צווישן צוויי שבטים. די מעדינאַ־מענטשן האָבן דערזעען אין מחמדן אַ דערלייזער און קעמפער קעגן מעקאַ־שבט. האָבן זיי שנעל זיך אָנגעהויבן גרופּירן אַרום מחמדן און אים געקרוינט אַלס זייער פירער. אויף מחמדס פאַרלאַנג, האָבן זיי אָנגענומען זיין נייע לערע און אים אָנערקענט אַלס זייער „נביא". דאָס האָט מחמדן שטאַרק באַפרידיקט און באַשלאָסן צו מאַכן מע־דינאַ אַלס אָרט פון זיינע ווייטערדיקע טעטיקייטן.

# מחמד פאַרהאַנדלט מיט יידן אָנצונעמען זיין „אמונה״

אין דער מדבר אַרום מעדינאַ האָבן געוווינט יידן, גרופירט אין פאַרשידענע „שבטים״, וועלכע האָבן געלעבט אין פריינדשאַפט מיט די אַראַבישע שכנים. מחמד האָט געחלומט צו באַאיינפלוסן די דאָזיקע יידן צוצושטיין צו זיין באַוועגונג. ווילנדיק זיין פּראַקטיש — האָט מחמד צוגעזאָגט די יידן צו באַקעמפן דאָס קריסטנטום — דעם גרעסטן שונא פון יידנטום. מיטן כוח פון יידן און יהדות האָט מחמד געוואָלט פאַרשטאַרקן זיין השפעה. מחמד האָט פאַרהאַנדלט מיט די דאָרטיקע יידן און זיי צוגעזאָגט אַריינצונעמען אין זיין „רעליגיע״ יידישע דינים — נישט עסן חזיר, מילה, יום־כפור, און מתפלל זיין מיטן פנים צו ירושלים. ער האָט נאָר פאַרלאַנגט אַן איינציקן פּרייז — אים צו אָנערקענען אַלס זייער „נביא און שליח פון גאָט״.

די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן מחמדס פאָרלייגן. אויב מחמד וויל קאָפּירן טיילן פון תורת משה — פאַרוואָס זאָלן זיי איינטוישן תורת משה פאַר — — — „תורת מחמד״? להיפוך — האָבן זיי איינגעטענהט מיט מחמדן — פאַרוואָס זאָל ער נישט צושטיין טאַקע צו יהדות און פאַרשפּאָרן זיינע באַמיאונגען צו שאַפן אַן ערזאַץ — אַ ניי „באַגליקעניש״ פאַר דער וועלט? די יידן האָבן גוט געדענקט זייערע צרות פון דער נייער „תורה״ פון די קריסטן און אַנדערע „גוטע פריינד״ אין זייער גלות.

מחמד האָט זיך באַמיט צו באַווייזן די יידן, אַז ער האָט נישט בדעה צו שאַפן קיין נייע רעליגיע (ער באַשטעטיקט דאָס אין זיין „קאָראַן״); אַז זיין „שליחות פון גאָט״ איז צו באַשטעטיקן, וואָס די יידישע נביאים האָבן געלערנט די יידן און דער מענטשהייט; אַז ער אָנערקענט דעם „יידישן גאָט״, און אַז זיין אויפגאַבע איז צו לערנען די מענטשן דעם גלויבן אין מאָנאָטעאיזם. ער וויל נאָר, אַז אַלע זאָלן אָנערקענען די „רייד פון מלאך גבריאל״, אַז ער,

מחמד, איז פון גאָט אַליין געזאַלבט געוואָרן אַלס „לעצטער נביא און גאָטס שליח״ צו פירן און אויסלייזן די מענטשן און די וועלט.



אזוי זאָל האָבן אויסגעזען דער „נביא״ מוחמד—לויט מיינונגען פון איסלאַמישע פאָרשער

## די „מיסטיק פון מחמדס שווערד״

די אַראַבער פון דער מדבר האָבן בעסער פאַרשטאַנען מחמדס „מיסטיק פון דער שווערד״, ווי זיין „מיסטיק פון גאָטס נביאות״. די דאָזיקע „מיסטיק״ איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט מחמדס היתר פון פאָליגאַמיע — אַז זיינע נאָכפאָלגער מעגן חתונה־האָבן מיט וויפל ווייבער זיי ווילן און מעגן זיי אָפּגטן ווען נאָר זיי ווילן.

ד אָ ס האָט שנעל פאַריאָגט די קריסטן, וועלכע האָבן געפּרעדיקט קעגן פּאָליגאַמיע און קעגן גטן זיך.

אַזוי שנעל, ווי מחמד האָט פאַרטווישט זיין „מויל" פאַר דער שווערד — האָבן זיך געעפנט פאַר אים אַלע טויערן פון אַראַבישן האַריזאָנט. די אַראַבישע שבטים האָבן מאַסנווייז זיך גרופּירט אַרום אים. מאָנאָטעאיזם איז פאַר זיי געווען ווייניקער פאַרשטענדלעך, ווי געצנדינסט. פאַר זיי איז אָבער געווען וויכטיק וואָס זיי האָבן דערזעען פאַר זיך אַ נייעם מיליטערישן פירער, ממש „געשיקט פון גאָט", וואָס איז פעאיק צו רעגירן מיטן כוח פון דער שווערד. פאַר זיי האָט אימפּאָנירט „מאָנאָטעאיזם", וואָס איז מתיר אַ סעקס־לעבן, וואָס גיט זיי שוין עולם־הזה, איידער קריסטלעכע הבטחות אויף אַן „עולם הבא" נאָכן טויט.

מחמד האָט אָבער פאַרט געוואָלט געפעלן ווערן אויך די קריסטן, וועלכע האָבן אים שטאַרק געדרודפט און נישט געוואָלט אָנערקענען. האָט ער זיך צוגעחנפט צו זיי מיטן פּרעדיקן, אַז אויך ער איז מסכים מיטן בלבול, אַז די יידן האָבן דערהרגעט — יעזוסן. מחמד האָט געגלייבט, אַז ד אָ ס, אַזאַ „קרבן" פון זיין זייט, וועט אימפּאָנירן די קריסטן און זיי וועלן מאַסנווייז פאַרטוישן יעזוסן פאַר — מחמדן.

די קריסטן האָבן אָפּגעוואָרפן מחמדס „קאָמפּענסאַציע". פאַר גרויס צאָרן האָט מחמד אַריינגעשטעלט אין זיין „קאָראַן", אַז — ער וואַרפט אָפּ דעם קריסטלעכן בלבול, אַז יידן האָבן אויפגעהאַנגען „גאָטס זון" און קריסטלעכן „שותף צו גאָט" — יעזוסן.

מחמדס וואַקלעניש און ראַנגלעניש מיט די קריסטן, מיט די יידן און מיט זיינע אייגענע אַראַבער־„ברידער" האָבן פאַרקירצט זיינע יאָרן. דערצו איז פּלוצים געשטאָרבן זיין ווייב, וועלכע האָט אַ סך גורם געווען צו זיין גדלות. אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, אין יאָר 633, האָט מחמד נאָך מצליח געווען מיט גרויס פּאַראַד אַריינצומאַרשירן קיין מעקאַ. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן זיין

אייגענער שבט, וועלכן ער האָט אויסגעהרגעט מיט זיין שווערד. נאָכדעם האָט ער אַלע לעבנגעבליבענע געצווונגען אָנצונעמען זיין אמונה. גאָר שנעל האָט גאַנץ אַראַביע אָנערקענט מחמדן אַלס „שליח פון גאָט" און „נביא פון אַללאַ".

## מחמדס שווערד האַקט יידישע קעפּ

מחמדס זיגן זענען באַגלייט געוואָרן מיט דער גלאָריע פון דער שווערד און טריאומף פון כוח.

די ערשטע באַגעגעניש פון איסלאַם מיטן יידישן פאָלק איז געווען אַ בלוטיקע. אין די ערשטע יאָרן פון זיין „געטלעכער שליחות" (624 — 628) האָט ער פּאָגראָמירט און געשאָכטן יידן אין „זיין" קעניגרייך. אין קאָראַן (סוראס 33 און 59) איז אַפילו פאַראייביקט זיינס אַ „העלדנטאַט" — אַז אויף מחמדס באַפעל, און פאַר זיינע אויגן, האָט מען אויסגעפירט דעם שרעקלעך־אכזריותדיקן אַקט פון — אָפּהאַקן די קעפּ פון 600 (זעקס הונדערט) יידן. דער תירוץ איז געווען אַ „הייליקער" — מחמד האָט געוואָלט מאַכן אַראַביע פאַר אַ לאַנד מיט אַן אייגאייינציקן גאָט. די יידן און קריסטן האָט ער באַטראַכט אַלס „כופרים". לויט זיין קאָראַן זענען זיי מענטשן פון אַ „צווייטער מדרגה". די יחסנים זענען די „מאַמינים", די מוסלעמס. פאַרן זכות וואָס די „אומגלייביקע" יידן און קריסטן האָבן געהאַט צו לעבן אונטער איסלאַמישער הערשאַפט — האָבן זיי געמוזט צאָלן אַ שווערן קאָפּ־שטייער און אויסשטיין אַנדערע צרות און גזירות.

## מחמד האָט אויסגעשאָכטן יידן. יידישע פרויען און קינדער — פאַרקויפט

די יידישע קעגנערשאַפט צו אָנערקענען מחמדן אַלס „גאָטס נביא" האָט אים אַריינגעברענגט אין אַזאַ גרימצאָרן — אַז מחמד

האָט באַשלאָסן זיין גאַנץ פאַרביטערטקייט אויסצוגיסן אויף די יידישע קעפּ. דאָס וואָס ער האָט מורא געהאַט צו טאָן קעגן זיינע אַראַבישע און קריסטלעכע שונאים — האָט ער גענומען טאָן קעגן שוואַכערן עלעמענט — די יידן. קודם־כל האָט ער פאַרשאַרפט זיין שווערד קעגן די יידישע שבטים אין זיין שכנות. איבער אַ יאָר צייט האָט מחמד שווערד געהאַקט יידישע קעפּ אָן רחמנות. די יידישע מענער האָט ער אויסגעשאָכטן, און די יידישע פרויען און קינדער האָט ער פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. נאָכדעם האָט ער אַדורכגעפירט בלוטיקע פּאָגראָמען קעגן די יידישע „ווידערשפּעני־קער" אין „זיין" מעדינאַ. נאָר אַ קליינער טייל יידן איז געלונגען אַפּצוראַטעווען זייער לעבן, אַנטלויפנדיק קיין — סיריע.

## איסלאַם פאַרטרייבט דאָס קריסטנטום

פאַרוואָס האָט מחמד מנצח געווען דאָס קריסטנטום אין ארץ־ישראל און אין די שכנותדיקע לענדער, ווו קריסטנטום איז געבוירן געוואָרן און אויסגעשפּרייט איר איינפלוס?

מחמד האָט בעסער געקאָנט די פּסיכאָלאָגיע פון די אַראַבער און מדבר־מענטשן. ער האָט דעריבער אָנגעוואָנדן צוויי מעטאָדן:

1. ער האָט געפּרעדיקט צו פאַראייניקן די קעמפנדיקע אַראַבישע שבטים; דערקלערט אַלע אַראַבער אַלס גלייכבאַרעכטיקטע „ברידער", און דערוועקט זייער שטאָלץ צו באַזייטיקן זייער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס;

2. מחמד האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין „אויסדערוויילטן זון פון גאָט", נאָר — להיפוך, אַ גלייכער מיט אַלע פאָלקס־מענטשן. חוץ — וואָס ער האָט באַקומען פון „גאָט אַליין" אַ שליחות אויף

דער וועלט צו פאַרשפּרייטן מאָנאָטעאיזם. מחמד האָט אַפילו פאַר־באָטן צו באַנוצן זיך מיט זיין פאָטאָגראַפיע, און אויך פאַרבאָטן צו פאַרהייליקן יעדע מין פאָטאָגראַפיע, אָדער סקולפּטור פון אַ מענטש. אויך דאָס האָט ער געלערנט פון זיינע יידישע מלמדים, אַז אין די עשרת הדברות איז אָנגעזאָגט „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" (שמות, כ׳, 4). ער האָט נישט געשאַפן קיין פּריסטנטום — אַזוי ווי ביי די קריסטן. ער האָט דערקלערט, אַז אַלע וואָס גלייבן אין איסלאַם און אין זיין קאָראַן — זענען גלייך לגבי גאָט. וואָס פּשוטער ער איז דערשינען פאַרן המון — אַלץ חשובער און הייליקער האָבן זיי אים געהאַלטן. אויך דעם דאָזיקן סוד האָט ער געלערנט פון זיינע יידישע מלמדים — „הבורח מן הגדולה — גדולה מחזרת אחריו" (מסכת עירובין, י״ג) און „הבורח מן השררה — השררה רודפת אחריו" (תנחומא ויקרא, ג׳).

מחמד האָט דערציילט זיינע מאַסן, אַז סיי די יידן, סיי די קריסטן האָבן פאַלסיפיצירט די „הייליקע שריפטן פון גאָט". דעריבער איז ער געשיקט געוואָרן פון אַללאַ צו פאַרשפּרייטן די באַוועגונג פון איסלאַם און דורכן „קאָראַן", וועלכעס איז „גאָטס אמתדיקע לערע", מתקן־זיין דאָס צוריקגיין צום מקור פון דער אמונה פון אברהם. דאָס קאָן געטאָן ווערן נאָר אין טעמפּל „קאַאַבאַ" אין מעקאַ.

## די רעליגיע פון איסלאַם

דער איסלאַם, אָדער ווי מיר זענען געוווינט אים צו רופן „מאַכמעדאַניזם", איז אַ רעליגיע, ביי וועלכער דאָגמאַ און פּאָליטיק גייען האַנט־ביי־האַנט. דער גייסטיקער פירער איז לרוב אויך דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער מנהיג. לויטן מאָדערנעם לעקסיקאָן — אַ פאַרפּאָליטיקטע רעליגיע.

די „תורה" פון די מאַכמעדאַנער איז — דער „קאָראַן". זיי גלייבן, אַז דעם קאָראַן האָט מחמד מקבל־געווען דירעקט פון גאָט „אַללאַ". ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען בעת דער „נביא" איז געווען אַן אַלפאַבעט — דאָס טאָר מען נישט פרעגן. דאָס איז מער ווי אַפיקורסות — דאָס איז גאָט-לעסטערונג. זיי גלייבן אויך, אַז בעת תורת־משה איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך משהן צו די יידן אין עברית, און — להבדיל — די עוואַנגעליע („בייער טעסטאַמענט") דורך ישו הנוצרי צו די קריסטן אויך אין עברית — איז דער קאָראַן איבערגעגעבן געוואָרן דורך מחמדן דווקא צו די אַ ר אַ ב ע ר און נאָר אין — אַראַביש.

דער קאָראַן ווערט פון די מאַכמעדאַנער באַטראַכט נישט בלויז אַלס הייליק, נאָר אויך אַלס דאָס אַנטגילטיקסטע, דעצידירנדיקסטע און לעצטע וואָרט אין דער איסלאַמישער אמונה און פאַר אַלע איסלאַמער. אַלץ ווערט ביי זיי געפסקנט לויטן „שולחן ערוך" פון קאָראַן.

פון די יידן און קריסטן האָט מחמד געלערנט, אַז ער מוז געבן זיינע מאַסן אַ „תורה", — פרינציפן און געזעצן לויט וועלכע ער זאָל זיי קענען פירן און צוזאַמענהאַלטן. אַנדערש וועט זיין



אַ גלייביקער אין איסלאַם דאַוונט, אויף זיין וואַנדער־וועג אין מדבר, פינף מאָל טעגלעך, איבערחזרנדיק די זעלבע „אני מאמינס"

„שליחות" אַוועק מיטן ווינט, און זיין „איסלאַם" וועט זיך צעפאַלן ווי אַ קאַרטן-הייזל. האָט ער געשאַפן פאַר זיי דעם „הייליקן קאָראַן".

## וואָס איז דער „קאָראַן"?

דאָס וואָרט „קאָראַן" מיינט אויף אַראַביש — ל יי ע נ ע ן. ענלעך צום העברעאישן וואָרט „קרא", „אָדער „מקרא". דער פאַקטישער טייטש — „דאָס בוך". דער קאָראַן באַשטייט פון 114 קאַפיטלען, וועלכע הייסן אויף אַראַביש „סורא" (ענלעך צום העברעאישן וואָרט „שורה", אָדער „סדרה"). דאָס בוך באַשטייט פון נביאותן פון מחמדן, געזעען אין חלום, און זיינע דרשות געהאַלטן פאַר זיינע תלמידים און מאַסן. דאָס אַלץ איז געוואָרן אויפגעשריבן דורך זיינע תלמידים און סעקרעטאַרן.

היסטאָריקער האַלטן, אַז איינער פון מחמדס הויפּט־סעקרעטאַרן, וואָס האָט געהאָלפן פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען און דרשות איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען „עובדיה בן שלום" (אויף אַראַביש — עבד אללא בן סלאם). זיי האַלטן אויך, אַז פון געזאַמלטן מאַטעריאַל איז דער קאָראַן צונויפגעשטעלט געוואָרן ערשט נאָך מחמדס טויט, אין אַן איינציקער קאָפּיע. דאָס איז געוואָרן די „הייליקע שריפט" פונעם קאָראַן. דערפון נעמט זיך אויך, וואָס טייל שטעלן אין קאָראַן זענען אָן המשך. טייל פאָרשער האַלטן, אַז דער ערשטער טעקסט פונעם קאָראַן איז פאַרניכטעט געוואָרן. דער טעקסט וואָס עקזיסטירט היינט — איז שוין אַן אויסגעבעסערטער און קאָרעגירטער, לויטן געשמאַק פון זיינע „רעדאַקטאָרן".

אַז מחמד אַליין האָט נישט אויפגעשריבן דעם „קאָראַן" דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט. מחמד האָט דערקלערט, אַז אין הימל איז געווען אַ „בוך פון אמת". אַ טייל פון בוך איז געגעבן געוואָרן צו די יידן און אַ טייל צו די קריסטן. דער גרעסטער

טייל אָבער איז פון גאָט נאָך דעם געגעבן געוואָרן צו אים, מחמדן, און דאָס איז דער — „קאָראַן". מאָסלעמס גלייבן, אַז יעדעס וואָרט אינעם קאָראַן איז פון גאָט אַליין געזאָגט געוואָרן צו מחמדן, און



די שריפט
פון קאָראַן
אין אַראַביש

יעדער גלייביקער אין איסלאם איז מחויב צו דאַוונען פינף מאָל טעגלעך.

די תפילות הייבן זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע דריי „אני מאמינס" וועלכע זענען דער יסוד פון דער איסלאַמישער אמונה: —

الله أكبر — „גאָט איז דער גרעסטער"

أشهد أن لا إله إلا الله

„איך בין מודה, אַז עס איז נישטאָ קיין „גאָט" חוץ גאָט"

أشهد أن محمدا رسول الله — „איך בין מודה, אַז מחמד איז גאָטס נביא"

דאָס איז דערפאַר דער רײנער אמת; אַז דער „קאָראַן" פאַרענט־פערט אַלע זײערע פּראָבלעמען אַפילו פון הײנט.

היסטאָריקער האַלטן אויך, אַז אַ יידישער פּאָעט — „יצחק אלמו צלי" פון געצנדינערישן יידישן שבט „חיבר", האָט זיך גע־שמדט אויפן איסלאַמישן גלויבן און געוואָרן מחמדס נאָענטער מיט־אַרבעטער. דער פּאָעט האָט געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַר מחמדן און משפיע געווען אַז דער גאַנצער „חיבר"־שבט זאָל אָננעמען דעם איסלאַמישן גלויבן.

לויט מחמדן האָט ער זײנע „נביאותן" באַקומען פון צוויי מקורות: — 1) פון מלאך גבריאל; 2) געהערט „ברוח הקודש" פון גאָט אַלײן.

טראָץ דעם וואָס מחמד האָט כסדר דערקלערט אַז ער וויל נישט שאַפן קײן נײע רעליגיע — האָט ער געשאַפן דעם איס־לאַם מיט זײן נײער תורה — דעם „קאָראַן".

## וואָס לערנט דער „קאָראַן"

דער „קאָראַן" גיט דעם איסלאַם 5 עיקר־פּרינציפּן:

1) גלייבן אין „אללאה" — דעם אײנציקן גאָט אין הימל — און אַז מחמד איז זײן אײנציקער נביא.

2) נישטאָ קײן צווייטער באַגריף פון גאָט — נישט אין קײן מענטש, און נישט אין בילד.

3) גלייבן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און ער שפּײזט אַלע באַשעפענישן. אַז עס וועט זײן אַ יום־הדין, די וואָס וועלן זוכה זײן — וועלן אויפשטײן תחיית המתים.

4) גלייבן אין „קאָראַן" — אַז דער „קאָראַן" איז „מן השמים", געגעבן געוואָרן פון גאָט צו מחמדן פאַר אַלע מענטשן.

5) די, וואָס גלייבן אין „אללאה״ און אין מחמדן וועלן באַלוינט ווערן מיט גן־עדן, און די וואָס לייקענען אין זיי —



מוסולמענישע „ברית־מילה״־צערעמאָניע לויט די פאָרשריפטן פון קאָראַן. דער מיטלסטער איז דער „מוהל״.
זייט מחמדן פראַקטיצירן די מאָסלעמס „ברית־מילה״ פון יינגלעך, באַגלייט מיט געזאַנג, טענץ און שמחות

וועלן באשטראפט ווערן מיט גיהנום. דער מענטש האט נישט קיין פרייע בחירה. אַלץ איז אָנגעצייכנט פון גאָט — גוטס און שלעכטס.

יעדער מאָסלעם מוז אָפּהיטן פאָלגנדע פינף פליכטן:

1) פינף מאָל טעגלעך זאָגן הויך די תפילה: — „נישטאָ קיין אַנדערער גאָט חוץ אללאה און מחמד איז זיין נביא".

2) מתפלל־זיין מיטן פנים צו מעקאַ.

3) געבן צדקה פאַר אָרימעלייט — צוויי און אַ האַלב פּראָצענט יערלעך פון פאַרמעגן (נישט נאָר פון דער הכנסה).

4) פאַסטן במשך דעם הייליקן חודש „ראמאדאַן".

5) ווער עס איז פיזיש און פינאַנציעל ביכולת מוז עולה־רגל־זיין קיין מעקאַ כאָטש איין מאָל במשך זיין לעבן.

די טעגלעכע תפלות מוזן פאָרקומען אין דער פרי; מיטאָג־צייט; פאַרנאַכט (אַזוי ווי ביי יידן „מנחה־צייט"); נאָך זון־אונטערגאַנג („מעריב־צייט") און אין אָוונט (ענלעך צום יידישן קריעת־שמע־לייענען). ביי די תפלות מוז מען פאַלן כורעים און זיך אויסציען אויף דער ערד. פאַר דער תפלה מוז מען אַדורכגיין אַ פּראָצעדור פון „טהרה" — וואַשן די הענט, פיס און די אויערן (ענלעך צום וואַשן די הענט פון די כהנים פאַרן דוכענען).

וואָס זאָל טאָן אַ מאַכמעדאַנער אַז ער איז אין מדבר ווו עס איז נישטאָ מעגלעך צו געפונען וואַסער? אויב ער וועט נישט קאָנען געפונען וואַסער במשך פיר שעה — האָט דער קאָראַנישער „שולחן ערוך" אויסגעפונען א היתר, וועלכער ווערט אויף אַראַביש אָנגערופן „אל־תאי־יאמום" (אָל־טאַ־יאמום): — אָנשטאָט וואַסער זאָל ער מיט זאַמד דריי מאָל איינרייבן די הענט, פיס און אויערן, און אַזוי־נאָר ווי ער וועט צוקומען צו וואַסער — תיכף זיך וואַשן פונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען מתפלל־זיין.

חוץ־דעם האָט מחמד פאַרבאָטן מקריב־צו־זיין לעבעדיקע קינדער; פאַרבאָטן צו עסן חזיר, נישט צו עסן קיין „אבר מן החי", נישט עסן קיין נבלה און נישט קיין בלוט. געלערנט אָפּצוהיטן הכנסת

אורחים און כמעט אַלע יידישע דינים וועגן חתונה, גטן און ירושה. ער האָט פאַרבאָטן פערזאָנען־קולט און געצנדינסט. ער האָט גע־פסקנט „עין תחת עין" — טאַקע אויסהאַקן אַן „אויג פאַר אַן אויג". כדי צו געבן אַביסל שכר פאַר די „מצוות" שוין ביים לעבן — האָט ער זיינע נאָכפאָלגער געגעבן אַ קאָמפּענסאַציע — פיל ווייבעריי. אַלס ביישפּיל — האָט מחמד אַליין חתונה געהאַט מיט פיר ווייבער. טייל פאָרשער האַלטן אַז מחמד האָט געהאַט צען ווייבער — ביי אַ ספּעציעלן „היתר פון אללאה גופא". ער האָט אָבער געעצהט צו באַגנוגענען זיך מיט בלויז פיר ווייבער, און די וואָס קאָנען זיך דאָס נישט דערלויבן פינאַנציעל — זאָלן האָבן נאָר איין ווייב.

## מיט וואָס האָט איסלאָם באַזיגט קריסטנטום?

מחמד און זיין איסלאָם־רעליגיע האָבן געקאָנט מנצח זיין און פאַרטרייבן דאָס קריסטנטום פון די מזרח־לענדער, און זיך אויס־שפּרייטן איבערן אָריענט, בעיקר צוליב דריי סיבות:

1) דורכן דערלויבן פּאָליגאַמיע. פאַר די אַראַבישע שבטים, אין הייסן מזרח־קלימאַט, איז דער היתר פון פּאָליגאַמיע געווען צוגעפּאַסט צו זייער גייסט און טעמפּעראַמענט. מחמד האָט גע־געבן די מאַסן „עולם הזה" שוין דאָ, אויף דער ערד, און נישט געלאָזט וואַרטן אויף אַן „עולם־הבא" וואָס ישו הנוצרי מיט זיין קריסטנטום האָבן צוגעזאָגט די מאַסן.

2) דורך אָפּשאַפן ראַסן־דיסקרימינאַציע. מחמד און זיין איס־לאַם האָבן איינגעלאַדן אַלע דיסקרימינירטע און פאַרשקלאַפטע אַנצונעמען דעם גלויבן אין איסלאָם — מצמצם־געווען אין בלויז פינף געבאָטן, אַנשטאָט דער קריסטלעכער קאָמפּליצירטער טעאָ־לאָגיע.

3) דורך מאַכן יעדן מאָסלעם פאַר אַ „גלייכבאַרעכטיקטן" —

צו ווערן אַ מיסיאָנער פאַר דער איסלאַם־רעליגיע, — אָן פּויפּסט, אָן גלחים, אָן הייליקע.

כדי מקרב־צו־זיין סיי יידן, סיי קריסטן און אַנדערש־גלוי־ביקע וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן מחמדס נייע רעליגיע — האָט מחמד פּראָקלאַמירט, אין נאָמען פון „מלאך גבריאל״, אַ מין אַמנעסטיע, וועלכע לויטעט אין אַראַביש: — „ותומה ג-אָרק, ותומה ג-אָרק — תומה אָכאַך״. דאָס באַדייט — „טוב שכן קרוב מאח רחוק״. דעם אויסדרוק „ותומה ג־אָרק״ האָט ער איבערחזרט צוויי מאָל, צו ווייזן, אַז ער מיינט דערמיט סיי די יידן, סיי די קריסטן און אַנ־דערש־גלויביקע.

די רעליגיע פאַרבאָט איבערצוזעצן דעם „קאָראַן״ פון אַראַביש אין אַן אַנדער לשון, מחמת אללאה האָט געגעבן מחמדן דעם „קאָראַן״ אין אַראַביש. דאָס טאָר נישט געענדערט ווערן.

## פאַרוואָס איז פרייטיק דער איסלאַמישער שבת?

דער „קאָראַן״ איז דאָס הייליקסטע ספר פון איסלאַם. עס ווערט באַטראַכט אַלס די „תורה שבכתב״ פון דער איסלאמישער רעליגיע.

דער קאָראַן איז געשריבן אין אַ פּאָעטישער פאָרם. עס איז שווער אים צו לייענען און פאַרשטיין. דעריבער איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער ליטעראַטור פון מפרשים, מנהגים און טראַדיציעס, וועלכע ווערן אָנגערופן „סונאַ״ — אַ מין „תורה שבעל פה״. פאַר די פרומע מאַכמעדאַנער (מוסולמענער) איז די „סונאַ״ נישט־ווי־ניקער הייליק, ווי דער קאָראַן. פאַר די גרויסע מאַסן מאַכמעדאַנער, בעיקר פאַר די, וואָס פאַרשטייען נישט קיין אַראַביש, איז אומ־פאַרשטענדלעך סיי דער קאָראַן, סיי די „סונאַ״. זיי לעבן בעיקר לויט דער טראַדיציע און מיט דער פרומער אמונה אין „אַללאַה און זיין נביא״.

די מאַכמעדאַנער האָבן נישט קיין אָפיציעלן רו־טאָג. דאַקעגן

פרייטיק איז דער טאָג ווען אַלע מענער פאַרזאַמלען זיך אין די מעטשעטן מתפלל צו זיין בצבור. בעת דער מיטן־טאָג תפילה, וועלכע איז לטובת גאַנץ קהל, זענען אַלע געשעפטן געשלאָסן. דער רעליגיעזער פירער פון מעטשעט, דער „אימאַם", האַלט אַ קורצע דרשה.

מען האַלט, אַז פרייטיק איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס „איס־לאַמישער שבת", מחמת מחמד איז געשטאָרבן פרייטיק נאָכמיטאָג.

אין אַלע מדינות אונטער איסלאַמישער הערשאַפט איז איינגע־פירט געוואָרן דאָס איסלאַמישע געזעץ, דער „שאריאט", געבויט אויפן קאָראַן און „סונאַ". אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַן „איסלאַ־מישע הלכה", וועלכע הייסט „ פיקד", און אַן איסלאַמישע „אגדה" — דער „כאדיס" — וועלכער באַשטייט פון ווערטלעך, מעשיות און לעגענדעס פון און וועגן מחמדן.

אין מדינת ישראל זענען פאַראַן 4 „שאַריאַט"-בתי-משפט פאַר דער מאַכמעדאַנישער באַפעלקערונג. די בתי־משפט, אויסגעהאַלטן פון דער ישראל־רעגירונג, פסקענען לויטן איסלאַמישן געזעץ.

## מחמדס גרעסט גליק — אַ 10-יאָריקן ווייב

א גאַר-באַזונדערע ראָל אין דער גאַנצער איסלאַמישער „תורה שבעל פה", האָט געשפּילט די יינגסטע פון מחמדס ווייבער — עידאַ. זי איז אַלט געווען בלויז 10 (צען) יאָר, ווען איר רייכער פאָטער, אבו באקר, האָט זי חתונה־געמאַכט מיט מחמדן. דאָס איז געשעען נאָכדעם, ווי מחמדס ווייב, קאַדיאַ איז געשטאָרבן נאָך אַ 27־יאָריקן צוזאַמענלעבן מיטן „נביא". אבו באקר איז געווען זייער רייך און אַן אַפּאָסטאַל פון מהמדן. האָט ער זיך געוואָלט איינקויפן אין גרעסטן יחוס און באַקומען מחמדן אַלס איידעם. מחמדן האָט נישט געלאָקט בלויז אבו באקרס געלט, ווי, דער עיקר, זיין 10־יאָריקע טאָכטער. אַלס דאַנקבאַרקייט פאַרן דאַזיקן זעל־

טענעם שידוך, האָט מחמד פאַרגיטיקט זיין נייעם שווער מיט — באַשטימען אים אַלס זיין ערשטן קאַליף (שטעלפאַרטרעטער).

דעם טיטל „קאַליף" האָט געשאַפן מחמד אַליין. דער דריטער און פערטער קאַליף, לויט דער ריי, זענען געווען מחמדס צוויי איידעמס.

דאָס דאָזיקע יונגע ווייבל האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען און זי איז געוואָרן די באַגלייבטע פאַרשרייבערין פון מחמדס „תורה שבעל פה". נאָך מחמדס טויט, איז זי געווען דער איינציקער מומחה צו פאַרענטפערן אַלע שאלות און נישט־קלאָרע שטעלן פון דער דאָזיקער נישט־פאַרשריבענער „תורה". איר אויס־טייטש איז געווען ווי אַן „הלכה פסוקה" — דאָס לעצטע „וואָרט פון מחמדן". די דאָזיקע „תורה" גייט איבער פון „מויל צו מויל", ווי אַ „מסורה", פון דור צו דור.

מחמד האָט נישט געשאַפן קיין פריסטנטום. דעריבער האָט ער נישט געשאַפן קיין גייסטיקע היעראַרכיע, ווי, למשל, ביי די קריסטן — דער וואַטיקאַן און קירכע־גייסטלעכע.

נאָך מחמדס טויט איז געווען אַ שווערע עובדה צוזאַמענצו־האַלטן די מאַסן. זיינע מקורבים און תלמידים האָבן זיך געריסן צו זיין מחמדס יורשים און נאָכפאָלגערס. מחמד האָט דאָס פאָרגעזען און דעריבער האָט ער ביי זיין לעבן זיך פאַרזיכערט מיט כאַטש 4 קאַליפן וואָס זאָלן, איינער נאָכן צווייטן, אויף אַ באַשטימטער צייט אָנפירן מיטן איסלאַם.

נאָך די קאַליפן זענען געקומען די „שייכן" — די געלערנטע און פוסקים פון די גרויסע יורידישע שולן. נאָכדעם זענען אויפגעקומען די „מופטיס". אַזאַ „חשוב" איז געווען דער לעצטער מופטי פון ירושלים — דער טרויעריק־באַרימטער שונא־ישראל און מיטאַרבע־טער פון היטלערן.

במשך הונדערטער יאָרן איז אין דער איסלאַמישער וועלט אויך

אויסגעוואַקסן אַ קולט פון „הייליקע", צו וועמענס קברים פרומע מוסולמענער זענען עולה־רגל.

דער איסלאַם האַלט זיך נישט פאַר אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע, ווי למשל, דער יאַפּאַנעזישער שינטאָיזם, נאָר פּרעטענדירט צו באַהערשן די וועלט. דאָס מיטל דערצו איז די „הייליקע מלחמה". דאָרט ווו דאָס לאָזט זיך נישט דערגרייכן אויף אַ לייכטן אופן — דאַרף מען באַנוצן די שווערד. דער איסלאַם איז מבטיח יעדן מאָסלעם, וואָס וועט פאַלן אין דער „הייליקער מלחמה" — אַריינצוקומען גלייך אין גן־עדן.

## „על דאטפת — אטפון"

עס איז פאַראַן אַן אַלט פאָלקס־וואָרט, אַז „אַ רעגן גייט נישט אייביק, און אַ הויקער וואַקסט נישט ביזן הימל". זיגער פרעסן זיך איבער מיט זייערע נצחונות ביז — עס קומט אַן איבערברוך און זייער מפּלה. אַזוי איז געשעען מיט די נצחונות פון איסלאַם. מיטן אויסשפּרייט פון איסלאַם אויסערן תחום פון די אַראַבישע שבטים — האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין פרעמדע קולטורן, פרעמדע לעבנסאַרטן און פרעמדע טראַדיציעס. דאָס האָט גורם געווען אַ סך פרעמדע איינפלוסן און השפעות און במילא רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָלי־טישע קאָנפליקטן.

ווי לאַנג עס האָבן געלעבט מחמדס אַפּאָסטאָלן און ערשטע קאַליפן, געקרוינט פון אים בכבודו ובעצמו, האָבן זיי געהערשט מיטן „אויטאָריטעט" און „כוח פון נביא". זיי זענען רעספּעקטירט געוואָרן אַלס דעם „נביאס יורשים". דער פערטער, לויט דער ריי, קאַליף, מחמדס איידעם אַלי, איז פון זיינע שונאים געהרגעט געוואָרן. איינער פון אַליס זין איז פאַרסמט געוואָרן. דער גובערנאַטאָר פון סיריע, האָט רעוואָלטירט קעגן דער הערשאַפט פון מחמדס „דיי־נאַסטיע". ער האָט זיך אַליין געקרוינט אַלס קאַליף און רעגירט

ביד חזקה. ער האָט פאַקטיש געשפּאָלטן די „איסלאַמישע וועלט". ער האָט געשאַפן אַן אייגענע דינאַסטיע אונטערן נאָמען „אממי־אדס", און רעגירט פון דמשק, אַנשטאָט פון מעדינאַ אָדער מעקאַ. שפּעטער האָט דער אַראַבישער קאַליפאַט זיך באַזעצט אין באַגדאַד.

אין יאָר 750 האָבן מחמדס יורשים ווידער רעוואָלטירט קעגן דמשק און פּראָקלאַמירט אַ „דינאַסטיע פון קאַליפן" אונטערן נאָמען „אבאַ־סאיד". אבאַ־סאיד איז געווען מחמדס פעטער און ער האָט פּרעטענדירט אויף מחמדס „כהונה", לויטן שטייגער, להבדיל, פון קרח ועדתו קעגן משה רבינו. די „אבאַ־סאיד"־אָנהענגער האָבן אויסגעקוילעט די „אממי־אדס"־אָנהענגער. איינער פון די „אַממי־אדס"־אָנפירער האָט זיך אָבער געראַטעוועט קיין שפּאַניע און אין קאָרדאָוואַ געשאַפן אַ נייעם „קאַליפאַט פון מחמדס גזע". האָבן געהערשט צוויי קאַליפאַטן פון איסלאַם — איינער אין מעקאַ, און אַ קעגנערישער אין קאָרדאָוואַ. ביזן יאָר 1053, אַ קיימאַ־לן פון איבער 300 יאָר, האָט די „אבאַ־סאיד"־דינאַסטיע געהערשט אין דער אַראַבישער וועלט. אַ טערקישער פירער האָט זי באַזיגט און פאַראייניקט די צוויי קעמפערישע צדדים אונטער זיין אייגענער פירער־שאַפט אַלס „קאַליף פון מזרח און מעריב". אויך זיין „קעניגרייך" האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

אין 13־טן יאָרהונדערט האָט דער טערקישער סולטאַן פאַרכאַפּט דעם קאַליפאַט. אין 1922, ווען טערקיי איז געוואָרן אַ רעפּובליק, איז דער קאַליפאַט אָפּגעשאַפט געוואָרן.

## אַפּיקורסות און רעפאָרמען אין איסלאַם

נאָך אין 7־טן יאָרהונדערט האָבן אין איסלאַם אָנגעהויבן אויפ־שטיין פאַרשיידענע גרופּן און סעקטעס — פילאָזאָפישע, מיסטישע און אַסקעטישע. אַ גרויסע השפעה האָט געהאַט די מיסטישע סעקטע „סופיסטן", אָדער — „סופיזם". זיי זענען באַאיינפלוסט געווען פון

קריסטלעכע אידייען, פון הינדואיזם און בודהיזם, און פון אַנדערע מיסטישע פילאָזאָפיעס. דער סופיזם איז טיילווייז דערגאַנגען צו אָפּאָזיציע צו דער דאָגמאַטישער רעליגיע, און געהאַלפן שאַפן אָרדנס פון מאָנאַכן, וועלכע האָבן ביזן היינטיקן טאָג אַ השפעה אין איס־לאַם. זיי האַלטן, אַז מען קאָן ווערן „איינס מיט גאָט" דורך פאַר־שיידענע אופנים, נישט דווקא לויט די פאָרגעשריבענע דאָגמעס פון דער רעליגיע. די פרומע מאַכמעדאַנער האָבן געהאַלטן די סופיסטן אַלס געפערלעך פאַרן איסלאַם.

אין 8־טן און 9־טן יאָרהונדערט זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע בייע באַוועגונגען אין איסלאַם. די באַדייטנדיקסטע פון זיי זענען:

1. דער „וואהאביזם", וועלכער האַלט פאַר הייליק דעם קאָראַן און נאָר די עלטערע „סונאַ" (די ראשונים). זיי זענען פאַנאַטישע נאָכפאָלגער פון מהמדן. האָבן פאַרכאַפּט די קאָנטראָל איבער מעקאַ. האָבן אַ השפּעה אין די אויל־געביטן אין די אַראַבישע לענדער. זיי וואַרפן אָפּ די הייליקייט פון די איסלאַמישע „הייליקע" און זייערע קברים. זיי זענען אַפילו קעגן די הייליקייט פון מחמדס קבר. זיי גלייבן נישט אין קיין מלאכים, ווייל „אללא" איז איבער אַלע און אַלץ. זיי ווילן נישט צולאָזן קיין אויסלענדישן איינפלוס, בעיקר נישט פון דער מערב־וועלט.

2. דער „באַביזם", אויפגעקומען אין פערסיע, וועלכער האָט גערופן צו סאָציאַלע רעפאָרמען, גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, און דעם קאָראַן אויסגעטייטשט אַלעגאָריש.

3. דער „באַהאיזם", אַן אָפּשפּאַלט פון „באביזם", האָט זיך אָ־קעגנגעשטעלט דעם דאָגמאַטיזם, אַריינגעברענגט אין איסלאַם אי־דייען פון ליבעראַליזם, אוניווערסאַלקייט, גלייכקייט פון אַלע מענטשן, פאַר איין וועלט־שפּראַך, קעגן מלחמה, פאַר אייביקן שלום.

גרעסערע הילוקי דעות זענען אַנטשטאַנען צווישן די מנהיגים,

טעאָלאָגן און פילאָזאָפן, וועלכע האָבן זיך צעשפּאָלטן אין צוויי סעקטעס — די „שיאיטן" און „סוניטן".

מחמדס איידעם אלי איז געווען דער פאַקטישער באַגרינדער פון די „שיאיטן". זיי זענען נישט מער ווי אַ 20־פּראָצענט אין איסלאַם און געפינען זיך אין פאַרשידענע לענדער, בעיקר אין איראַן (פּער־סיע). זיי האַלטן, אַז דער קאַליף ווערט „באַשטימט פון גאָט". די פירערשאַפט דאַרף דעריבער גיין בירושה פון מחמדס קינדער און קינדס־קינדער. די מלוכה־פירערשאַפט אין איראַן ליגט אין די הענט פון די שיאיטן זייט 1501. די שיאישן זענען עולה־רגל צום קבר פון מחמדס איידעם, אלי, און פון זיינע זין. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין איסלאַם די אידיי פון משיחיזם, געמישט מיט יהדות און קריסטנטום. זיי זענען טאָלעראַנט צו יידן. די שיאיטן זענען, פאַרשטייט זיך, אויסגעשטאַנען גרויסע צרות פון די „סוניטן".

די „סוניטן" האַלטן, אַז די פירער מוזן נישט זיין דווקא קרובים פון מחמדן; די קאַליפן דאַרפן געוויילט ווערן פון „פאָלק". זיי רופן זיך נאָכן איסלאַמישן „סונא", ווייל זיי האַלטן זיך פאַר די שומרים פון די קאָראַנישע דאָגמעס און קאָנסערוואַטיווקייט.

## סתירות אין דער איסלאם-טעאָלאָגיע

אַ סך איסלאַמישע טעאָלאָגן האָבן זיך אויך געבראָכן דעם מוח צו געפינען אַ תשובה צו די סתירות צווישן דער איסלאַמישער דאָגמע, אַז דער מענטש האָט נישט קיין פרייע בחירה, מחמת אַלץ — גוטס און שלעכטס — ווערט פון פריער באַשטימט פון אַללאַ, און — די אַנטקעגנגעזעצטע דאָגמע פון שכר ועונש — פאַר גוטס באַקומט מען גן־עדן, און פאַר שלעכטס — גיהנום.

די פאַרשידענע חילוקי דעות און קאָנפליקטן, גרופּן און סעקטעס, האָבן, פאַרשטייט זיך, צעשטערט דעם אחדות און דערפירט

צו בלוטיקע קאַמפן און שפּאַלטונגען. די דרוזן און באַהאַיסטן זענען אָפּשפּאַלטונגען פון איסלאַם.

דער איסלאַם האָט געהאַט פאַרשיידענע צייטן פון נצחונות און מפּלות. די אידיי פון „פּאַן־איסלאַמיזם" איז געבליבן אין אַרכיוו פון אוטאָפּיעס. דער הייַנטיקער מצרישער דיקטאַטאָר, אַבדול נאַצער, חלומט צו ווערן „כאַטש" דער פירער פון אַ „פאַראייניקטער אַראַ־ביע", אויב ער קען נישט ווערן דער פירער פון דער „גאַנצער איס־לאַמישער וועלט". זיין „מאָדערן פערדל" איז — שנאה צו יידן, שנאה צו מדינת ישראל, דערפאַר פאַכעט ער כסדר מיט דער שווערד. אים חלומט זיך „מחמדס שווערד". אַפילו דאָס אַטעאיסטישע, אַנטי־איסלאַמישע, קאָמוניסטישע רוסלאַנד, איז גוט פאַר זיין שותף, אַבי זיך צו פאַרשיכורן אין זיין חלום פון „גרויסקייט". און „הערשאַפט".

פונקט ווי מחמד — וויל נאַצער געבן זיינע מאַסן אַנשטאָט ברויט — הונגער, תעניתים און „הייליקע מלחמות".

די איסלאַמישע וועלט איז גאָר־שטאַרק צעשפּאַלטן און צעריסן פּאָליטיש און מלוכיש, אָבער ליידער פאַראייניקט אין שנאת ישראל.

## איסלאַם דערלויבט שלום נאָר ביז 10 יאָר

יעדער מאַכמעדאַנער מוז קענען פון אויסנווייניק עטלעכע פּסוקים פון קאָראַן. אַלע צוזאַמען דאַרפן, אַזוי אַרום, קענען דעם גאַנצן קאָראַן בעל־פּה. גאָר באַזונדער איז דאָס נוגע די לידערס — שופטים, עורכי־דין און כלל־טוער.

די איסלאַמישע יוריספּרודענץ באַזירט זיך אויף פיר יסודות: דעם קאָראַן, דאָגמעס, אַנאַלאָגיע און לאָגיק. דאָס שטראָף־געזעץ פאַרמאָגט דעריבער קאָמפּליצירטע און קעגנזעצלעכע פּרעצעדענצן. אַלע זייערע געזעצגעבער זענען אָבער מסכים, אַז בעת אַ „הייליקער מלחמה" איז דערלויבט צו הרגנען אָן שום באַגרענע־צונג.

מיט אַנדערש־גלויביקע — לויטן איסלאַם — „אומגלויביקע" — טאָר נישט זיין קיין שלום. אויב אָבער אַזאַ „שלום" איז לטובת די אינטערעסן פון איסלאַם — מעג ער זיין נאָר אויף אַ טערמין נישט־לענגער פון 10 יאָר.

איסלאַמישע טאָלעראַנץ צו, און קאָאָפּעראַציע מיט אַנדערש־גלייביקע איז זייער פאַרנעפּלט. עס פאָדערט זיך אַ סך „קרבנות" פון מאָסלעמס מסכים־צו־זיין צו „טאָלעראַנץ פון געוויסן", אַפילו אויף די געביטן פון פּאָליטישער, מיליטערישער און עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע, נישט־איסלאַמישע מלוכות.

## איסלאַמישע געזעצן וועגן פאַמיליען-לעבן

כאַראַקטעריסטיש און קאָמפּליצירט זענען די איסלאַמישע געזעצן וועגן חתונות, גט׳ן, ירושה און אדאָפּטירונג פון קינדער.

ח ת ו נ ו ת . חתונה־האָבן לויטן איסלאַם איז מער אַ קאָנטראַקט־טראַנזאַקציע, ווי אַ הייליקע אינסטיטוציע — אָנגענו־מען אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אין איסלאַם זענען פאַראַן, אָפיציעל, דריי צדדים צו אַ חתונה־טראַנזאַקציע:

1) ל ע ג אַ ל . היות חתונה־האָבן איז אַ „קאָנטראַקט" — מוז זיין אַן אָפיציעלע פאָרם פון אַ פאַרלייג חתונה־צו־האָבן און א הסכם צום פאַרלייג. דער הסכם מוז נישט זיין דווקא צווישן חתן און כלה. אַזאַ הסכם קאָן אויך זיין צווישן די עלטערן פון די צדדים, אָדער אפּוטרופּסים, אָדער זייערע אגענטן — „באַ־פולמעכטיקטע". די חתונה קען אַדורכגעפירט ווערן מינדלעך, אָן צערעמאָניאַלן. עס דאַרפן נאָר זיין אַנוועזנד 2 עדות. אויב חתן־כלה זענען מינדעריאָריקע, אָדער גייסטיק־צערודערטע, מעג דער חתונה־הסכם זיין צווישן די עלטערן, אָדער אפּוטרופּסים.

2) ס אָ צ י אַ ל . עס איז דערלויבט „קאָנטראָלירטע" פּאָ־ליגאַמיע. פאַקטיש מעג יעדער מאסלעם חתונה־האָבן מיט וויפל

ווייבער ער וויל. דער היתר איז מאָדיפיצירט געוואָרן חתונה־צו האָבן מיט „נאָר" 4 ווייבער.

3) ר ע ל י ג י ע ז. טראָץ אַלעם דאַרף די חתונה האָבן אַ רעליגיעזן חותם. היות אין דער איסלאַמישער וועלט זענען פאַראַן פאַרשידענע צווייגן און סעקטעס — יעדער פון זיי טענהט אַז נאָר ער איז דער אמתער יורש פון מחמדן און דער אמתער אויסטייטשער פון איסלאַם — זענען דעריבער פאַראַן פאַרשידענע מנהגים. דער אממיינסטן אָנגענומענער מנהג איז, דער מאַן זאָגט צו דער פרוי „איך האָב מיך חתונה־געמאַכט צו דיר". אויב די פרוי ענטפערט „איך האָב מסכים געווען" — איז זי אַ גע־חתנטע צו אים. אויב אַ מאַן זאָגט צום פאָטער פון אַ מינדעריאָריק מיידל: „מאַך חתונה דיין טאָכטער צו מיר", און איר פאָטער ענטפערט „איך האָב באַשטעטיקט" — איז אויסגעפירט געוואָרן אַ חתונה־קאָנטראַקט און זיי זענען געוואָרן מאַן־און־ווייב. דער פאַרלייג און הסכם מוזן זיין תיכף ומיד. טאָמער איז די הס־כמה אָפּגעלייגט אויף שפּעטער — איז אויס חתונה־קאָנטראַקט. די צדדים טאָרן נישט האָבן קיין הפסקה צווישן פאַרלייג און הסכמה. בלויז אַ „תנאים שרייבן" איז נישט גילטיק.

פאַקטיש ווערט מען ביי די מאַכמעדאַנער „דערוואַקסן" ביי 15 יאָר. אין דער ווירקלעכקייט אָבער ווערט אַ יינגל אַ „מאַנס־פאַרשוין" ביי 12 יאָר און אַ מיידל אַ „פרוי" ביי 9 יאָר.

אַ מינדעריאָריקער, וועלכן מ'האָט חתונה־געמאַכט דורך אַן אַגענט, מעג חרטה־האָבן אויף זיין חתונה ווען ער, אָדער זי, ווערט פוליאָריק.

היות אַ מאסלעם מעג חתונה־האָבן נאָר צו פיר ווייבער — ווי איז דער דין אַז ער האָט חתונה צו אַ 5־טע ווייב? — די 5־טע חתונה איז נישט אומגעזעצלעך; זי ווערט נאָר באַטראַכט אַלס נישט־נאָרמאַל.

אַ מוסולמענישע פרוי מעג חתונה־האָבן נאָר צו א י י ן מאַן. טאָמער האָט זי חתונה צו אַ צווייטן מאַן, בעת זי ווינט

נאך מיטן ערשטן — דאס ווערט באטראכט אלס ביגאמיע. אירע קינדער פון צווייטן מאן ווערן דערקלערט אלס נישט־לעגאלע.
דער מאן מעג, די פרוי — טאר נישט.

## „געמישטע" חתונות לויטן איסלאם

צוגעהעריקע צו פארשיידענע סעקטן אין איסלאם מעגן התונה־האבן צווישן זיך. קאמפליצירטע געזעצן זענען פאראן וועגן חתונה־האבן מיט נישט־מאסלעמס, ספעציעל מיט א קריסט, אדער ייד.

א מאסלעם מעג חתונה האבן מיט א צ ו ו י י ט ו ו י י ב, א קריסטין. דאקעגן א מאסלעמישע פרוי קען קיינמאל נישט חתונה־האבן מיט א קריסטלעכן מאן.

א מאסלעם מעג חתונה האבן מיט א יידישער פרוי, זי מוז זיך אבער שמדן צום איסלאם־גלויבן. אזא חתונה ווערט אבער נישט קוראזשירט. טייל מאסלעמישע פירער האלטן, אז אזעלכע חתונות זענען א רעזולטאט פון מאראלישער קראנקייט פון דער יוגנט.

א מאסלעמישע פרוי טאר קיינמאל נישט חתונה־האבן מיט א יידישן מאן.

קאמפליצירט זענען די געזעצן, אויב א מאסלעם וואס האט חתונה־געהאט לויטן איסלאמישן געזעץ קומט, למשל, קיין ענג־לאנד און וויל דארט חתונה־האבן מיט אן אנדערער פרוי לויטן ענגלישן געזעץ. ער קאן נישט אין ענגלאנד אנולירן זיין פריער־דיקע חתונה מיטן תירוץ, אז די מאסלעם־חתונה איז נישט געזעצ־לעך לויטן ענגלישן געזעץ. דאס ענגלישע געזעץ אנערקענט זיין איסלאמישע חתונה. זיין „צווייטע" חתונה איז אומגעזעצלעך, צוליב ביגאמיע.

ג ט. לויטן איסלאמישן געזעץ מעג יעדער צד אפגטן דעם צווייטן צד צו יעדער צייט. יעדער צד מעג זאגן צום צווייטן צד

„איך האָב דיך אויפגעגעבן”, און דער „הייליקער בונד” איז אַנו־לירט. די איינציקע סיבה, וואָס האַלט אָפּ דעם מאַן פון אָפּגטן זיין ווייב איז — וואָס ער מוז איר אָפּצאָלן דעם נדן, אָדער „כתובה”. בדרך כלל אָבער גטן זייער ווייניק מוסלעמישע פרויען זייערע מענער. ביי ספּעציעלע באַדינגונגען (למשל — אַנטאַגאָ־ניזם; אייפערזוכט; אכזריותדיקייט) האָט די פרוי אַ רעכט בלויז זיך צו שיידן פון מאַן, איידער אים אָפּגטן.

ווי שלעכט עס איז אַ פאַרהייראַטע מוסלעמישע פרוי — איז איר מצב ערגער אַלס געגטע.

אַז דער מאַן וויל נישט גטן זיין ווייב — דאָס איז פאַר איר טיילמאָל אַ גרעסערע צרה ווי זיין אומבאַגרענעצטע רעכט זי צו גטן ווען נאָר ער וויל. די מורא פאַר אַ פּלוצלינגדיקן גט הענגט איבער דער פרויס קאָפּ ווי די שאַרף פון דאַמאָקלעס שווערד.

דאָס „פאַמיליען־געזעץ” לויטן איסלאַם האָט געשאַפן אַן אינסטיטוציע — „פאַמיליען ראַט”, וואָס האָט רעכט צו פּסקנען צי אַ צעקריגט פּאָרפאָלק דאַרף זיך גטן. אַזאַ פּסק איז ענדגילטיק פאַר ביידע צדדים. אויב די פרוי איז שולדיק אין קאָנפליקט — מוז זי באַצאָלן קאָמפּענסאַציע צום מאַן.

די מאַכמעדאַנישע מענער זענען פאַראינטערעסירט צו האַלטן פרויען אַלס אַנאַלפאַבעטן, כדי זיי זאָלן וויסן וואָס־ווייניקער וועגן געזעצן און זייערע רעכט. דאָס פּריווילעגירט די מענער צו זיין די הערשער אין דער פאַמיליע און אויסנוצער פון זייערע ווייבער.

ג ע ב ו ר ט ־ ק אָ נ ט ר אָ ל. צוליבן היתר פון פּאָליגאַמיע, האָט דער איסלאַם דעם גרעסטן געבורט־פּראָצענט אין דער וועלט. אָפיציעל איז פאַרבאָטן געבורט־קאָנטראָל פאַר מאַכמעדאַנער. מען געפינט אָבער פאַרשידענע היתרים צוליב דער „טובה פון כלל” און יחיד.

אַ ד אָ פּ ט י ר ו נ ג. דער איסלאַם דערלויבט נישט צו

אַדאָפּטירן אַ פרעמד קינד. אַ מאַן קאָן אָבער תמיד דערקלערן, אַז ער איז דער פאָטער פון אַ קינד — אויב ס'איז פאַראַן אַ ספק, אָדער חשש, וועגן זיין פאָטערשאַפט. אין אַזאַ פאַל ווערט די לעגיטימקייט פון קינד סאַנקציאָנירט. אַזאַ מודה־זיין־זיך איז געזעצלעך נאָר אַ „דעקלאַראַציע״, אָבער נישט קיין פולע לע־גיטימקייט.

## רעכט פון אלמנות און גרושות

דער קאַראַן אָנערקענט נישט קיין יבום.

אַן אלמנה מעג חתונה־האָבן מיט וועמען זי וויל. נאָכן מאַנס טויט מוז זי אָבער וואַרטן 4 חדשים און 10 טעג, כדי צו זיין זיכער, אַז זי האָט נישט פאַרשוואַנגערט בעת איר מאַן האָט געלעבט.

אַ גרושה דאַרף וואַרטן נאָר 3 חדשים, איידער זי מעג חתונה־האָבן צו אַ צווייטן מאַן. אויב אָבער דער געגטער מאַן וויל צוריק חתונה־האָבן מיט זיין געגט ווייב, און זי איז מסכים — דאַרף זי לגמרי נישט וואַרטן, עס פאַלט אָפּ דער חשש פון עווענטועלער שוואַנגערשאַפט.

אַ מאַן מעג אָפּגטן און ווידער חתונה־האָבן מיט זיין געגט ווייב נאָר 3 מאָל. טאָמער האָט ער זי געגט 3 מאָל און וויל צום 4־טן מאָל חתונה־האָבן מיט איר — מעג דאָס געשען נאָר אויב זי האָט אין צווישן־צייט חתונה־געהאָט מיט אַן אַנדערן מאַן און מיט יענעם זיך געגט.

אַ מאַן טאָר נישט אָפּגטן זיין שוואַנגעריקע פרוי, איידער זי געבוירט דאָס קינד.

אַ גרושה מוז זייגן איר קינד במשך גאַנצע צוויי יאָר. דער מאַן, וואָס האָט זי אָפּגעגט, מוז במשך די צוויי יאָר מפרנס זיין סיי דאָס געגטע ווייב, סיי דאָס געבוירענע קינד, לויט די פריערדיקע באַדינגונגען אין לעבן.

# שמיץ און טויט פאַר פאַרראַט

פ אַ ר אַ ט. לויטן קאָראַן דאַרף מען אַ מאַן שמייסן פאַר פאַראַטן זיין ווייב.

אַ פרוי פאַרזינדיקט אין פאַראַט — דאַרף מען פאַרשליסן אין אַ הויז ביז — זי שטאַרבט, אָדער אַללאה געפינט פאַר איר אַן אויסלייזונג. עס איז געווען אַ צייט פון באַשטראָפן זי מיט — סקילה.

י ר ו ש ה. דאָס ירושה־געזעץ לויטן קאָראַן איז זייער קאָמפליצירט. עס זענען פאַראַן „קאָראַן"־יורשים, „שאַרערס"; און „אַגנעטישע"־יורשים — נאָר מענער־יורשים, און פון פאָטערס צד.

אויב, למשל, אַ פאַרשטאָרבענער לאָזט נישט איבער קיין זין, נאָר טעכטער — דאָס הייסט אַ „קאָראַן"־יורש. טאָמער איז יאָ דאָ אַ זון — קאָן די טאָכטער ירשנען נאָר אַלס „אַגנעטישער" יורש.

אַ גאַנצע ריי יורשים ווערן אויסגעשלאָסן פון ירושה־רעכט.

צ ו ו א ה. לויטן איסלאַמישן געזעץ מעג אַ מאַן, בעת זיין לעבן, פאַרשרייבן אין זיין צוואה בלויז אַ דריטל פון זיין פאַרמעגן. די אַנדערע צוויי־דריטל מעג ער אַוועקגעבן וועמען ער וויל. אַ פאָטער מעג אַוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אַפילו נאָר צו א י י ן זון, און פאַר די איבעריקע קינדער גאָרנישט איבערלאָזן.

דאָס אַוועקגעבן ביים לעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן „שלא על מנת להחזיר" און מאַכן דעם צווייטן פאַרן אַבסאָלוטן אייגנטימער פון זיין מתנה, הייסט — „היבא".

ס'איז פאַראַן אַ לאַנגע פראָצעדור פון גילטיקייט פון געבן מתנות אין אָנוועזנהייט פון עדות. די גילטיקייט פון מתנות קען ווערן געפסקנט נאָר לויטן איסלאַמישן געזעץ.

אַ באַזונדער קאַפיטל איז אַוועקגעבן מתנות פאַרן „הקדש" — „וואקף". דאָס „וואקף"־געזעץ פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין איס־

לאַמישן געזעץ, טיילמאָל קאָנטראָלירט דאָס דאָס גאַנצע רעליגיעזע און סאָציאַלע לעבן. אַ גרויסע ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן אַרום דעם פּראָבלעם. אַז איינער גיט אַ מתּנה פאַרן „וואַקף" — קאָן דאָס נישט געענדערט ווערן.

## יידן וואַלטן געוועז אַ פאָלק פון הונדערטער מיליאָן נפשות

דער רוף צו הייליקער מלחמה — „דזשיהאַד" — קעגן יידן, וואָס די נאַצערס און כוסיינס האָבן צעווילדעוועטערהייט אויס־געשריגן צוליב דער שריפה פון „אַל־אַקצאַ" מעטשעט אין ירושלים, דערמאָנט אויפסנייַ דעם שיינעם גייסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אין אַמעריקע לעבן בשלום, אין האַרמאָנישער קאָאָ־פּעראַציע, הונדערטער גרופּן, כיתות און סעקטעס פון פאַרשידענע רעליגיעס. די אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכע עפנטלעכע מיינונג האַלט זיך פעסט אין פּרינציפּ פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, און אין דער שיינער דעמאָקראַטישער מידה צו רעדן און שרייבן וועגן רעליגיע, י ע ד ע ר רעליגיע, נאָר אין פּאָזיטיווע טערמינען, מיט טאַקט און טאָלעראַנץ. אַלע נעגאַטיווע זייטן ווערן אויסגעמיטן, בפרט רעליגיעזע העצערייען.

דער ווילדער אַראַבישער בלבול, אין נאָמען פון „הייליקן איסלאַם", אַז יידן האָבן קאַראַאול, פאַרשוועכט די איסלאַמישע „הייליקייט", זענען אָפּקלאַנגען פון פינצטערן מיטלאַלטער.

יידן זענען צו שטאַרק סענסיטיוו בעיקר צו די רעליגיעס פון איכלאַם און קריסטנטום. די דאָזיקע אמונות טראָגן אויף זיך שווערע היסטאָרישע חטאים קעגן יידישן פאָלק. במשך דורות האָבן זיי זיך געבאָדן אין יידיש בלוט און האָבן מיט אַלערליי ווילדסטע מיתות משונות אויסגעקוילעט צענדליקער מיליאָנען אומשולדיקע יידן.

היסטאָריקער האַלטן, אַז ווען נישט די מעשים תעתועים פון

די דאָזיקע רעליגיעס — וואָלט דאָס יידישע פאָלק היינט געווען אַ פאָלק פון 200 מיליאָן נפשות.

צוליב אונדזער לאַנגן — 2 טויזנט־יאָריקן — גלות, האָבן אונדזערע שונאים זיך איינגערעדט, אַז יידיש בלוט וועט אייביק זיין הפקר. אַז מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל האָט זיך זייער אילוזיע פאַרענדיקט אויף אייביק — דאָס לייגט זיך זיי נאָך נישט אויפן „שכל".

די לעצטע שואָה, וועלכע האָט גורם געווען זעקס מיליאָן יידישע קדושים, איז נישט געווען קיין אָפיציעלער אַקט פון די דאָזיקע „רעליגיעס". עס איז אָבער אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז בעת דער פינצטערער און בלוטיקער היטלער־תקופה, האָט קיין איינציק לאַנד פון איסלאַמישן איינפלוס, נישט געעפנט אירע טויערן פאַר די יידישע „געשוועסטער קינדער" פון „זיידן אבר רהמס אמונה" (די „רחמנותדיקייט" צו יידן מצד די קריסטן, און לענדער פון קריסטלעכער השפעה, — איז אַ באַזונדערער ענין).

## היטלער געירשנט פון מחמדן די „געלע לאַטע"

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז היטלער, ימח שמו, איז נישט געווען דער אָריגינעלער דערפינדער פון דער „געלער לאַטע" פאַר יידן, וועמען ער האָט געצוואונגען צו טראָגן במשך זיין מערדע־רישן רעזשים. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז נאָך אין יאָר 850 האָבן מ אַ כ מ ע ד אַ נ י ש ע הערשער ארויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז יעדער ייד מוז טראָגן אַ „געלע לאַטע" אויף דער ברוסט־זייט און אויפן רוקן פון זיין מלבוש, כדי לייכט צו אידענטיפיצירן ווער עס איז אַ ייד.

אין אַן אַנדער צייט האָבן אויך א י ס ל אַ מ י ש ע הערשער גוזר געווען, אַז יידן טאָרן זיך נישט באַווייזן אין גאַס, ווען — עס ר ע ג נ ט, מחמת דאָס רעגן־וואַסער זאָל נישט ווערן פאַר־אומרייניקט פון יידן.

עס איז אויך געווען אַן איסלאַמישע גזירה, אַז יידן טאָרן נישט זיין אין גאַס ווען — די זון שיינט, — ווייל די יידן קאָנען, חלילה, מטמא־מאַכן די איסלאַמישע זון־שטראַלן.

די איסלאַמישע נאָכפאָלגער פון „גאָטס נביא" מחמד זענען געווען די פאָרגייער פאַרן קריסטלעכן היטלער און זיין נאַציש־מערדערישן רעזשים פון פייניקן און מאָרדן יידן.

בעת דער פינצטערער שואה פון אונדזער צייט, איז דער איסלאַמישער הויפּט אין דער אַראַבישער וועלט, דער „גרויס מופטי" פון ירושלים, געווען היטלערס „נאַטירלעכער" שותף צום אויסמאָרדן די יידן. נאָכן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, זענען נאַצערס מצרים, און אַנדערע אַראַביש־איסלאַמישע לענדער, געוואָרן די „נאַטירלעכע" עירי־המקלט און גן־עדן פאַר די היט־לעריסטישע „ווינסשאַפטלעכע" רוצחים.

## איסלאַמישער פירער עפנט ירושלים פאַר יידן

יידן אונטער איסלאַמישער הערשאַפט האָבן אָבער אויך געהאַט פאַרשידענע צייטן פון אויפשטייג חוץ די צייטן פון ירידה. נאָך מחמדס טויט איז דער מצב פון יידן געוואָרן אַ ביסל לייכטער. מחמדס צווייטער שטעלפאַרטרעטער, לויט דער ריי, קאַליף אָמאַר, איז געווען פריינדלעכער צו יידן און קריסטן. ער האָט זיי טאָלער־ירט, בעיקר אַלס „מאָנאָטעאיסטן". ער האָט מער מורא געהאַט פאַר די אַראַבישע געווענע געצנדינער, וועלכער האָבן זיך געבונטעוועט. נאָך דעם ווי קאַליף אָמאַרן איז געלונגען אָפּצורייסן ארץ ישראל פון ביזאַנטישער הערשאַפט — האָט ער אין יאָר 638 דערלויבט יידן ווידער צו האָבן אַ צוטריט צו ירושלים. אין 3 יאָר שפּעטער, ווען אים איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אויך אַלעקסאַנדריע, האָט ער צוריקגעשטעלט די רעכט פון די דאָרטיקע יידן. עס זענען אָבער נישט געענדערט געוואָרן די „הייליקע" איסלאַמישע גזירות אַז יידן מוזן צאָלן אַ ספּעציעלן מס פאַרן פאַרלייקענען מחמדס

„נביאותדיקע שליחות" און פֿאַרן חסד צו לעבן אונטער איסלאַ־מישער הערשאַפֿט.

די באַציאונג צו יידן מצד איסלאַמישע הערשער אויף פֿאַר־שידענע ערטער און אין פֿאַרשידענע צייטן, איז געווען פונקט ווי מחמדס טאַקטיק — אַ וואַקלדיקע און נישט סטאַבילע — לויט דער שטימונג פון מנהיג און לויט די באַדינגונגען פון דער צייט.

ווען דער איסלאַם איז אין 750 זיך צעוואַקסן אין אַן אימ־פּעריע — ביזן אינדישן אָקעאַן, רוסישן טורקעסטאַן און קאַווקאַז, און איבעריאַפּעאישן פּאַרטוגאַל — ווו זיי האָבן געמאַכט הערשן די אַראַבישע שפּראַך און איסלאַמישן קאַלענדאַר — האָבן אומ־פֿאַרשטענדלעכערהייט אָנגעהויבן אויפֿבליען נייע יידישע ישובים און אַ ניי יידיש לעבן.

אויך דאָס יידישע ארץ ישראל איז אויפֿגעשטאַנען תחיית המתים.

די שווערע עקאָנאָמישע גזירות האָבן נישט באַווירקט דעם גייסטיקן יידישן אויפֿשטייג פֿאַרן אויפֿהאַלט פון יידישן לעבן און יידישן פֿאָלקס־קיום.

## יידישע שוואַכקייט צו אַסימילאַציע

די יידן האָבן זיך אָבער שטאַרק אַסימילירט צו דער אַראַבי־שער שפּראַך, קולטור און לאָקאַלע מנהגים. דאָס האָט באַדראָט דעם יידישן קולטורעלן און גייסטיקן קיום. די פֿריערדיקע השפּעה פון דער אַסימילירנדיקער העלעניסטישער קולטור, האָט איבער־געלאָזט טיפֿע וואָרצלען און באַקומען אַ יורשטע — די אַראַבישע. מוסולמענישע פּירער האָבן צוליב דעם געמיינט, אַז עס איז ווידער געוואָרן רייף די צייט פון מחמדס „חלום" — אַז יידן זאָלן, פֿריייוויליק, צי געצוווּנגענערהייט, זיך שמדן און אָננעמען די איסלאַמישע רעליגיע. דאָס איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַר־

שפיל צו באַנייען די רדיפות קעגן די יידישע „כופרים״, וואָס האָבן זיך אָקעגנגעשטעלט די פרווון פון איסלאַמישן שמד.

גלייכצייטיק האָט די קריסטלעכע וועלט, רעפרעזענטירט דורכן קאַטוילישן שפאַניע, חושד געווען די יידן, אַז זיי זענען געוואָרן „שותפים צו די שונאים פון קריסטנטום״ — דעם איסלאַם. כדי אָפּצווישן פון יידן דעם „חטא פון חשד״ — האָט אויך די קריסט־לעכע וועלט געפאָדערט, אַז יידן זאָלן זיך שמדן צום — קריסטנ־טום, אָדער — אויסגעראָטן ווערן.

ווען די חיילות פון איסלאַם איז געלונגען צו פאַרכאַפּן דעם פּירינעאישן האַלב־אינדזל — איז דאָס גראָד געווען אַ שטיקל גאולה פאַר די גערודפטע יידן.

סיי דער איסלאַם, סיי דאָס קריסטנטום, האָבן געפּרוווט צו צעקוועטשן די יידן, וואָס האָבן אין זייער ביטערן גלות געמוזט לעבן אונטער זייערע רעזשימען.

אונטערדריקונג, אַסימילאַציע, שמד, גירוש, אָדער סכנה פון אונטערגאַנג — זענען געווען די „מאָראַלישע״ געזעצן פון די הייליקע פּריסטער סיי פון קאָראַן, סיי פון דער עוואַנגעליע.

היות סיי דער איסלאַם, סיי דאָס קריסטנטום, האָבן געהאַט פאַרשידענע צייטן פון נצחון און מפלה — אַזוי האָבן אויך די יידן געהאַט צייטן טרויעריקע, און צייטן פון גייסטיקן און עקאָ־נאָמישן אויפשטייג.

זיי האָבן זיך געראַנגלט מיטן חסד לאומים. אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זייער בטחון און אמונה אין ישועת השם.

די אַלע גורמים האָבן מיטגעווירקט, אַז יידן האָבן זיך איבער־געטראָגן קיין אייראָפּע און דאָרט אויפגעשטעלט נייע צענטערס פון יידישע ישובים.

## קורצער זכרון פון איסלאַם און קריסטנטום

סיי דער איסלאַם, סיי קריסטנטום מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז ווען

נישט יהדות און איר וועלט־אידיי פון מאָנאָטעאיזם — וואָלט נישט געווען נישט קיין קריסטנטום און נישט קיין איסלאַם.

היסטאָריקער פאַרצייכענען, אַז אונטער איסלאַמישער הער־שאַפט האָבן יידישע „אנוסים" אָפּט מאָל מער געליטן, ווי פון קאַטאָלי־ציזם, טראָץ וואָס דאָס בלוטיקע קאַפּיטל פון „אַנוסים" ווערט צוגעשריבן אַלס אויסדריקלעכער קריסטלעכער פּראָדוקט.

היסטאָריקער ווייזן אָן, אַז אין דער איסלאַמישער וועלט זענען היינט פאַראַן מיליאָנען מאַכמעדאַנער, וואָס שטאַמען פון יידן, אַלס קרבנות פון דער איסלאַמישער שווערד — אַראַבישע און מאַכמעדאַנישע „אַנוסים" פון „יידישן גלויבן". חוץ דעם זענען אויסגעראָטן געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן געלעבט אין אַראַביע זייט חורבן בית־המקדש.

עס איז כדאי צו לערנען געשיכטע, בעיקר י י ד י ש ע געשיכטע.

## מחמד איז געפלויגן אין הימל און באַגראָבן אין מעדינאַ

מיטן מאָמענט ווען מחמד האָט באַפוילן זיינע גלייביקע מתפלל צו זיין מיטן פּנים צו מעקאַ, אַנשטאָט צו ירושלים — האָט ער פּאַקטיש זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכן קשר, אָדער טענה צו ירושלים. ער האָט פאַרטוישט ירושלים פאַר מעקאַ. ערשט נאָך מחמדס טויט איז ירושלים ווידער געוואָרן הייליק פאַר זיינע אָנהענגער.

מעקאַ און מעדינאַ זענען פון תחילת אָן געווען מחמדס היי־ליקע שטעט. ביידע געפונען זיך אין סאַודיע־אַראַביע. נאָכן טריאומפאַלן אַריינמאַרש קיין מעקאַ — האָט מחמד פאַרוואַנדלט דעם עבודה־זרהדיקן טעמפּל „קאַאַבאַ" אין אַ הייליקן טעמפּל פון איסלאַם. דער דאָזיקער טעמפּל איז טאַקע געוואָרן דער הייליק־סטער פאַרן גאַנצן איסלאַם ביזן היינטיקן טאָג.

**ווען איז ירושלים ווידער געוואָרן אַ חשוב אָרט פון איסלאַם?**

לויט דער איסלאַמישער לעגענדע, איז מחמד געקומען קיין ירושלים אויף זיין באַרימט פערד מיט פליגלען „אל־בורק". דאָס איז געווען זיין אָפּרו־אָרט פאַרן אַרויפפּלי אין הימל. צוקומענדיק צום „אבן שתיה" אויפן הר־הבית — האָט ער איבערגעלאָזט זיין פערד ביי דער צווייטער זייט פון דער כותל המערבי, דאָרט ווו די יידן האָבן נישט געדאַווענט. די מוסולמענער רופן דעריבער די כותל מערבי — די „אלבורק-וואַנט". נאָך דעם איז מחמד צוזאַמען מיטן מלאך גבריאל פון דאָרט אַרויפגעפלויגן גלייך אין הימל אַריין.

נאָכן איינגעמען ירושלים דורך די מוסולמענער, האָבן זיי אויפגעבויט זייער מעטשעט „אָמאַר" אויפן אָרט, ווו עס איז גע־שטאַנען דער יידישער בית המקדש. דער מעטשעט איז געבויט לוקסוסדיק, מיט אַ באַגילטן קיילעכדיקן דאַך.

פאַרוואָס איז געבויט געוואָרן דער איסלאַמישער טעמפל אויפן אָרט פון בית המקדש?

די מאַכמעדאַנער טענהן, אַז דער יידישער בית המקדש איז געווען דער בית אלקים, ווו עס האָט גערוט די געטלעכע שכינה נישט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר אַ ל ע מענטשן, און במילא אויך פאַר די מאָסלעמס. ענלעכעס טענהן זיי וועגן דוד המלך — ער האָט מתפלל געווען נישט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. דעריבער איז דאָס אָרט פון בית המקדש דער קדשי־קדשים פאַר אַ ל ע מענטשן. היות דער איסלאַם האָט איינגענומען ירושלים — זענען זיי די היטער פון אָרט פון קדשי־קדשים און דער מעטשעט „אָמאַר" פאַרנעמט דאָס אָרט פון בית המקדש. נאָכדעם האָבן זיי אין שכנות פון „אָמאַר" אויפגעבויט דעם מעטשעט „אל־אַקצאַ" מיט אַ זילבערנעם קיילעכדיקן דאַך — אויפן אָרט, פון וואַנען מחמד זאָל זיין אַרויפגעפלויגן אין הימל אַריין. דער נאָמען „אקצא" (לייען אקסא), איז ענלעך צום

העברעאישן וואָרט „קץ״, סוף, עק. דער מעטשעט שטייטביים עק פון באַרג.

לויט איין לעגענדע איז „אל אקצא״ אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 639 — איין יאָר נאָך דער אַראַבישער דעראָבערונג פון ירושלים, 7 יאָר נאָך מחמדס טויט. לויט אַן אַנדערער ווערסיע, איז פריער דאָרט געווען אַ הייליק פּלאַץ פאַר דער קריסטלעכער „הייליקער מערי״, געבויט אין 536. ווען די אַראַבער האָבן פאַר־כאַפּט דאָס קריסטלעכע אָרט, האָבן זיי עס פאַרוואַנדלט אין אַן איסלאַמיש געבעט־הויז. די איסלאַמער האָבן זיך נישט גערעכנט מיט די קריסטן, פאַרשוועכנדיק אַ קריסטלעך הייליק אָרט. ערשט אין די יאָרן 709 — 715 זאָל דער קאַליף אַל־וואַליד האָבן אויפ־געבויט די נייע געביידע פון „אַל־אַקצאַ״. אַן ערד־ציטערניש אין יאָר 746 זאָל האָבן חרוב־געמאַכט דעם גרעסטן טייל פון מעטשעט. נאָך צוויי שפּעטערדיקע ערד־ציטערנישן איז ערשט אין די יאָרן 1034 — 1036 אויפגעבויט געוואָרן די איצטיקע קאָנסטרוקציע פון מעטשעט. ווען די קרייץ־צוגלער האָבן ווידער פאַרכאַפּט ירושלים — האָבן זיי זיך נוקם געווען אין די מאַכמעדאַנער און פאַרשוועכט דעם מעטשעט. אין 1187 האָבן די מאַכמעדאַנער צוריק־פאַרכאַפּט ירושלים. אין 1234 האָבן די קריסטן ווידעראַמאָל פאַרכאַפּט ירו־שלים און זיך נוקם געווען אין די מאַכמעדאַנער. אַזוי אַרום האָבן סיי די מאַכמעדאַנער, סיי די קריסטן כסדר פאַרוויסט, פאַרשוועכט און חרוב געמאַכט סיי דעם מעטשעט, סיי ירושלים. טייכן בלוט זענען פאַרגאָסן געוואָרן אינעם פאַרשוועכן די קריסטלעכע און איסלאַמישע „הייליקייטן״. ערשט אין מיטן פון 14־טן יאָרהונדערט האָט אַ מאַמלוק סולטאַן צוריק אויפגעריכט דעם „אַל־אַקצאַ״. צווישן די יאָרן 1938 — 1942 איז דער מעטשעט אויפסניי רעסטאַווירט געוואָרן, אַפילו דער פונדאַמענט איז געוואָרן איבערגעבויט און פאַרשטאַרקט. לויט היסטאָרישע מקורות, איז די געביידע פון אָריגינעלן מעטשעט געווען אַ סך גרעסער, ווי ער איז היינט.

דאָס הייליקסטע אָרט פאַר די מוסולמענער אין דער וועלט איז

דער „שוואַרצער שטיין" פון מעטשעט „קאַאַבאַ" אין מעקאַ. יעדער מוסולמענער דאַרף כאָטש איין מאָל אין לעבן עולה זיין צום דאָזיקן אָרט. דאָס צווייטע הייליקע אָרט פאַר די מוסולמענער, איז אין מעדינאַ, דאָרט, ווו מחמד איז באַגראָבן געוואָרן. „אל־אקצא" איז דאָס דריטע הייליקע אָרט, דערמאָנט אין קאָראַן. לויטן איס־לאַמישן דין, איז יעדער פרומער מוסולמענער, וואָס באַזוכט מעקאַ מחויב נאָכדעם עולה צו זיין צום „אַל־אַקצאַ".

עס איז מער ווי אפיקורסות — עס דערגייט אַפילו צו גאָט־לעסטערונג — צו פרעגן, אַז אויב מחמד איז אַרויפגעפלויגן אין הימל — ווי אַזוי האָט מען אים באַגראָבן אין מעדינאַ? עס איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט, אַז מחמד איז צוריקגעקומען פון הימל צו דער ערד. ביי די קריסטן איז כאָטש פאַראַן די אמונה, אַז ישו איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים. ביי די מוסולמענער איז אַזאַ לעגענדע אויך נישטאָ וועגן מחמדן.

## היסטאָרישע פאַלסיפיקאַציע

די אַראַבישע טענה, אַז די 1969-שריפה אין „אַל-אַקצאַ" איז די ערשטע און איינציקע — איז אַ היסטאָרישע פאַלסיפיקאַציע. פאַקטן פון הונדערטער יאָרן צוריק איז לייכטער אָפּצולייקענען בפרט אויב עס זענען נישט פאַרבליבן קיין געשיכטלעכע דאָקו־מענטן. עס איז אָבער אַ באַוווסטער פאַקט, אַז מיט בערך 6 יאָר פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה, איז אין „אַל־אַקצאַ" אויסגעבראָכן אַ פייער, וועלכעס איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. נאָך פריער זענען אויך געווען שריפות אין די מעטשעטן „אל אקצא" און „אָמאר".

מהמד האָט נישט געקאָנט פאַרהיטן פון שריפות אין זיינע מעטשעטן, פונקט ווי ישו הנוצרי האָט נישט געקאָנט פאַרהיטן אין 1949 די שריפה אין הייליקן קריסטלעכן קלויסטער „דער קלויסטער פון ישוס קבר". מיט אבערגלויבן און פאַנטאַזיעס קאָן מען נישט פאַרהיטן קיין פיזישע פייערן.

## די „הייליקייט״ פון אומהייליקע מיטלען

דער הייליקער מעטשעט „אַל־אַקצאַ״ ווערט באַנוצט נישט בלויז צו „הייליקע תפילות״, נאָר אויך צו גאָר נישט־הייליקע פאָליטישע העצערייען און דעמאָנסטראַציעס קעגן יידן. אין דאָזיקן מעטשעט איז געוואָרן אויך אויסבאַהאַלטן געווער, און דאָרט זע־נען אַפילו אויסגעפירט געוואָרן עקזעקוציעס קעגן קעגנער און „פאַררעטער״. אַלס סימבאָל פון „הייליקייט״ איז דער פאַקט, וואָס ביז 1938 איז דער הערשער איבער די מעטשעטן געווען דער טרויעריק־באַרימטער גרויס־מופטי פון ירושלים, כוסייני, שותף פון נאַצי־היטלעריזם. די תפילות אין „אל־אקצא״ האָבן אויך גורם געווען צום דערמאָרדן דעם ערשטן קעניג פון ירדן, אַבדוללאַ, זיידע פון היינטיקן ירדן־קעניג, כוסיין.

אויך די פאַלשע טענה, אַז יידן זענען שולדיק אין דער לעצטער שריפה פון „אַל אַקצאַ״, איז באַגלייט מיט אַ גיפ־טיקער העץ־קאַמפּאַניע קעגן יידן און קעגן מדינת ישראל. די פאַלשע העץ־קאַמפּאַניע טראָגט סימנים פון היטלעריסטישע מע־טאָדן און נאַציש־נאַצערישע בלוט־דורשטיקע העצערייען.

ווען אַ מיליאָן יידישע קינדער זענען פאַרברענט געוואָרן, האָט דער איסלאַם געשוויגן. ווען 6 מיליאָן יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן, האָט די „וועלט״ זיך נישט גערירט. ווען אַ געביידע האָט אַ ביסל אָפּגעברענט — האָט די גאַנצע וועלט „אויפגעציטערט״. אַפילו דער הייליקער פויפּסט האָט געעפנט אַ וואָרט. ווי שטאַרק ס׳איז דער כוח פון שקר און ווי גרויס די שנאה צו יידן!

## ווער איז ראוי צו בויען אַ הויז פאַר גאָט?

לאַנג, לאַנג פאַר מחמדן, האָט, להבדיל, נתן הנביא אָנגעוויזן — אין נאָמען פון השם צבאות — ווער עס איז ראוי צו זיין אַ מנהיג פון דער מענטשהייט.

נתן הנביא האָט געזאָגט (דברי הימים א, כ״ב; ח) — „דם לרוב שפכת ומלחמות גדולות עשית, לא תבנה בית לשמי, כי דמים רבים שפכת ארצה לפני״ — ווער עס פאַרגיסט אומשולדיק בלוט אין מלחמות — דער איז נישט ראוי צו בויען אַ הויז פאַר גאָט.

אַפילו דער גרויסער דוד המלך, האָט נישט זוכה געווען צו בויען דאָס בית המקדש. בפרט, להבדיל בין אלף הבדלות, די מחמדס און זייער גלייכן.

די געטלעכע רייד פון נתן הנביא זענען געזאָגט געוואָרן צו אַלע פירער אין דער וועלט, וואָס האָבן געוואָלט און ווילן ווייטער זיך קרוינען אַלס „פירער״ און „דערלייזער״ פון דער מענטשהייט.

ווען מענס הענט עס זענען פאַרפלעקט מיט אומשולדיק מענטשלעך בלוט — קאָנען נישט אַריינקומען אין גאָטס קדשי־קדשים און קאָנען נישט זיצן אויפן שטול פון מענטשלעכער אייביקייט.

## איסלאַמישער לוח — לויט דער לבנה

דער 9־טער חודש פון איסלאַם־יאָר הייסט „ראַמאַדאַן״ (קאָראַן, 180:2). דאָס פאַלט אויס בערך אין חודש סעפּטעמבער—אָקטאָבער. אָפיציעל הייסט דאָס אין איסלאַם „קידוש הלבנה״. אָבער, בעיקר איז דאָס לכבוד דער „אַנטפּלעקונג פון קאָראַן״, נאָכגעמאַכט אַזוי ווי ביי יידן, להבדיל, קבלת התורה. „ראַמאַדאַן״ איז איינער פון די 5 עיקרים פון דער איסלאַם־אמונה.

מאַכמעדאַנער באַטראַכטן „ראַמאַדאַן״ אַלס חודש פון „חשבון הנפש און תשובה״, אַזוי ווי ביי יידן, להבדיל, חודש אלול.

לויטן קאָראַן (קאַפּיטל 2, שורה 185) איז דער קאָראַן נתגלה געוואָרן צו מחמדן אין „ראַמאַדאַן״.

לויט מחמדן זענען במשך דעם חודש אָפן די „טויערן פון גן עדן״. אַלע, וואָס פאַסטן במשך „ראַמאַדאַן״ — איז גאָט מוחל אַלע זייערע חטאים. במשך „ראַמאַדאַן״ פאַרברענגען פרומע מאָסלעמס כמעט אַ גאַנצן טאָג אין די מעטשעטן, זענען מתפלל און

לייענען פון קאָראַן. די לעצטע 10 טעג פון „ראַמאַדאַן" פאַרברענגען זיי אין התבודדות („איטיקאף"). זיי גלייבן, אַז אין איין נאַכט פון די דאָזיקע לעצטע 10 נעכט („לילת אלקאדאר") איז צו מחמדן נתגלה געוואָרן דער 114־טער קאַפּיטל פון קאָראַן. חילוקי דעות זענען פאַראַן צי דאָס איז געווען אין דער נאַכט פון 21־טן, אָדער 23־טן צי 25־טן 27־טן אָדער 29־טן טאָג פון ראַמאַדאַן. יעדן מאָכ־מעדאַנער איז צוגעזאָגט געוואָרן אַ „הייליקע ברכה" אין דער דאָ־זיקער נאַכט. דער „ראַמאַדאַן" געדויערט 40 מעת־לעת נאָכקאַפּירט פון די 40 מעת־לעת וואָס משה רבינו איז געווען אין הימל (שמות ל"ד, כ"ח).

במשך די 40 טעג פון „ראַמאַדאַן" מוז יעדער מאָסלעם פאַסטן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג — טאָר נישט עסן, נישט טרינקען, נישט רויכערן, נישט האָבן קיין סעקסועלע באַציאונגען. ווי עס ווייזט אויס — אַ פאַרקריפּלונג פון די „שלושת ימי הגבלה" פון די יידן אין מדבר פאַר קבלת התורה. היות אין קאָראַן רעדט זיך וועגן „טעג" — האָבן די איסלאַמישע טעאָלאָגן דאָס אויסגע־טייטשט, אַז בייַנאַכט דאַרף מען נישט פאַסטן.

איין זאַך איז יאָ דערלויבט במשך יעדן טאָג פון „ראַמאַדאַן" — אַ ר ב ע ט ן.

איסלאַמישע טעאָלאָגן האָבן אויך דערקלערט, אַז די כוונה פון „ראַמאַדאַן" איז צו שטאַרקן דעם גייסט פון אמונה און זיך מחזק זיין צו שפּעטערדיקע מעשים טובים. מחמד האָט באַטראַכט דאָס פאַסטן אַלס לייכטע און באַקוועמע מצווה, אָבער עס פאָדערט זיך דערצו אַ סך כוונה און רצון. עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר מחמדן לייכטער צו געבן זיינע מאַסן די „מצווה פון פאַסטן", ווי ברויט צו עסן.

דאָס איסלאַמישע קאַלענדאַר־יאָר רעכנט זיך לויטן גאַנג פון דער לבנה — אַזוי ווי ביי יידן. אויך דאָס האָט מחמד איבערגענומען פון די יידן. איינמאָל אין 33 יאָר פאַלט אויס דער „ראַמאַדאַן" אינמיטן זומער. דאַמאָלט איז דאָס פאַסטן אַ גרויס פּייניקונג אין

די לענדער פון זייער־הייסן קלימאַט. מאָדערנע פּאָליטישע מאַסלעם פירער באַקלאָגן זיך, אַז דאָס פאַסטן 40 טעג איז בכלל גורם אַ פיזישן אָפּשוואַך פון המון. אין צייט פון מלחמה קען „ראַמאַדאַן" גורם זיין אַ מפּלה. די רעליגיעזע פירער פאַרשרייען אַזאַ טענה פון די פּאָליטיקער אַלס אַפּיקורסות.

„ראַמאַדאַן" ווערט אָפּגעהיטן זייער טראַדיציאָנעל פון אַלע מאַסלעמס. דער טראַדיציאָנעלער „איבערבייס" נאָכן טעגלעכן תע־נית איז זייער פריילעך. אין אָוונט באַזוכט מען פריינט אין זייערע היימען. גאָר פרומע זענען וואַך אַ גאַנצע נאַכט, כדי צו עסן די „לעצטע מאָלצייט" פאַרטאָגס, נאָענט צו זון־אויפגאַנג, איידער דער נייער תענית הייבט זיך אָן. די וואָס גייען יאָ שלאָפן אין אָוונט — ווערן פאַרטאָגס אויפגעוועקט פונעם „מאסאהער", וועלכער קלאַפּט אין אַן אָריענטאַלישער פויק, כדי אויפצוּוועקן דעם עולם צו דער פרימאָרגן־תפילה — ענלעך, להבדיל, צום אַמאָליקן מנהג ביי יידן אין די קליינע שטעטלעך אין פוילן, אַז דער שול־שמש פלעגט פאַרטאָגס אויפוועקן די יידן צו סליחות און עבודת הבורא.

## טאָלעראַנץ פון ישראל-רעגירונג לכבוד „ראַמאַדאַן"

דער אָנהייב און סוף פון תענית ווערט אָנגעצייכנט מיט אַ שאָס פון אַ קאַנאָן (זייט אָנטשטיין פון מדינת ישראל, האָט די ירו־שלימער קהילה געשטעלט צו דיספּאָזיציע פון דער איסלאַמישער קהילה אַן אַלטן טערקישן קאַנאָן, וועלכער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן מוסולמענישן בית־עולם אין ירושלים, און ווערט באַנוצט, פאַרן דאָזיקן צוועק, במשך ראַמאַדאַן). לכבוד „ראַמאַדאַן" האָט די ישראל־רעגירונג דערלויבט מאַסלעמס פון ישראל צו באַזוכן זייערע קרובים אין די אַראַבישע לענדער, און די דאָרטיקע אַראַבער דערלויבט באַזוכן זייערע קרובים אין ישראל.

דאָס פאַסטן אין „ראַמאַדאַן" ווערט באַטראַכט אַלס די גרעסטע

מצווה אין דער איסלאַמישער רעליגיע. אַפילו די מאַכמעדאַנער וואָס היטן נישט אָפּ צו שטאַרק אַנדערע מצוות פון דער רעליגיע — זענען אויך זייער מקפיד מקיים צו זיין די מצווה פון „ראַמאַדאַן". דאָס ווערט אויך באַטראַכט אַלס גייסטיקע דיסציפּלין.

## „ראַמאַדאַן" אַנשטאָט — „יום כפור"

תחילת, ווען מחמד האָט נאָך נישט געהאַט אויסקריסטאַליזירט זיין נייע רעליגיע, האָט ער באַפוילן זייבע אַנהענגער צו פאַסטן אין טאָג פון יידישן יום־כפור — צענטער טאָג אין חודש תשרי. שפּעטער האָט ער דאָס פאַרטוישט אויפן צענטן טאָג אין איסלאַמישן חודש „מוהאַראַם", וועלכער ווערט גערעכנט אַלס ערשטער חודש אין איסלאַמישן קאַלענדאַר־יאָר. נאָכדעם, כדי אינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון יידישן איינפלוס, האָט מחמד מבטל געמאַכט דעם דאָזיקן תענית פון „צענטן טאָג" און אים פאַרטוישט פאַר „ראַמאַדאַן".

אַלע מענער און פרויען פון 13 יאָר אָן זענען מחויב צו פאַסטן.

דער טעגלעכער תענית הייבט זיך אָן פאַרטאָגס, מיטן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן, און דויערט ביז זון־אונטערגאַנג. במשך דער דאָזיקער צייט מעג מען אויסשווענקען דאָס מויל מיט וואַסער, אָבער טרינקען איז אסור. מען מעג נעמען אַ מקלחת און דער עיקר — מען מעג אַרבעטן. פון זון־אונטערגאַנג ביז צומאָרגנס פרי עסט מען אַלערליי ממתקים. לויטן קאָראַנישן „דין" ווערן טעגלעך געגעסן דריי סעודות. די ערשטע — תיכף נאָכן תענית. די דריטע — פאַר זון־אויפגאַנג. די סעודה פון צווישן חצות און פרימאָרגן הייסט „סהור". מען עסט אַ טראַדיציאָנעל מאכל פון געבאַקענע עוגה מיט אַ צוגאָב מילך און זיסקייט, וועלכעס הייסט „ארנאַף".

לויטן מנהג פאַרזאַמלען זיך יעדן אָוונט נאָכן תענית פריינט און משפחה און מען דערציילט זיך פאַנטאַסטישע מעשיות פון

„טויזנט און איין נאַכט״. גאַר באַזונדער דערציילט מען זכרונות פון העלדישן ריטער „ענתר אבן שדד אלעבסי״, וועלכער האָט געלעבט אין 70־טן יאָר לויטן איסלאַמישן קאַלענדאַר, און איז געווען „רייך ווי קורח״.

ספעציעל פייערלעך איז די טראַדיציע פון פאַרזאַמלען זיך אויפן מאַרק „עכאט״ אין מעקאַ. דאָרט קומט פאָר אַן עפנטלעכער פעסטיוואַל פון אַלע נאַציאָנאַלע זינגער, וועלכע קענען בעל־פה אַלע טראַדיציאָנעלע, בעיקר לירישע, מאַכמעדאַנישע לידער. נאָכ־דעם ווערט דאָרט אויסגעוויילט אַ „חתן השירה״ אויף איין יאָר.

אין מחמדס צייט האָט מען אויפן דאָזיקן פּלאַץ געיובלט צו־זאַמען מיט אַלע נייע „ברידער״, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צום איסלאַם, בעיקר געצווונגענערהייט. דאָרט איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסער האַנדל־אויסטויש פון אַלערליי סחורות פאַר אַנדערע סחורות, אַנשטאָט פאַר געלט.

## צערעמאָניאַל פון „קידוש הלבנה״

ווי ווייט מחמד איז געווען אונטערן איינפלוס פון יהדות, ווייזט דער צערעמאָניאַל פון „ראַמאַדאַן״ אין שייכות מיט „קידוש הלבנה״. פאַרן אָנהייב חודש ווערן אויסגעקליבן 3 מאַכמעדאַנישע פאַרטרוי־לעכע מענער, קענער פון קאָראַן, וועלכע ווערן אַרויסגעשיקט אויפן באַרג „ערפאת״ אין מעקאַ, צו זען די „באַנייאונג פון דער לבנה״. אַראָפּקומענדיק צוריק פונעם באַרג, שווערן זיי ביים קאָראַן, אַז זיי האָבן געזען די „נייע לבנה״. ערשט דאַמאָלט הייבט זיך אָן דער „ראַמאַדאַן״.

ביים סוף פון ראַמאַדאַן גייען די זעלבע 3 באַגלייבטע צוריק אַרויף אויפן באַרג, אַלס סימן, אַז ס׳רוקט אָן דער סוף פון ראַמאַדאַן, ווי, להבדיל, ביי יידן די תקיעה גדולה נאָך נעילה. אין דאָזיקן מאָמענט רופט אויס אין יעדער קהילה דער ספעציעלער „עודן״ —

שליח־ציבור — אַז ראַמאַדאַן האָט זיך געענדיקט. דאַמאָלט הייבט זיך אָן די גרויסע שמחה פון פאַרענדיקטן ראַמאַדאַן.

## שווארצע מאַכמעדאנער

דער איסלאַם באַמיט זיך איצט צוצונעמען אַלס שותף די אַמעריקאַנער נעגערס.

די שפּראַך פון דער „שווערד פון איסלאַם" רעדט צום „געוויסן" פון אָפּגעשטאַנענעם אַמעריקאַנער נעגער — ווי לאַנג דאָס דאָזיקע „געוויסן" באַזירט אויף כוח און שנאה.

די קליינע גרופּע אַמעריקאַנער נעגער וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „בלעק מאָסלימס" („שוואַרצע מוסולמענער"), האָט אַ קנאַפּן שייכות מיט די „מצוות פון קאָראַן", און נאָך ווייניקער מיט רעליגיע. עס איז אַ גרופּע פון עקסטרעמען נעגערישן ראַסיזם — קעגן „ווייסע", קעגן אַלץ וואָס איז „נישט שוואַרץ", אָבער אין תוך־תוכן — קעגן יידן.

דער „נעגערישער איסלאַם" אין אַמעריקע איז אַ געוויקס פון (1) נאַצערישער פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן; אַרויסרוף צו עפנטלעכער שנאה צו יידן; אָפּשוואַכן, אָדער אונטערגראָבן דעם „יידישן איינפלוס" אין אַמעריקאַנער לעבן. (2) סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע; קאָמפּראָמיטירן אַמעריקע פאַר דער אויסנוועלט און אָפּשוואַכן אַמעריקעס השפעה בעיקר צווישן די אַפריקאַנישע און אַזיאַטישע פעלקער; דערפירן צו בירגער-קריג צווישן שוואַרצע און ווייסע — אויפרייסן אַמעריקע פון אינעווייניק.

פאַרשונגען באַווייזן, אַז די „שוואַרצע מאָסלימס" אין אַמעריקע זענען באַצאָלטע אַגענטן סיי פון נאַצערן, סיי פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

דער „שוואַרצער איסלאַם" אין אַמעריקע פּרעדיקט דער עיקר קעגן דער ווייסער געזעלשאַפט, אָפּזאָגן זיך פון דער „ווייסער

ציוויליזאַציע", אָפּזאָגן זיך אפילו פון „ווייסן גאָט" — אויך גאָט מוז זיין אַ „שוואַרצער".

די „שוואַרצע מוסולמענער" האַלטן, אַז אויך מחמד איז געווען אַ טונקל־הויטיקער.

גאָר שטאַרק האַלטן זיי פון דער איסלאַמישער מצווה פון — פּאָליגאַמיע. דער „ווייסער" איז טאַקע טריף, אָבער דער חשק פון דער נעגערישער פרוי צו אַ ווייסן מאַן, און פון נעגער צו ווייסע פרויען מאַכט זיי פאַרגעסן אין „קאָנסעקווענטקייט". אַלץ וואָס זיי ווילן דערוויי נעמען פון דער אַמעריקאַנער גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַר די נעגערס — איז זייער איבערגעטריבענער סעקס־אַרויסרוף צו ווייסע פרויען און מענער. דאָס איז דאָס „האַנטגעלט" פאַרן באַלדיקן „תכלית" פון אָרעמען, אויסגענוצטן נעגער.

אַז מען רעדט צום זעלבן „שוואַרצן מאָסלעם" אַז לויטן קאָ־ראַן טאָר ער נישט שיכורן, נישט רויכערן, נישט געמבלען, און ענלעכע איסלאַמישע „מצוות" — פאַרשטייט ער נישט וואָס מען רעדט צו אים; איז ער גרייט צוליב דעם אַפילו צו ווערן „אויס" מאָס־לעם...

די באַוועגונג פון „נעגערישן איסלאַם" איז געווען אַ דורכ־פאַל, נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן. די „באַוועגונג" אין אַמעריקע איז געוואָרן אַ נעסט פון דעמאַגאָגן, גענגסטערס, אונ־טערוועלטניקעס און סתם אַוואַנטוריסטן. זיי האָבן, אַלס באַצאָלטע אַגענטן פון מצרים און מאָסקווע, געפּרווט איינרעדן דעם פאַר־צווייפלטן נעגער אין זיין געראַנגל פאַר רעכט און פרייהייט, אַז פונקט ווי ער קאָן זיך נישט באַפרייען פון זיין שוואַרצער הויט — אַזוי וועט ער זיך נישט באַפרייען פון דער „שנאה פון דער ווייסער געזעלשאַפט".

האָט מען זיי אונטערגעטראָגן אַ „קאַמף פאַר נעגערישן נאַ־ציאָנאַליזם". איינמאָל האָבן זיי פּראָפּאַגאַנדירט „צוריק קיין אַפּ־

ריקע״, נאָכדעם — ״פאַרכאַפּן אַמעריקע״, און גלייכצייטיק געשריען צו ״פאַרברענען אַמעריקע״.

״נעגערישער איסלאַם״ אין אַמעריקע איז געבליבן אַ שאַב־לאָן פון אַוואַנטוריזם, איידער ״משיחישע״ באַוועגונג.

די פירער און אָנפירער פון דאָזיקן ״נעגערישן איסלאַם״ האָבן זיך אָנגעהויבן רופן מיט קלינגענדיקע נעמען — ״נביא אליהו מחמד״ און מיסטעריעזער ״מאַלקאָלם עקס״. ווער עס האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער גרופּע — האָט באַקומען געשלאָגן מכות רצח.

עס זענען שנעל אָפּגעווישט געוואָרן די אונטערשידן צווישן ״בלעק מאָסלימס״ און ״בלעק פּאוער״ (״שוואַרצער כוח״) — אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישע, ראַסיסטיש־עקסטרעמיסטישע מי־ליטאַנטישע אָרגאַניזאַציע פון נעגערס. די קאָמיסיע פאַר ״נישט־אַמעריקאַנישע טעטיקייטן״ ביים אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען באַהערשט פון קאָמוניסטישע אַגי־טאַטאָרן און אַנטיסעמיטן.

## מחמד באַקומען אַ קאָנקורענט אין אַמעריקע...

דער נביא ״עלאַידזשע (אליהו) מחמד״ איז פאַקטיש דער 65־יעריקער עלאַידזשע פּול פון דזשאָרדזשאַ, דרום־געגנט פון די פּופּציק אַמעריקאַנער שטאַטן וואָס שטעלן צונויף די היינטיקע ״פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע״. ער האָט זיך אַליין געקרוינט אַלס ״שליח פון אללא״ און געוואָלט שפּילן די ראָל פון זיין ״נביא״ מיט 1350 יאָר צוריק אין מעקאַ. ״עלאַידזשע מחמד״ האָט דער־קלערט עפנטלעך, און סענסאַציע זוכנדיקע זשורנאַליסטן האָבן דאָס באַלד צעשפּרייט אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אַז ״גאָט האָט אים געשיקט קיין אַמעריקע״ מיט אַן איינאונאיינציקער ״מצווה״ — אומקאָמפּראָמיסלעכן האַס צום ווייסן אַמעריקע.

ביים אומצופרידענעם, אָרעמען המון איז דאָס געווען אַ לייכט־אָננעמבאַרע תורה. ער האָט געפונען געלט אַרויסצוגעבן אַ „שוואַרץ ביכל", די „ביבל פון נעגערטום", וועלכעס ער באַ־צייכנט אַלס „די העכערע חכמה". ער פּרעדיקט אַז דער „הויפּט טייוול" איז „דזשאָן האָוקינס", וועלכער האָט די אורעלטערן אין אַפריקע געמאַכט פאַר שקלאַפן און מיט כוח זיי געבראַכט קיין אַמעריקע אין 1555.

אין דאָזיקן „הייליקן שוואַרצן בוך" פּרעדיקט ער, אַז אַמעריקע מוז אונטערגיין און די שוואַרצע ראַסע וועט ירשנען די וועלט. נאָר מאָסלעמס וועלן רעגירן מיט דער וועלט און אונדזער דור וועט זיין אַן עדות פון דעם. ער רופט אַלע מאָסלעמס פיינט צו האָבן די ווייסע ראַסע, אַראָפּנעמען פון די ווענט די ווייסע בילדער, און — דערהרגענען יעדן „ווייסן וואָס ראַמאַנסירט מיט אַ שוואַר־צער פרוי". פּאַטעטיש רופט ער אויס: — „העלף אונדז אַללאַה, צו שטאַרבן דעם טויט פון אַ מאָסלעם"!

דער „שוואַרצער איסלאַם" אין אַמעריקע פּרעדיקט פולקאָמע אָפּזונדערונג, הונדערט פּראָצענטיקע סעגרעגאַציע. עס דאַרף זיין אַ שטאַלץ צו זיין אַ שוואַרצער און צו האָבן געקרייזלטע האָר. ער וויל באַגראָבן דעם גאַנצן קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון די נעגערס, ער וויל „נישט זיין גלייך" מיט די ווייסע. ער וויל זיין „העכער" פון די ווייסע. די ווייסע דאַרפן זיין די דינער און שקלאַפן פון די שוואַרצע. זיינע אָנהענגער טוען זיך אָן רויטע טערקישע היטלען און שרייען — „פאַרניכטן אַלץ וואָס איז ווייס".

נאַצער און ברעזשניעוו האָבן פאַרשטאַנען די אידיאָטישקייט פון די „שוואַרצע מאָסלעמס". אָבער אַזוי לאַנג ווי זיי טוען די „שוואַרצע" אַרבעט פאַר נאַצערן און פאַר מאָסקווע — צאָלן זיי דאָס געלט.

די „שוואַרצע" מאָסלעמס" האָבן געפירט אַ פאַרביטערטן

קאַמף קעגן דערמאָרדעטן ליבעראַלן נעגער־פירער, נאָבל־פּרייז טרעגער, מארטין לוטהער קינג, און קעגן נעגער־דיפּלאָמאַט, נאָבל־פּרייז־טרעגער, ד״ר ראַלף באַנטש. מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר „אפּי־קורסים״ ווייל זיי האָבן געקעמפט פאַר אינטעגראַציע און צוזאַמענ־לעבן מיט די ווייסע.

## שוואַרצע הענדלער מיט „איסלאַמישן סם״

די „שוואַרצע מאָסלעמס״ האָבן באַקומען אַ נאָמען „שוואַרצע הענדלער מיט איסלאַמישן האַס״. זייער צייטונג „מוחאַמעד ספּיקס״ („מחמד רעדט״) איז א סימבאָל פון שנאה. זייער פאָן האָט די איסלאַמישע סימבאָלן — אַ שטערן און אַ האַלבע לבנה. זייער טעאָריע איז — דער שטאַרקער דאַרף באַזיגן דעם שוואַכן. יעדער פון זיי חלומט צו באַקומען די אויסצייכענונג „פּרוכט פון איסלאַם״. זיי זאָגן זיך אָפּ פון דינען אין מיליטער און נעמען זיך אַליין די רעכט נישט מפרנס־זיין זייערע פרויען און קינדער, וועלכע ווילן זיך נישט שמדן צום איסלאַם.

זייער „פילאָזאָפיע״ איז אויך, אַז — אדם הראשון איז געווען אַ... „נעגער״. די ווייסע ראַסע וועט מוזן אונטערגיין. די נעגערס וועלן זיין דאָס „פאָלק פון איסלאַם״ און באַהערשן די גאַנצע וועלט.

אַן אַנדערער פירער זייערער אין אַמעריקע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „מאלקאָלם עקס מוסלים״. ער איז אַ געוועזענער אַרעסטאַנט. צוזאַמען מיטן „נביא עלאידזשע״ האָט ער זיך דערקלערט אַלס יורש פון „שליח פון אַללאַה״ אין אַמעריקע. אין זייערע „הייליקע״ קאַמפן זענען זיי ביידע דערהרגעט געוואָרן און גלייך אַוועק אין „גן עדן״.

אַלס דריטער „פירער״ איז אויפגעשטאַנען דער גבור פון באָקסן־קאַמף, קאַשיוס קלעי, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן

„מחמד אלי". זיך דערקלערט אַלס מחמדנישער „גייסטלעכער" און זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין אַמעריקאַנער מיליטער.

די „שוואַרצע מאָסלעמס" טענהן אויך, אַז די ווייסע וועלט איז פאַלש, מחמת, אין פאַקט, באַמיט זיך יעדע ווייסע פרוי צו זיין „אַ ביסל שוואַרץ" — זי טוט אַלץ כדי זיך אָפּצוברענען אויף דער זון וואָס מער, צו באַקומען אַ וואָס טונקעלערע הויט, און אין דער זעלבער צייט האָט זי פיינט די שוואַרץ־הויטיקע. אַזוי אויך באַמיען זיי זיך צו האָבן געקרייזלטע האָר, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי פיינט געקרייזלטע האָר פון די שוואַרצע. ענלעכס טענהן זיי קעגן די ווייסע מענער.

דער איסלאַם וועט גרויס נחת נישט דערלעבן פון די „שוואַרצע מאַכמעדאַנער" אין אַמעריקע. זיי וועלן נישט האָבן קיין לאַנגן קיום. אָבער איסלאַמישע שנאה פאַרשפּרייטן זיי אין גייסט פון איסלאַמיש־סאָוויעטישן שותפות.

וועגן זיי קאָן מען אָנווייזן אויפן וואָרט אין דער גמרא וועגן צוויי סאָרטן פייגל, זרזיר און עורב, וואָס נישט בחינם קומען זיי איינער צום צווייטן...

טייל אַמעריקאַנער האָבן געהאַט אַ „פילאָזאָפיע", אַנטקעגנצושטעלן די „שוואַרצע" מגיפה דעם ווייסן ראסן־העצער דזשאָרדזש וואלאס. ער האָט געפּרעדיקט, אַז אויב ער וועט ווערן פּרעזידענט פון אַמעריקע — וועט ער „איינשטילן" די „שוואַרצע מגפה". ער איז נישט געוואָרן אַמעריקאַנער פּרעזידענט.

## יידישע אייביקייט — עם ישראל חי

פאַר יידן איז שוואַרצער און ווייסער אַנטיסעמיטיזם די זעלבע מחלה. סיי די קירכע, סיי דער מעטשעט האָבן כסדר געהאַלפן פאַרגיסן יידיש בלוט.

נישט אומזיסט האָט יהדות כסדר אָקעגנגעשטעלט די דאָזיקע עבודות־זרות דעם אידעאַל פון די יידישע נביאים און די אמונה אין „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״. יהדות איז נצחיות. דער קיום פון יידישן פאָלק איז איבערנאַטירלעך, שלא בדרך הט־בע. מיר, פונקט ווי די גאַנצע יידישע געשיכטע, זענען עדות פון פאַקט „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו והקב״ה מצילנו מידם״.

אונדזער דור איז אַ לעבעדיקער עדות פון דער מפלה פון אונדזערע שונאים און דעם איבערנאַטירלעכן קיום פון אונדזער פאָלק.

דער קיום פון מדינת ישראל, אונדזער העראָאישער קאַמף קעגן די אַראַבישע שונאים איז אַ נייע באַשטעטיקונג פון דער יידישער נצחיות. עם ישראל חי.



איסלאַמישע קונסט־שטריקערייען אין דער פאָרם פון אַן 8־שפּיציקן „מגן אברהם״ — ענלעך צום יידישן 6־שפּיציקן „מגן דוד״.

# זאראאסטריאניזם

# אַזוי האָט גערעדט זאראַטוסטראַ

די פילאָזאָפישע פּאָעמע פון פריעדריך ניטשע „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ" — האָט אַרייגעברענגט אין טעות אַלע־מען, וואָס האָבן אָנגענומען זיין „זאראַטוסטראַ" אַלס דעם זאראַ־טוסטראַ וואָס האָט געשאַפן די רעליגיע ז אָ ר אָ אַ ס ט ר י אַ ־ נ י ז ם.

אין זיין איינלייטונג צום וואונדערבארן ווערק „אַזוי האָט גע־רעדט זאראַטוסטראַ", וואָס האָט בשעתו, סוף 19־טן יאָרהונ־דערט, אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין דער וועלט־ליטעראַטור, זאָגט ניטשע אין נאָמען פון „זאראַטוסטראַן":

„איר קוקט אַרויף אין דער הייך, ווען איר שטרעבט צו דערהויבונג; און איך קוק אַראָפּ, ווייל איך בין אין דער הייך. — — ווער פון אייך קען אין איין צייט אי לאַכן, אי זיין דערהויבן? — — — — ווער עס שטייגט אויף די העכסטע בערג — יענער לאַכט פון אלע טרויער־שפילן און טרויער־ערנסטן". — — — — „דו, אָבער, זאראַטוסטראַ, האָסט געוואָלט פון יעדער זאַך זען דעם גרונט און דעם הינטערגרונט — מהטו דעריבער איבער זיך אַליין קלע־טערן, — אהין, אַרויף, ביז אויך דיינע שטערן וועסטו האָבן אונטער זיך".

פאַר ניטשען, דעם דיכטער פון שטאַרקע עפּאָכן, פאַרן זוּ־כער פון אינספּיראַציע און פון דער מאָראַל אין דער מעטאַפיזיק,

דעם פרעדיקער פון „איבערמענטש" — פאסט אזוי צו רעדן. אבער וועגן זאראטוסטראן און אפילו „אין זיין נאמען" — איז דאס אפשר א פעלשונג פון א געשיכטלעכער פערזענלעכקייט.

פארטיפנדיק זיך אין דער לערע, אדער פילאזאפיע, פון זאראַטוסטראן, דעם שאפער פון דער זאראאסטריאנער רעליגיע מיט בערך 2.500 יאר צוריק, זעט מען, אז ניטשעס „זאראטוסטרא" האט גארנישט וואס צו טאן מיטן אמתן זאראטוסטרא, וועמענס נאמען די גריכן האבן פארטוישט אויף ז א ר א א ס ט ע ר. זאראאסטער האט זיך ארויסגערעדט לייכטער ווי זאראטוסטרא אויף פערסיש.

ניטשע האט אדער שלעכט פארשטאנען זאראאסטערס (זאראַטוסטרא) רעליגיעז־פילאזאפישע לערעס, אדער פשוט אויסגעטראכט דעם פאפולערן נאמען זאראטוסטרא, און אין אים אריינגעלייגט די ווערטער פון זיינע, ניטשעס, אייגענע אידעען וועגן גאט, מענטש און וועלט.

זאראטוסטרא דער רעאליסטישער פילאזאף טעאלאג איז לגמרי נישט ניטשעס זאראטוסטרא פון קאנפליקט און צווייפלונגען.

## ווער איז דער פאקטישער זאראטוסטרא?

זאראטוסטרא איז געבוירן אין יאר 630 (אדער 660) פאר אונדזער צייט־רעכענונג, אין מעדיא, פערסיע, נעבן אפגאניסטאן. וועגן זיין אפשטאם ווייסט מען נאר, אז ער האט געהערט צו א פרימיטיווער, אבער בכבודיקער אגריקולטור משפחה.

זיינע נאכפאלגער גלייבן אין א לעגענדע, אז זיין מוטער האט אים געבוירן, ווען זי איז געווען א בתולה, 15־יאר אלט. זיי גלייבן אויך, אז אלע שפעטערדיקע משיחים וועלן געבוירן ווערן פון א 15־יאריק מיידל, א בתולה.

לעגענדעס דערציילן אויך, אז זאראטוסטרא איז געבוירן געווארן לאכנדיק; ביי זיין געבורט איז אין אלע הימלען געווארן ליכטיק; די גאנצע נאטור האט זיך געפרייט, און די בייזע כוחות זענען פארשוווּנדן פון דער וועלט.

די זאַראַאַסטראַנער לעגענדע דערציילט, אַז ווען זאַראַטוסטראַ איז אַלט געוואָרן 30 יאָר, האָט ער דערזען אַ זעאונג פון אַ געשטאַלט 9 מאָל די גרייס פון אַ מענטש. די דאָזיקע געשטאַלט האָט אים געפירט צו דער אַנטפּלעקונג פון גאָט.

זאַראַטוסטראַ האָט דערהערט אַ שטים פון גאָט, וואָס האָט אים פּראָקלאַמירט אַלס גאָטס נביא.

ער האָט אָנגענומען די שליחות צו פּראָקלאַמירן אחדות הבורא — די אמונה אין איינאייגציקן גאָט אין הימל, וועמענס נאָמען איז „אַהורא מאַזדאַ״ — דער גרויסער און קלוגער גאָט פון ליכט און אמת.

זאַראַטוסטראַ האָט אָנגעהויבן פּרעדיקן קעגן געצנדינעריי און רשעות פון זיין צייט, און אַז „אַהורא מאַזדאַ״ איז דער גאָט פון באַשאַף, פון ששת ימי בראשית. דער מענטש איז באַשאַפן פון גאָט, און גייט צוריק צו גאָט.

ער האָט געלייקנט אין דער אינדישער לערע, אַז דער מענטש עקזיסטירט נאָך פון פאַר ששת ימי-בראשית — אַן „אָדם הקדמון״.

ער האָט אויך געפּרעדיקט אַז „אַהורא מאַזדאַ״ איז חוץ באַ-שאַפער פון אוניווערס, אויך דער שופט, וואָס וועט משפּטן ביים יום־הדין פון אחרית־הימים און וועט אויך זיין דער גואל צדק.

ביז דאַמאָלט איז אָבער משפּיע אַן אַנדערער כוח אין דער וועלט — אַ כוח וואָס איז די אַנטי-טעזע פון „אַהורא מאַזדאַ״ — דער „גאָט פון שקר און פינצטערניש״ (זיין נאָמען איז „אַהריי־מאַן מעינו״).

זאַראַטוסטראַ האָט געגלייבט אין שארית הנפש, אין „לעבן נאָכן טויט״. אַז נאָכן טויט גייט די נשמה צוריק צום באַשאַפער דורך אַ „בריק פון משפּט״. די גוטע און שלעכטע מעשים פון מענטש ווערן געוויגן אויף אַ הימלישער וואָג. אויב די גוטע מעשים זענען איבערוואָגיק — גייט די נשמה אַדורך דער בריק צום גן־עדן. אויב די שלעכטע מעשים זענען איבערוואָגיק — גייט די נשמה אַדורך צייטווייליקע יסורים פון גיהנום, אָבער נאָכדעם גייט זי,

סוף־סוף, אויך אריין אין גן־עדן. ווען משיח 'ועט קומען וועט דאס שלעכטע באזיגט ווערן.

משיח וועט זיין א זון פון זאראטוסטראן — „סאאשיאנט". דאמאלט וועט זיין דער לעצטער יום־הדין, באכדעם וועט זיין תחיית המתים און ס'וועט קומען די גאולה שלימה פאר דער גאנצער מענטשהייט, וועלכע וועט אנערקענען די ממלכת שמים פון גאט „אהורא מאזדא".

זאראטוסטרא האט, ווי ס'ווייזט אויס, געהאט שטארקע איינפלוסן פון יהדות. ענלעכע איינפלוסן זעט מען אויך אין די שפעטערדיקע טעאלאגיעס פון קריסטנטום און איסלאם.

## אייביקער קאמף צווישן גוטס און שלעכטס

אין זיין נייער רעליגיע זאראאסטריאניזם, וועלכע ווערט אנגע־רופן אויף זיין פארגריכישטן נאמען ז א ר א א ס ט ר א, שטיצט ער זיך שטארק אויפן אייביקן קאמף צווישן גוט און שלעכט.

גאט האט באשאפן דעם מענטש כדי צו טאן גוטס און באקעמפן דאס שלעכטס. דער מענטש האט א גוף און נשמה. דעם מענטש איז געגעבן געווארן א בחירת חופשית פון דעצידירן זיין אייגענעם גורל, אויסצוקלייבן זיך צו גיין אין גוטן אדער שלעכטן וועג.

זאראאסטרא האט זיך קעגנגעשטעלט די דאמאלס־אנגענומענע אינדישע טעאלאגיע, אז דער מענטש איז א גילגול פון ווידער־געבורט.

לויט זאראטוסטרא־זאראאסטרען האט דער מענטש נאר איין לעבן. דער מענטש דארף נישט חקרנען וועגן „מה למעלה, מה למטה", נאר לעבן א מאראליש לעבן. ד א ס איז דער עיקר תכלית פון דער מענטשלעכער בריאה.

מענטש, חיה און די גאנצע בריאה זענען באשאפן געווארן מקיים־צו־זיין גאטס רצון אויף דער וועלט.

פאַרוואָס זענען פאַראַן חיהשע און טייוולאַנישע אינסטינקטן? זאַראָאַסטער, און זיינע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער, באַמיען זיך צו געבן אַ ריי סאָפּיסטישע תירוצים. פאַרן קעגנווערטיקן רשעות און חיהשקייט פון דער מענטשהייט האָט ער אַן אויסטייטש, אַז דאָס איז די סיבה פון זייער כפירהשקייט אינעם רצון פון גאָט „אַהוראַ מאַזדאַ". דער מענטש ליידט דעריבער פאַר זיינע אייגענע חטאים. דעם מענטשס ישועה קאָן קומען נאָר דורך טאָן מעשים טובים און באַקעמפן די כוחות פון שלעכטס. די יסודות דערצו זענען: — גוטע מחשבות, גוטע ווערטער און גוטע מעשים. גיין אויפן וועג פון אמת. „הוי דן את כל אדם לכף זכות" — מיט צדק און חסד.

ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז „אַהוראַ מאַזדאַ", אַלס דער כל-יכול, זאָל דערלויבן דעם טייוול צו שטיין אים אין וועג? — די זאַראָאַסטריאַנער טעאָלאָגיע לערנט, אַז ביידע „געטער" זענען באַשאַפן געוואָרן צוזאַמען און אַז דער שטן האָט זיך צעבונטעוועט קעגן זיין באַשאַפער. אָבער סוף־סוף וועט „אהורא מאַזדאַ" מנצח־זיין, ער וועט אונדז שיקן אַ גואל צדק, אַ משיח, וועלכער וועט אויסרופן אַ מלכות שמים פאַר די מענטשן אויף דער ערד.

ווי אַזוי ווערט פון זיין מאָנאָטעאיסטישע טעאָלאָגיע אַ דואַליזם פון „כוחות פון געטעריי"?

## זאָראָאַסטריאַניזם —
## רעוואָלוציע אין געצנדינערישער וועלט

דער פערסישער פילאָזאָף זאַראָאַסטראַ־זאַראַטוסטראַ, מיט זיין לערע וועגן מאָנאָטעאיזם, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אויפּ־ברויז אין דער געצנדינערישער וועלט פון זיין צייט.

די נישט־יידישע וועלט האָט געוווסט וועגן מאָנאָטעאיזם נאָר פון יידן. די יידישע השפעה איז אָבער דאַמאָלסט, ווי תמיד, געווען צו שוואַך, אַז גוים זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע עבודות־זרות, פאַר־

נעפּלטע, צי פילאָזאָפישע, טעאָלאָגיעס, און אָננעמען דעם גלויבן אין בורא־עולמים, דעם איינציקן גאָט אין הימל.

נישט־יידן, מער ווי יידן, האָבן געהאַלטן, אַז די אמונה אין איין גאָט אין הימל איז אַ „יידישער ענין" — אַז דאָס איז אַ י י ד י ש ע אמונה. אמת, יידן האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף קומען צו דער הכרה, אַז „השם אחד ושמו אחד"; אַז עס דאַרף זיין „ומלא כל הארץ כבודו"; אַז עס דאַרף קומען צו אַ „ומלאה הארץ דעה"; אָבער — עס איז דער חוב פון די י י ד ן „לתקן העולם במלכות ש—די"; אַז מיר, י י ד ן, דאַרפן העלפן ברענגען משיחן. עס איז אָבער קיינמאָל נישט געווען אַ י י ד י ש ע מיסיע פון מגייר זיין די ג אַ נ צ ע וועלט מענטשן.

די גויאישע וועלט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער יידישער טעאָלאָגיע. להיפוך, זי איז תמיד געווען קעגן דער יידישער רע־ליגיע, און קעגן יידישן רעליגיעז־פילאָזאָפישן דענקען.

זאַראַאַסטרעס פּרווון, העכער 500 יאָר פאַרן אויפקום פון קריסטנטום און מער ווי טויזנט יאָר פאַר מחמדן, צו פּרעדיקן מאָנאָ־טעאיזם און קעמפן קעגן געצנדינערײ — זענען געווען אַן אָנט־פּלעקונג אינעם רעליגיעזן דענקען פון דער מענטשהייט אין זיין צייט.

ווי ווייניק מען האָט זיך צוגעהערט צו זאַראַאַסטערס פּרעדיקונ־גען, איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז במשך 10 יאָר איז אים געלונגען מגייר־צו־זיין, אָדער געווונען פאַר זיין לערע, נאָר אַן איין איינציקן מענטש. צופעליק איז דאָס געווען דער קעניג פון אַ געגנט.

זאַראַאַסטער איז אָבער געווען אַ טיף־דענקנדיקער און פעסט־אַנטשלאָסענער מענטש. האָט ער זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן און געקעמפט עקשנותדיק. ער האָט געגלייבט, אַז ער קעמפט פאַרן אמת און וועט, סוף סוף, זיגן.

זאַראַאַסטער האָט גוט פאַרשטאַנען די מענטשן פון זיין צייט און פאַרוואָס זיי הערן זיך נישט צו צו זיינע אויפקלערונגען. ער

האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי זענען נישט פעאיק אויפצונעמען אַ גלויבן אין איין גאָט, ווען זיי „זעען נישט און הערן נישט". עס איז זיי אַפילו געווען שווער אויפצונעמען זיין לערע, אַז זיי זאָלן אויפגעבן זייער וואַנדער־לעבן, באַזעצן זיך אויף ערד, ווערן אַגראַריער, און אָנהייבן פירן אַ נאָרמאַל פאָלק־לעבן. ער איז אָבער נישט מיד געוואָרן זיי צו לערנען, אַז נאָר ביי אַזאַ לעבן וועלן זיי קאָנען אָפּהיטן די מידות פון ברידערלעכקייט און פריינדשאַפט, לעבן מאָראַליש, געבן צדקה און העלפן איינפירן שלום.

## אין ליכט פון די לערעס פון די יידישע נביאים עמוס און הושע

זאָראָאַסטער האָט טיף געגלייבט אינעם אמת פון מאָנאָטעאיזם. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די געצנדינערישע קולטן פון שיכרות און מקריב זיין מענטשלעכע קרבנות.

ער איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון די לערעס פון די יידישע נביאים עמוס און הושע, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן קולט פון דער עבודה־זרה „בעל" („באַאַל"). ער האָט געפרוווט צו גיין אין זייערע פוס־טריט צו באַאיינפלוסן די מאַסן.

זאָראָאַסטרען האָט שטאַרק אימפּאָנירט דאָס יידישע לעבן, די יידישע מאָראַל און עטיק, די מידות טובות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

טראָץ זייער לעבן אין גלות — האָבן די יידן געפירט אַ מוס־טערהאַפט, הויך־מאָראַליש לעבן, אַ דאַנק זייער אמונה אין איין גאָט אין הימל און אין די אַלטרואיסטישע לערעס פון תורת משה און די גרויסע יידישע נביאים.

## אַז מען וויל זיך „צופּאַסן צו דער צייט"

זאָראָאַסטער האָט געליטן גרויסע אַנטוישונגען ביים פאַרשפּרייטן זיין לערע. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אַ הויפּט־גורם פון זיין

װעלן זיך „צופאַסן צו דער צייט״, כדי אַזוי אַרום דערגענטערן די מאַסן צו זיין נייער פילאָזאָפיע װעגן גאָט, װעלט און מענטש.

מיטן מאָמענט װען זאַראַאַסטער איז געװאָרן מער „ראַציאָנאַ־ליסט״ —האָבן די מאַסן טאַקע לייכטער אָנגעהויבן פאַרשטיין זיינע אויפקלערונגען װעגן די „כוחות פון דער נאַטור״. דאָס איז געװען נענטער צו זייערע אויפנעם־פעאיקייטן. גאָר שנעל און לייכט האָבן זיי באַגריפן דעם געדאַנק װעגן „כוח פון פייער״. זיי האָבן פאַרהייליקט פייער אַלס „כוח פון גאָט״.

אין איראַן געפינט זיך נאָך היינט אַ זאַראַאַסטריאַנישע סעקטע, װעלכע פאַרהייליקט פייער, אַלס „כוח פון גאָט״.

נאָך לייכטער האָבן זיי באַגריפן זיין לערע װעגן „ליכט — דער כוח פון גאָט״.

די פילאָזאָפיע פון זאַראַאַסטערן האָבן זיי טאַקע װייניק צע־קייעט, אָבער די פשוטע ענינים פון לעבן אַלס „כוח פון גאָט״ האָבן זיי שנעלער פאַרשטאַנען. אַזוי אַרום האָבן זיי אין איין װעגס אויך שוין אָנגעהויבן גלייבן אינעם „כוח פון איין גאָט אין הימל״.

ביי די אָנהענגער פון זאַראַאַסטריאַניזם האָט זיך אָנגעהויבן אַנטװיקלען אַ גלויבן, אַז דער „מלאך פון ליכט״ האָט צוגעהאָלפן גאָט אין הימל אין זיין קאַמף קעגן די „כוחות פון שטן״.

דער „מלאך פון ליכט״ װערט ביי זיי אָנגערופן „מיטהראס״. דער גלויבן אין „מיטהראס״ איז געװאָרן אַ פונדאַמענטאַלער פּרינ־ציפּ אין דער זאַראַאַסטריאַנער רעליגיע.

דער פילאָזאָף זאַראַאַסטראַ־זאַראַטוסטראַ האָט זיך אַזוי אַרום פאַרפלאָנטערט אין אַ דואַליסטישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. װעלב־דיק װערן „פּראַקטיש״, איז ער פון גלייבן אין מאָנאָטעאיזם צוגע־קומען צו אַ פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישער שיטה פון גלייבן אויך אין די כוחות פון דער נאַטור. די דאָזיקע נאַטור־כוחות קעמפן קעגן „גאָט פון גוטס״ — „אַהורא מאַזדאַ״. כדי די װעלט זאָל האָבן אַ קיום און דער מענטש זאָל קאָנען צוקומען צום תכלית השלימות — מוז דער „גאָט פון גוטס״ באַזיגן די „כוחות פון שלעכטס״.

זאָראָאַסטראַ האָט, אַזוי אַרום, זיך דערנענטערט צו דער לערע פון ה ע נ אָ ט ע א י ז ם — אַ מין פשרה צווישן מאָנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם, פאַרקערפּערנדיק די כוחות און דערשיינונגען פון דער נאַטור, וועלכע ווערן געשילדערט טיילמאָל אין פּאָעטישע מי־טאָלאָגישע לעגענדעס.

## דער מנהיג פאַרן פאָלק, צי דאָס פאָלק פאַרן מנהיג

זאָראָאַסטראַ האָט זיך געראַנגלט מיטן אַלטן פּראָבלעם, צי דאַרף אַ גייסטיקער פירער זיך „אַראָפּלאָזן" צום פאָלק, כדי עס צו פירן, דערציען און דערהייבן, צי פאַרקערט — דאָס פאָלק דאַרף אַליין שטייגן צו דער גייסטיקער הייכקייט פון מנהיג און זיך באַמיען צו זיין פעיק אָנצונעמען די לערע פון מנהיג.

זאָראָאַסטראַ האָט אויסגעקליבן דעם ערשטן וועג. ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק איז ווייט נישט ראוי צו פאַרשטיין זיין מאָנאָ־טעאיסטישע און מאָראַליש־עטישע פילאָזאָפיע. אויב ער זאָל וואַרטן ביז דאָס פאָלק וועט קומען צו אים און אַליין שטייגן צו גייסטיקער הייך — וועט ער שטאַרבן אָן איינזאַמער. „ביז דער נחמה — קאָן ער אויסהויכן זיין נשמה". ער האָט אָבער געוואָלט דערלעבן אַ ביסל נחתביים לעבן.

„אַראָפּלאָזנדיק" זיך צום פאָלק האָט זאָראָאַסטראַ אָבער זיך אויך „אונטערגעגעבן" די לעבנס־באַגריפן פון פאָלק. מאַכנדיק אַ פשרה מיטן „שכל פון פאָלק" — האָט ער אָנערקענט די „גלייכקייט" פון די צוויי „קאָנקורירנדיקע כוחות" — גוט און שלעכטס. אַזוי אַרום איז זאָראָאַסטריאַניזם געוואָרן אַ דואַליסטישע רעליגיע, טראָץ דעם מאָנאָטעאיסטישן יסוד פון זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע.

צווישן די זאָראָאַסטריאַנישע טעאָלאָגן זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַטראַכט די דאָזיקע צוויי כוחות אַלס „צווילינג". אַנדערע צווישן זיי, האָבן געהאַלטן פאַרקערט, אַז שלעכטס איז נ י ש ט אייביק, ווייל דער „ג ו ט ע ר ג אָ ט" האָט דאָס

נישט באַשאַפן. להיפוך, גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, כדי ער זאָל צוהעלפן אים, גאָט, אין קאַמף קעגן שלעכטס. גאָט איז „כולו טוב״. דאָס האָט ער, מסתמא, אויך געלערנט פון יהדות.

שפּעטערדיקע טעאָלאָגן פון זאָראָאַסטריאַניזם זענען געגאַנגען נאָך ווייטער אין מאָדיפיצירן און מאָדערניזירן די רעליגיע, אין אָנבליק פון רעאַליטעט, בעיקר — לויטן כאַראַקטער פון טעגלעכן לעבן פון פאָלקס־מענטש. די דאָזיקע טעאָלאָגן האָבן אָנגענומען אַ רעפאָרמיסטישע, אַפּיקורסישע שיטה פון „אל תהי צדיק הרבה״. זיי האָבן געפּרעדיקט, אַז אין אַ וועלט פון רשעות קאָן מען נישט עקזיסטירן ביים וועלן אַליין זיין אַ „צדיק״. מ׳מוז זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דער צייט. שלעכטס — מוז מען אָקעגנשטעלן מיט שלעכטס. דאָס לעבן פון מענטש איז אַ כסדרדיקער קאַמף. אַזוי אַרום האָבן זיי כסדר אָפּגענייגט פון די עיקר־פּרינציפּן פון זאָראָאַסטערס לערע צו שאַפן אַ רעליגיע פון מאָנאָטעאיזם, פון אינדיווידועלער מאָראַלישקייט און עטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

## אייביקער קאָנפליקט
## צווישן טעאָריע און פּראַקטיק

זאָראָאַסטראַ האָט געהאַט ערלעכע כוונות ביים פּרעדיקן, אַז זיינע נאָכפאָלגער זאָלן זיך באַזעצן אויף לאַנד און זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט. ער האָט געלערנט, אַז ווען אַ מענטש הערט אויף צו זיין אַ וואַנדערער און באַזעצט זיך אויף אַ סטאַביל אָרט — איז פאַר אים לייכטער צו פירן אַ נאָרמאַל פאַמיליען־לעבן, באַזירט אויף יסודות פון מאָראַל און אמונה אין גאָט. פון די געצנדינערישע בעדואינער האָט ער געוואָלט מאַכן אַ נאָרמאַל פאָלק. זאָראָאַסטער האָט דעריבער געמאַכט אַלס יסודות פון זיין רעליגיע די פאַרשריפטן קעגן אויסגעלאַסנקייט און באַרעכטיקט פריוואַט־אייגנטום. ער האָט דערקלערט אַלס הייליקע מצוות דאָס געבן צדקה און טאָן מעשים טובים, העלפן קראַנקע און אָרעמע, האַלטן זיך באַשיידן, ענוותדיק,

לעבן אין גערעכטיקייט, אין גייסט פון אמת און שלום. דאָס האָט געוואונען דעם שכל הישר פון זיינע נאָכפאָלגער און מיטגעהאָלפן אויסצעמענטירן אַ געזעלשאַפט פון מאָראַלישער הויכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

פון אַ בעדואינער מאַסע איז אָבער שווער צו שאַפן אַ פאָלק. בפרט אַז צו ווערן אַן אַגראַר־פאָלק מוז מען האָבן ערד. ערד־באַזיצער זענען קיינמאָל נישט געווען קיין אַלטרואיסטן און האָבן קיינמאָל נישט אַוועקגעגעבן בחנם זייער ערד צו אָרעמע בלויז „צוליב ליבע" צום מיטמענטש, אָדער „אין נאָמען פון גאָט". דער אָרעמאַן און באַזיצלאָזער איז שטענדיק פאַרביטערט און אומצופרידן. די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז געווען דער גרעסטער שטיין אין וועג פון זאַראַאַסטערס לעבן.

## גלויבן אין כוח פון נשמות

כדי צו הייבן די מאָראַל ביי די אָרעמע און היימלאָזע — האָט זאַראַאַסטרע זיי געגעבן די אמונה אין „לעבן נאָכן טויט". ער האָט פאַר זיי געפּרעדיקט די מיסטישע פילאָזאָפיע פון א נ י מ י ז ם — אַ גלויבן אין כוח פון נשמות.

די דאָזיקע פילאָזאָפיע איז גראַד געוואָרן לייכטער פאַרשטענדלעך פאַר זאַראַאַסטערס מאַסן. כאָטש דאָס האָט נישט קיין דירעקטע שייכות מיט שכל, אָדער מאָראַל, האָט עס געגעבן די אָרעמע און אומבאַוווסטע מאַסן אַ האָפענונג פאַר שפּעטערדיקער קאָמפּענסאַציע. די פּראָצעדור פון באַגראָבן אַ פאַרשטאָרבענעם איז דעריבער אויסגעוואַקסן כמעט אין אַ קולט.

אין די זאַראַאַסטריאַנישע מנהגים פון באַגראָבן אַ פאַרשטאָרבענעם זעט מען אַן איינפלוס פון יידישע מנהגים, וועלכע זענען פון די זאַראַאַסטראַנער טיילווייז נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, טיילווייז פאַרקריפּלט געוואָרן.

צוויי שומרים היטן דעם זאראאסטראנישן מת פון יציאת הנשמה ביז זיין קבורה, מחמת „שדים באמיען זיך צו באקומען שליטה איבער דער נשמה פון מענטש". די טהרה ווערט אדורכגעפירט מיט גרויס רעליגיעזן ערנסט. די קבורה קומט נישט פאר אויף א בית־עלמין, נאר אין א ספעציעל־אויסגעבויטן „טורעם פון שווייגן" („דאקמא"). דער טורעם איז געבויט ווי א פיראמידע, 30 פוס הויך, מיט א פלאטפארמע אויפן דאך, איבער א טיפן גרוב פון אונטן. פאר דער קבורה לייגט מען דעם מת אויף אן אייזערנער מטה און די קרובים באגלייטן אים ביזן „טורעם פון שווייגן" צו זיין אייביקער רו. ביינאכט, אדער בעת א רעגן, מאכט מען נישט קיין לוויה, כדי „נישט מטמא צו זיין" דאס וואסער. מחמת זיי האלטן זיך שטארק אין גלויבן וועגן דער הייליקייט פון פייער און ערד — היטן זיי אפ די פארבאטן נישט צו פארברענען און נישט צו באגראבן די מתים.

נאכדעם ווי די קרובים דערווייטערן זיך פון טורעם — ווערט דער מת אוועקגעלייגט אויף דער פלאטפארמע אויפן דאך פונעם „טורעם פון שווייגן", כדי די פייגל זאלן אויפעסן זיין פלייש. נאכדעם פאלן די ביינער אראפ אינעם טיפן טאל הינטערן טורעם, און דארט איז אויטאמאטיש די קבורה פונעם מת'ס ביינער.

דעם צווייטן טאג נאכן טויט פון א מענטש ריכט מען אפ א ספעציעלע תפילה אין זאראאסטריאנישן „פייער־טעמפל". בעת דער תפילה טיילט מען ברויט און נדבות צו ארעמעלייט און מען איז מפרסם די ירושה, וואס דער פארשטארבענער האט איבערגעלאזט לטובת דער קהילה.

דריי טעג נאכן טויט פייערט מען א יום־טוב לכבוד דער נשמה פון מת. די קרובים און פריסטער פון טעמפל פארזאמלען זיך אין שטוב פון נפטר פאר ספעציעלע תפילות. אין שטוב ווערט אנגעצונדן א פייער אויף 3 טעג, און א לאמפ אויף 9 טעג — ענלעך צו א „נשמה־ליכט" במשך „שבעה". אין שטוב ווערט אריינגעברענגט א קרוג מיט פריש וואסער און פרישע בלומען.

אויפן פערטן טאָג אינדערפרי זאָגט מען אַ סך תפילות אין „פייער טעמפל״, מחמת דאַמאָלט גייט די נשמה אַרויף אין הימל. לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש טיילט מען מלבושים צו אָרעמע־לייט, אַלס סגולה דער מת זאָל „גישט קומען נאַקעט צום בית דין של מעלה״. דער דאָזיקער מנהג פון קבורה ווערט היינט צו טאָג ווייניק פּראַקטיצירט. עובר־זיין אויף דער פּראָצעדור פון לוויות, און דאָס עסן גבלות, אָדער באַגיין אַ פאַרברעכן קעגן דער נאַטור — זענען פון די גרעסטע עבירות אין דער רעליגיע.

די זאָראָאַסטריאַנער טעאָלאָגיע דערציילט מיט גענויע פּרטים ווי אַזוי די נשמה פון אַ מת גייט אַדורך די ספּעציעלע „בריק צום משפּט״ איבער אירע גוטע און שלעכטע מעשים.

## זאָראָאַסטריאַניזם געקאָנט פאַרהאַלטן דעם וועג פון קריסטנטום

די „גאָלדענע עפּאָכע״ פון דער זאָראָאַסטריאַנער רעליגיע איז געווען אין דער צייט פון דער קעניגרייך פון כורש, הערשער פון פּערסיע (559 — 529, פאַר אונדזער צייט־רעכענונג), בבל און אַנדערע לענדער אין אזיע. דער דאָזיקער קעניג כורש האָט דערלויבט די פאַרטריבענע יידן אין בבל צוריקצוגיין קיין ארץ־ישראל און אויפצובויען דאָס צווייטע בית המקדש (אין תלמוד, ראש־השנה ג׳, ווערט געזאָגט, אַז „כורש מלך כשר היה״).

זאָראָאַסטריאַנער האַלטן, אַז יידן האָבן איבערגענומען אַ סך מנהגים און טעאָלאָגישע באַגריפן פון זאָראָאַסטריאַניזם.

גאַנץ פּערסיע האָט דעמאָלט אָנגענומען די זאָראָאַסטריאַנישע רעליגיע פון מאַזאַטעאיזם. די רעליגיע האָט דערגרייכט אויך קיין בבל און די אַרומיקע מדינות. יעדער לאָקאַלער פירער האָט גע־פּרווט ווערן אַ „טעאָלאָג״, אייגנרעדנדיק זיך און זיינע אונטערטאַנען, אַז ער שטייט העכער פון „פּראָסטן פאָלק״ און איז דעריבער „נענ־טער צו גאָט״. צוליב דעם, האָבן די פירער זיך דערלויבט צו מאַכן

אייגענע אינטערפרעטאציעס און „אויסבעסערונגען" צו דער רעלי־גיע — צוגעפאסט צו די באדינגונגען פון ארט און צייט. דאס האט גורם געווען, אז די רעליגיע איז אוועק ווייט פון דעם, וואס זאראַ־טוסטרא־זאראַאסטער האט געלערנט און געפרעדיקט. די רעליגיע איז געווארן כמעט גאר פאר מענער.

דאס אנטשטיין פון קריסטנטום האט צעטרייסלט דעם זאראַאסטריאניזם, מחמת קריסטנטום האט זיך פראקלאמירט אלס רעליגיע פון מאן און פרוי, גרויס און קליין.

היסטאריקער האלטן, אז ווען פערסיע וואלט נישט געווען פארמישט אין פארשידענע מלחמות און מפלות, בעיקר ווען אלעק־סאנדער מוקדון וואלט אין יאר 331, פאר אונדזער צייט־רעכענונג, נישט פארכאפט פערסיע — וואלט גאנץ אייראפע אנגענומען די זאראַאסטריאנישע רעליגיע און פארשטעלט דעם וועג פאר דער עקספאנסיע פון שפעטערדיקן קריסטנטום.

דאס ראד פון דער געשיכטע האט זיך אבער א דריי־געטאן אנדערש. אממיינסטן האט פון דעם געליטן די זאראַאסטריאנישע רעליגיע.

## סיי קריסטנטום, סיי איסלאם, פראקטיצירט רדיפות

דאס דריטע יארהונדערט, נאכן אויפקום פון קריסטנטום, איז געווען שרעקלעך פארן זאראַאסטריאניזם. דאס קריסטנטום האט שטארק גערודפט די זאראַאסטריאנער און זיי געצוואונגען אנצונעמען די קריסטלעכע רעליגיע.

די ערגסטע צייט פון זאראַאסטריאניזם איז געווען ארום יאר 637 פון אונדזער צייט־רעכענונג, ווען דער איסלאם האט זיך שנעל צעשפרייט און פארכאפט פערסיע. תחילת האט דער זיגערישער איסלאם מכלומרשט טאלערירט די זאראַאסטריאנער אלס „רעליגיעזע קרובים", וואס גלייבן אין איין גאט אין הימל. אז די זאראַאסטריא־

נער האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג פון אָנערקענען מחמדן אַלס זייער איינציקן „נביא״ — האָט די איסלאַמישע אינ־ואַזיע מיטן כוח פון דער שווערד אויפגעצוווּנגען אַלעמען אָנצונעמען די איסלאַמישע רעליגיע.

אין 8־טן יאָרהונדערט זענען די איסלאַמישע רדיפות קעגן די „אומגלויביקע אין מחמדן״ געוואָרן אַזוי שרעקלעך אַז די זאָראָ־אַסטריאַנער האָבן געמוזט זיך ראַטעווען דורך פאַרלאָזן דאָס לאַנד און געצוווּנגען געוואָרן צו גיין אין גלות. דער גרעסטער טייל פּליטים האָט זיך געראַטעוועט קיין אינדיע, ווו זיי האָבן געפּרוּווט לעבן אומגעשטערט לויט זייער זאָראָאסטריאַנער רעליגיע. אין אינ־דיע האָט מען זיי אָנגעהויבן רופן „פּאַרסיס״, אָפּשטאַמיקע פון פּערסיע.

במשך הונדערטער יאָרן לעבן אין גלות האָבן זיי זיך אַסימילירט צו אינדישע מנהגים און טראַדיציעס. דאָס האָט אויפסניי גורם געווען רעפאָרמען אין דער זאָראָאַסטריאַנישער רעליגיע.

הייַנט צו טאָג צעוואַקסט זיך ווידער דער איינפלוס פון זאָראָ־אַסטריאַניזם. די גלויביקע אין דער רעליגיע, וועלכע לעבן בעיקר אין אינדיע, אין דער געגנט פון באָמבעי, זענען צווישן די דערפאָלג־רייכסטע סוחרים און אינדוסטריעלער. בילדונג פאַרנעמט אַ חשוב אָרט אין זייער לעבן. זייערע קהילות אין אינדיע און צפון־אַפריקע זענען אָממיינסטן ציוויליזירטע. פרויען זענען געוואָרן גלייכבאַרעכ־טיקט לויט דער רעליגיע, און קומען אין די טעמפּלען אַזוי ווי די מענער.

זייערע טעמפּלען ווערן אָנגערופן „פייער־טעמפּלען״, ווייל אין זיי ברענט שטענדיק אַ „נר תמיד״, אַלס סימבאָל פון געטלעכן ליכט, וואָס לייכט אין דער מענטשלעכער נשמה. זייערע פּריסטער ווערן אָנגערופן „מאַגי״ — אַ גריכישער אויסדרוק פאַר אַסטראָלאָגן. די תפילות פון ציבור קומען פאָר איינמאָל אין וואָך. די גאָר פרומע קומען טעגלעך צו די תפילות. בעת די תפילות טוט מען זיך אויס די שיך און מען טוט אָן הילצערנע סאַנדאַלן. די תפילות קומען

פאַר אין דער היסטאָרישער פעהלווי־שפּראַך, מיט אַ צוגאַב־תפילה אין דער מאָדערנער גערעדטער שפּראַך. די תפילות אין דער היים קומען פאַר אינדערפרי, נאָכן אויפשטיין פון שלאָף, און אין אָונט, חוץ אויך ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן. די תפילות אַנטהאַלטן בעיקר אַ „מודה אני״־תפילה צום איינציקן גאָט אין הימל, וואָס האָט זיך באַוויזן צו זאַראַסטרען.

די הייליקע ליטעראַטור פון זאַראַאַסטריאַניזם איז געשריבן אין אַלטן פּעהלווי-לשון פון פּערסיע. דאָס וויכטיקסטע רעליגיעזע ספר אין דאָזיקן לשון איז וועגן וועלט און משיחיזם. אַ סך ווערק פון דער רעליגיע זענען פאַרניכטעט געוואָרן בעת די פאַרפאָלגונגען פון די קריסטן, פון איסלאַם און פון די גריכן.

אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור פון זאַראַאַסטריאַניזם זענען אויך פאַראַן לעגענדעס, אַז די רעליגיע איז שוין אַלט 6 טויזנט יאָר פאַר דער איצטיקער צייט-רעכענונג און אַז זאַראַאַסטער-זאַראַ-טוסטראַ איז נאָר געווען דער באַנייער און אויפלעבער פון דער אמונה אין איינציקן גאָט אין הימל. צו דער דאָזיקער מיסיע איז זאַראַאַסטער גערופן געוואָרן דורך גאָט גופא.

## פארוואָס זאַראַאַסטריאַניזם איז איינגעשרומפן

זאַראַאַסטריאַניזם געהערט צו די איינציקע רעליגיעס, וואָס פאַר־באָט מענטשן פון אַנדערע אמונות אַריינצוקומען אין זייערע טעמפּלען. זאַראַאַסטער גופא האָט טאַקע געיואָלט געווינען אַלעמען פאַר זיין אמונה. זיינע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער האָבן אָבער גע־האַלטן, אַז יעדער מענטש דאַרף ממשיך זיין די אמונה פון זיין געבורט — פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן. מען איז זיך משער, אַז די דאָזיקע שיטה פון זאַראַאַסטריאַניזם איז אַנגענומען געוואָרן אַלס פּרייז צו די אונטערדריקער פון קריסטנטום און איסלאַם, כדי אָפּצושטעלן זייערע רדיפות קעגן די גלויביקע אין זאַראַאַסטריאַניזם

און לאָזן זיי אויסלעבן זיך מיט זייער רעליגיע אין די אייגענע ווינ־קעלעך פון זייער גלות.

טייל פאָרשער טייטשן אויס דאָס אָפּגעזונדערטקייט פון זאַראָ־אַסטריאַניזם צוליב צוויי פּרינציפּן: — טאָלעראַנץ צו אַלע אַנדערש־גלויביקע, און — אַלס שטילער, היסטאָרישער פּראָטעסט קעגן די רדיפות און געוואַלד־טאָטן סיי פון קריסטנטום, סיי פון איסלאַם.

די דאָזיקע אַלע גורמים — רעליגיעזע, היסטאָרישע און פּאָלי־טישע — האָבן דערפירט אַז די רעליגיע איז נישט בלויז נישט געוואַקסן, נאָר כסדר איינגעשרומפּן. היינט צו טאָג געפינען זיך אין דער וועלט בלויז 150 טויזנט גלויביקע אין דער זאַראָאַסטריאַ־נישער רעליגיע. אויך זייער רעליגיעזע ליטעראַטור איז שטאַרק איינגעשרומפּן און געפינט זיך אין אַ מצב פון אונטערגאַנג.

וועגן זאַראָאַסטערס טויט איז ווייניק באַקאַנט. לויט נישט־פעסטגעשטעלטע מקורות זאָל זאַראַטוסטראַ־זאַראָאַסטער האָבן דער־הרגעט געוואָרן פון פּאַנאַטישע געצנדינער, בעת אַ קאַמף מיט זייערע „גייסטלעכע" נעבן אַ „פייער־טעמפּל".

ער איז דאַמאָלט אַלט געווען 77 יאָר.

# שיקיזום

## שיקיזם — רעוואָלט קעגן אינדישן קאסטעס־סיסטעם

די „ש י ק״־רעליגיע איז אַנטשטאַנען אין אינדיע אין 15־טן יאָרהונדערט. זי איז פאַררעכנט צווישן די יינגסטע רעליגיעס פון מאָנאָטעאיזם. דאָס וואָרט „שיק״ באַדייט, אין זייער לשון, „תלמיד״, „נאָכפאָלגער״. די גלויביקע אין שיקיזם באַטראַכטן זיך אַלס די „מאַמינים אין איינציקן גאָט אין הימל״.

דער גרינדער פון דער „שיק״־רעליגיע איז געווען ג ו ר ו נ א נ א ק, געבוירן אין 1469 אין צפון־אינדיע, אין דער פראָווינץ פונדזשאב, ביי הינדו־עלטערן. ער האָט געלעבט 69 יאָר.

די רעליגיע איז אַנטשטאַנען בעיקר אַלס פּראָטעסט, אָדער רעוואָלט, קעגן קאַסטן־סיסטעם אין אינדיע. גורו נאַנאַק איז אַרויס־געטרעטן בעיקר: 1) קעגן פאַרברעכן פון פּראַקטיצירן צו האַלטן צענדליקער מיליאָנען אינדיער אַלס „פּאַריער״, אויסגעשפּיגענע פון דער געזעלשאַפט, „אומבאַרירבאַר״; און 2) פאַר אָפּשאַפן דעם יחוס פון „בראַהאַמיזם״, די פּריווילעגירטע קאַסטע אין אינדיע.

די „שיק״־רעליגיע איז אָבער אַ געמיש פון הינדואיזם און איסלאַם.

פון זיין פּריסטער יוגנט האָט גורו נאַנאַק זיך געבונטעוועט קעגן איינטיילן די אינדישע באַפעלקערונג אין פּריווילעגירטע און מינדערווערטיקע קאַסטעס.

ער האָט דעריבער אָנגעהויבן פּרעדיקן, אַז אַלע מענטשן דאַרפן זיין גלייך און פאַראייניקט.

די פאליטישע הערשער אין לאנד האבן געזען אין זיינע פרעדיקונגען א סכנה פאר זייער אויבערמאכט איבער די ארעמע און אונטערדריקטע מאסן.

די הערשער האבן דעריבער אים פארשריגן, צוערשט אלס רעװאלוציאנער, נאכדעם אלס „אפיקורס", שפעטער אלס פאררעטער.

אין זיין פילאזאפישן דענקען איז גורו נאנאק געקומען צום אויספיר, אז כדי צו דערגרייכן גערעכטיקייט און צדק — איז נישט גענוג צו ענדערן דעם פאליטישן רעזשים, אדער סדר אין לאנד. די הערשער, וואס באזירן זייער מאכט אויפן כוח פון מיליטער און געלט — זענען נישט דערוואקסן צו א מלוכה־סדר באזירט אויף יושר, צדק און גלייכקייט פון אלע מענטשן, אפילו נישט פון אייגענעם פאלק. דאס לעבן פון פאלק און מדינה דארף באזירן אויף מאראל און אמת, וואס זאלן האבן זייער אנהאלט אין געטלעכער אמונה, אין גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון א געטלעכער מאכט, וואס בינדט צונויף אלע מענטשן אין ברודערשאפט.

דאס האט נאנאקן דערפירט צו דער הכרה, אז עס איז דא נאר איין באשאפער פון הימל און ערד, פונעם גאנצן אוניווערס און אלע מענטשן — אז ע ר איז דער באלעבאס אויך איבער אונדזער וועלט. דעריבער דארפן אלע מענטשן אנערקענען דעם אחדות הבורא, און אלע מענטשן דארפן זיין גלייכע ברידער, און נישט איינגעטיילט אין „העכערע" און „נידעריקע" קאסטעס, אדער קאטעגאריעס.

פון זיין פילאזאפיע וועגן גלייכקייט, ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט, איז ארויסגעוואקסן זיין נייע רעליגיע — ש י ק י ז ם.

## איז מעגלעך הארמאניע פון רעליגיעס?

אין דער הקדמה צו זיין נייער רעליגיע, זאגט גורו נאנאק: „עס איז דא נאר איין גאט, דער באשאפער פון אוניווערס און אלץ וואס עקזיסטירט; זיין נאמען איז א מ ת; ער איז נישט געבוירן;

ער איז אומשטערבלעך; ער עקזיסטירט פון זיך אליין און איז — אליין".

ער האט זיך באמיט צו שאפן א סינטעז צווישן מיסטישן פאנ־טעאיזם פון הינדואיזם און מאנאטעאיסטישן איסלאם.

דאס איז געווען אין גייסט פון זיין לאנד, ווו עס האבן גע־הערשט די צוויי גרויסע רעליגיעס, אין לאבירינט פון א סך קליינע רעליגיעס און פארשידענע גלויבנס.

זיין טעאלאגישע הויפט־אידייע איז געווען צו געפונען א האר־מאניע צווישן די גלויבנס פון פארשידענע רעליגיעס.

עס ווייזט אויס, אז אין זיין ערלעכער נאאיוויטעט האט ער פארזען די ווירקלעכקייט, אז רעליגיעס לאזן זיך נישט פאראייניקן.

דער גלויביקער, דער וואס גלייבט אין רעליגיע — גלייבט גלייכצייטיק, אז נאר זיין רעליגיע איז די איינציק־אמתע, און אז אלע אנדערע זענען נישט־ריכטיקע און נישט־אמתע.

## די שפראך וואס די פאלקס-מאסן פארשטייען

די פאלקס־מאסן אין אינדיע האבן דערזען אין נאנאקס פרע־דיקונגען און לערעס א נייעם זון־אויפגאנג אין זייער באוואלהטן, אונטערדריקטן און נישט־בארעכטיקטן לעבן.

זיי האבן זיך נישט געגריבלט אין זיינע טעאלאגיש־פילאזאפישע טעאריעס. זיי האבן בעיקר פארשטאנען זיין שפראך פון קאמף קעגן קאסטן־סיסטעם און קעגן דער הערשאפט פון די פריווילעגירטע און פאריחסנטע „בראהאמיסטן".

די מאסן האבן פארשטאנען, אז אויב זייער ישועה קען קומען דורך פאראייניקן זיך אין איין רעליגיע און מתפלל זיין צום איינ־ציקן גאט אין הימל — ווערן זיי אנהענגער און נאכפאלגער פון גורו נאנאק. אזוי ארום האבן זיי שנעל אנגענומען דעם גלויבן אין שיקיזם.

גורו נאנאק גופא, האט אין זיין ערלעכקייט און באשיידנקייט זיך באטראכט נאר אלס לערער און רעפארמער.

זיינע פרעדיקונגען און זיין רעליגיע האבן אבער אנגענומען א נאציאנאלן כאראקטער.

אין נאמען פון מאנאטעאיזם האט ער געוואלט דערפירן אויך צו א מאראלישער, געזעלשאפטלעכער און סאציאלער רעוואלוציע אין אינדיע.

א סך פאליטישע גורמים האבן דערפירט צו דער פאפולאריטעט פון נאנאקס רעפארמען.

## איסלאמס שווערע רדיפות קעגן די אינדישע מאסן

זינט דער איסלאם האט פארכאפט אינדיע אין יאר 712 — האט ער במשך פון א פעריאד פון טויזנט יאר צייט אויפגעצוווּנגען זיין השפעה אויפן הינדואיזם און די פעלקער אין אינדיע.

טראץ די שווערע רדיפות האט דער הינדואיזם און די אינדישע קולטור נישט געלאזט זיך באצווינגען פון דער איסלאמישער הערשאפט.

דאס 15־טע יארהונדערט האט ארויסגערופן אין אינדיע דאס אנטשטיין פון פארשידענע רעפארמיסטישע באוועגונגען, וועלכע האבן, אונטער א רעליגיעזן דעק־מאנטל, געפרעדיקט ברודערשאפט און גערעכטיקייט. דאס פאלק איז אבער נאך ווייט נישט געווען רייף צו ענדערן דעם „היסטארישן" לעבנס־שטייגער פון באזונ־דערע קאסטעס.

די רעפארמיסטישע באוועגונגען האבן דעריבער געפרעדיקט צו שאפן א סינטעזע צווישן איסלאם און הינדואיזם, פאראייניקן די צוויי רעליגיעס אין איין „בשותפותדיקע אמונה מיט איין בשות־פותדיקן גאט". אזוי ארום האבן זיי געוואלט אראפרייסן די קדושה פון ביידע רעליגיעס און עפענען א וועג פאר פאליטישע רעפארמען.

די דאזיקע רעפארמיסטישע באוועגונגען האבן געעפנט א וועג

פאַר גורו נאַנאַק אויסצובערייטערן זיין אידייע וועגן אָפּשאַפן בכלל דעם קאַסטן־סיסטעם. דאָס איז געווען אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע געוואַגטקייט אין יענער צייט אין אינדיע.

גורו נאַנאַק, געבוירן אַ הינדו, איז אַליין געווען אַ קינד פון דער העכערער קאַסטע־קלאַס. ער איז געוואַקסן אַ שטיל, קראַנק און צעפּיעשטשעט, פּריווילעגירט קינד. פון יונגווייז אָן האָט ער אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אומגערעכטיקייט קעגן אַנדערע אינדישע קינדער. זיין נשמה האָט זיך געבונטעוועט. ער האָט געשטרעבט צו ענדערונגען אין לעבן פון זיין פאָלק און צו מער גערעכטיקייט צו די באַוואָלהטע.

## „אין נאָמען פון גאָט״

אַ לעגענדע פון דער שיק־טעאָלאָגיע דערציילט, אַז ווען גורו נאַנאַק איז אַלט געווען 36 יאָר, האָט ער באַקומען „רוח הקודש״. אַ מלאך אלוקים האָט זיך באַוויזן צו אים אין נאָמען פון „גאָט בראַהמאַ״ און אים באַפוילן צו זיין גאָטס שליח צו דער מענטשהייט און זיי לערנען גערעכטיקייט און גלויבן אין גאָט.

נאַנאַק האָט אָנגענומען די דאָזיקע שליחות. ער האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז דאָס איז געווען דער „גאָט בראַהמאַ״, ווייל בראַהאַמיזם פּרעדיקט פּריווילעגירטקייט פון איין קלאַס מענטשן און אומגערעכטיקייט קעגן צווייטן קלאַס מענטשן.

נאַנאַק האָט פאַרלאָזט זיין פרוי און 2 זין, צוזאַמען מיט זיין באַקוועם לעבן, און איז אַרויס איבערן לאַנד אויסצופירן „גאָטס שליחות״. ער האָט געפּרעדיקט „אין נאָמען פון גאָט אין הימל״, אַז „עס איז נישטאָ קיין הינדו, נישט קיין מאָסלעם״ — עס איז דאָ נאָר איין גאָט און איין מענטשהייט.

כמעט יעדער שאַפער פון אַ נייער רעליגיע האָט זיך מקנא געווען אין משה רבינו. יעדער האָט אָנגעהויבן מיטן דערציילן, אַז

גאָט, אָדער אַ מלאך פון גאָט, האָט זיך באַוויזן אויך צו אים, און אים אויסגעוויילט אַלס „גאָטס שליח" צו דער מענטשהייט.

אויפן זעלבן וועג איז געגאַנגען אַפילו דער רעפאָרמאַטאָר און פרייהייטס־קעמפער גורו נאַנאַק.

## שיקיזם — געמיש פון הינדואיזם, איסלאַם און יהדות

דער פאָרגייער פון דער „שיק"־רעליגיע איז געווען דער מאָג־גאָל ק אַ ב י ר, וועלכער האָט אָנגענומען דעם איסלאַמישן גלויבן. ער איז אָבער געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון הינדו־לערער ראַמאַנאַנדאַ, וועלכער האָט געפּרעדיקט, אַז גאָט געפינט זיך אומעטום, און מען דאַרף אים ניט זוכן מיט ספּעציעלע מיטלען, צי אויף ספּעציעלע ערטער.

נאָך קאַבירס טויט האָבן סיי די מוסולמענער, סיי די הינדואיסטן, געטענה'ט, אַז קאַביר „געהער צו זיי". אויף זיין קבר זיינען נאָך אַפילו היינט־צו־טאָג פאַראַן צוויי מצבות, איינע נעבן דער אַנדערער — אַן איסלאַמישע, און אַ הינדואישע. בערך אַ מיליאָן מענטשן אין אינדיע זיינען נאָך היינט מתפלל צו קאַביר, אַלס זייער גייסטיקן מנהיג.

זיין נאָכפאָלגער, דאַקעגן, גורו נאַנאַק, איז געווען אַ פולבלוטי־קער הינדו, באַאיינפלוסט פון איסלאַם. דאָס איז געווען איינער פון די גורמים, אַז ער זאָל וועלן שאַפן אַ סינטעז פון די דאָזיקע צוויי רעליגיעס, וועלכע זיינען געווען נאָענט צו זיין געזויינהייט. ער האָט, ווייזט אויס, קעגן זיין אייגענער פילאָזאָפיע ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון די סענטימענטן פוןביידע דאָזיקע רעליגיעס.

גורו נאנאק האָט אָבער געגעבן „בלוט און פלייש" און אַ „נשמה" די לערע פון זיין פאָרגייער, קאַביר. קודם כל האָט ער אָנגעהויבן פּרעדיקן אַז מען קאָן זיך פאַריייניקן מיט גאָט, אָן אַסקעטיזם. די אמונה אין גאָט דאַרף זיין באַזירט — לויטן יסוד

פון יהדות, פון „וחי בהם״ — לעבן מיט גאָטס געבאָטן פון מאַ־ראַלישקייט, גלייכקייט און גערעכטיקייט. נאָך דעם האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער מענטש איז נישט קיין גלגול פון פריערדיקע נשמות. דער מענטש איז מענטשלעך. דעריבער דאַרף יעדער זיין מענטשלעך צום מיטמענטש. אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך, און אַלע דארפן זיין גלייך.

די מאַסן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט פון באַנאַקס לערעס. זיי האָבן אים רעספּעקטירט און פאַרהייליקט. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט סיי די לערעס פון איסלאַמישן „קאָראַן״ סיי פון די אינדישע „ווערדאס״.

פון איסלאַם האָט ער נאָר אקצעפּטירט די לערע וועגן אַן איינציקן גאָט.

פון הינדואיזם האָט ער אַקצעפּטירט די פאַנטעאיסטישע און מאָניסטישע אָנשויאונגען.

## פילאָזאָפישע און פראַקטישע טעאָלאָגיע

אין דער פּראַקטישער טעאָלאָגיע פון זיין נייער רעליגיע — ש י ק י ז ם , האָט ער אויספילאָזאָפירט פאָלגנדיקע זיבן פּרינציפּן:

1. ק אָ ס מ אָ ס . — די וועלט פון צייט און רוים איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט פאַר זיין אייגענער סבה פון קיום. אונדזער וועלט פון צייט און רוים איז נישט אייביק, נאָר איבערגייענדיק. גאָט קאָן דאָס תמיד ענדערן לויט זיין ווילן.

די דאָזיקע אָנשויאונג האָט ער באַזירט אויף דער הינדו־פילאָזאָפיע, געמישט מיט באַגריפן פון יהדות.

2. ג ע ט ל ע כ ק יי ט . — גאָט איז די סבת הסבות פון אַלעם וואָס עקזיסטירט. גאָט קאָן ניט דערשיינען אין קערפּער פון אַ מענטש און אויך ניט אין קיין שום געשטאַלט פון סימבאָלן.

גורו נאָנאַק האָט אַזוי אַרום אָפּגעוואָרפן די קריסטלעכע טעזע פון א „יעזוס".

ער רופט אָן גאָט מיט פּערזענלעכע נעמען און טערמינען — לויט די באַגריפן אין הינדואיזם.

3. מ ע נ ט ש . — דעם מענטשס גורל ליגט אין די הענט פון גאָט. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, כדי צופרידנצו־שטעלן גאָטס ווילן און פאַרלאַנגען. דעריבער דאַרף ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן מענטש און מענטש, בעיקר ניט לויטן גע־בורט, קלאַס אָדער קאַסטע.

4. פ ל י כ ט ן . — דעם מענטשנס צרות באַשטייען דער עיקר פון זיין אָפּנייג פון אמונה אין גאָט. דעם מענטשס אָפּקער פון גאָט זיינען מער צוליב אומשולדיקע כוונות, ווי באַ־וווסטזיניק. דער יצר־הרע איז דער גרעסטער גורם אין מענטשס שלעכטע מחשבות און שלעכטע מעשים.

5. י ש ו ע ה . — דער מענטש קען געהאָלפן ווערן נאָר דורך מקיים זיין די מצוות און געבאָטן פון גאָט. דער מענטש דאַרף זיין דאַנקבאַר צו גאָט פאַר אלעם. דער גלייביקער דאַרף זיך צוהערן צום „גורו", לערער פון גאָטס־וועגן, און כסדר איבער־חזרן גאָטס נאָמען. דאָס וועט גורם זיין צו טראַכטן תמיד וועגן גאָט און זיין לערע.

6. א ו י פ פ י ר ו נ ג . — דער מענטש זאָל ניט זיין קיין וועגעטאַריאַנער און ניט קיין אַסקעט. מען דאַרף עסן פלייש, כדי צו זיין פיזיש געזונט און שטאַרק. דער מענטש זאָל לעבן אַ נאָרמאַל פאַמיליע־לעבן. ניט רויכערן און ניט טרינקען אַלקאָהאָל. אַלע מענטשן דאַרפן זיך ליב האָבן ווי ברידער. אין אָנבליק פון דער האַרטער ווירקלעכקייט — מוז מען זיין גרייט מיליטעריש, כדי צו פאַרזיכערן דעם אייגענעם קיום און שלום.

7. מ ז ל . — דער צוועק פון לעבן איז צו באַהעפטן זיך אין גאָט. די וואָס פאַרלייקענען גאָט — מוזן אַדורכגיין אַ פּראָ־צעס פון גלגול, גלגול הנשמות. „ניטאָ קיין גאָטס משפּט" נאָכן

טיש, לויט ווי דער איסלאַם פּרעדיקט. דעם מענטשס נשמה ווערט אויסגעלייזט דורכן פאַרייניקן זיך מיט גאָט, — אין גייסט פון „נירוואַנאַ"־פּרינציפּ. דאָס מודה זיין אין גלגול הנשמות איז אָן אָפּנייג פון גורו נאַנאַקס ערשטער מיינונג, אַז דער מענטש איז ניט קיין גלגול פון פריערדיקע נשמות. ער האָט, ווייזט אויס, רעווידירט זיין פילאָזאָפיע אין דאָזיקן ענין, כדי צו זיין נענטער צום לעבנס-אַרט פון זיינע מאַסן.

# איסלאַמישע מורא פאַרן שיקיזם

די איסלאַמישע פירער אין אינדיע, האָבן מורא געהאַט פאַרן פאַרשפּרייט פון שיקיזם. דאָס האָט געקאָנט גורם זיין אַן איבערגאַנג פון איסלאַם צום שיקיזם. די איסלאַמישע פירער האָבן דעריבער פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז נאַנאַק האָט באַזוכט דעם „קאַאַבאַ" און אַנדערע הייליקע איסלאַמישע פלעצער אין מעקאַ. דאָס האָט געזאָלט אויך אָפּשוואַכן נאַנאַקס גרויסע פּאָפּולאַריטעט ביי די מאָסלעמס, פאַר וועמען ער האָט געפּרעדיקט אויף זיין וואַנדערוועג.

אַ באַזוך אין מעקאַ, וועלכעס איז דערלויבט נאָר פאַר גלייביקע אין מחמדן, איז געוואָרן אויסגעטייטשט אַלס נאַנאַקס גלייבן אין מחמדן.

די איסלאַמישע פירער האָבן פאַרשפּרייט נאָך אַנדערע לעגענדעס וועגן נאַנאַקס רעספּעקט פאַר מחמדן, מחמת אין זיינע וואַנדערונגען צו פאַרשפּרייטן זיין נייע רעליגיע איז נאַנאַק געפאַרן אין באַגלייטונג פון אַ פּאָפּולערן איסלאַמישן מוזיקער, מאַרדאַנאַ.

די דאָזיקע לעגענדעס האָבן געזאָלט פאַרטומלען די אָרימע מאַסן, וועלכע זיינען געוואָרן באַגייסטערט פון נאַנאַקס רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמען.

ל י י ב   ש ט ש ע ק א ט ש ־ ר א ז ע ן

## ניט תמיד גייען קינדער אין פאָטערס דרך

נאנאקס אויטאָריטעט איז געוואקסן ביי די אָרעמע און אונ־טערדריקטע מאַסן. די צאָל אָנהענגער פון זיין נייער רעליגיע איז געשטיגן.

נאַנאַק האָט געפילט, אַז זיינע פיזישע כוחות לאָזן זיך אים אויס און עס איז צייט צו טראַכטן וועגן נאָכפאָלגערשאַפט. ער האָט געזאָרגט איבערצולאָזן אַ מנהיג וואָס זאָל ווייטער ממשיך זיין זיין לערע פון שיקיזם, און דער עיקר — קעמפן פאַר דער גלייכ־באַרעכטיקונג פון אַלע קלאַסן און קאַסטן אין אינדיע.

נאַנאַק האָט געהאַט צוויי זין, וועלכע זיינען ניט געגאַנגען אין טאַטנס וועגן. אַ הויפּט סיבה איז געווען, וואָס נאַנאַק האָט פאַרלאָזט זיין פרוי אוןביידע זין, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט צו פאַרשפּרייטן דעם אידעאל פון גערעכטיקייט. ער איז גע־וואָרן אַ נזיר און מקריב געווען זיין אייגן לעבן פאַר דער טובה פון דער מענטשהייט. ער האָט אָבער פאַרזען די דערציאונג פון זיינע אייגענע זין. האָבן זיי רעוואָלטירט קעגן אייגענעם טאַטן.

נאנאק האָט דעריבער באַשטימט זיין תלמיד, א נ ג א ד, אַלס זיין נאָכפאָלגער. מען האָט אים גערופן דער צווייטער (נאנאק גופא איז געווען דער ערשטער) הייליקער „גורו״ — לערער פון גאָטס אידעאַל.

## דאָס „הייליקע ספר״ פון שיקיזם

דער רעליגיעזער און פּאָליטישער צענטער פון שיקיזם גע־פינט זיך אין דער שטאָט אמריטסאר, אין דער פונדזשאַב־געגנט פון צפון־אינדיע.

דאָס הייליקסטע אָרט פון דער שיק־רעליגיע איז דער „גאָל־דענער טעמפּל״ פון „אומשטערבלעכקייט״ אין אַמריטסאר —

איינער פון די חשובסטע פלעצער אין אינדיע. דאָס איז אַ קליינע געביידע, באַדעקט מיט גאָלד, אַרומגערינגלט מיט אַ קינסטלעך אינדזעלע, תמיד באַוואַכט פון אַ באַוואָפנטן שיק-שומר.

אויך אַנדערע שיק־טעמפּלען זיינען געבויט אין לוקסוס. אין די טעמפּלען איז פאַרבאָטן יעדע מין פיגור, אָדער סימבאָל.

דאָס „הייליקע בוך" („אדי גראַנט") איז דער הייליקסטער און וויכטיקסטער קעגנשטאַנד, אַזוי ווי ביי יידן, להבדיל, די ספר־תורה. פון דאָזיקן „אדי גראַנט" לייענען זיי קאַפּיטלען מיט אַ ספּעציעלן ניגון, אַזוי ווי ביי יידן קריאת התורה.

דאָס דאָזיקע „הייליקע ספר" ווערט געהאַלטן אין אַ זילבערן קעסטעלע, אין אַ ספּעציעלן „ארון קודש", באַוואַכט פון רעלי־גיעזע שומרים. יעדן פרימאָרגן, ווערט מיט אַ פּראָצעסיע, דאָס „ספר" איבערגעפירט צום „גאָלדענעם טעמפּל". דאָס „ספר", באַ־דעקט מיט אַ „פּרוכת", ווערט געטראָגן אויף די אַקסלען פון פאַר־דינסטפולע חשובים. דאָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ גרויסן כבוד, צוגעטיילט נאָר צו פּראָמינענטע שיקיסטן. אין פראָנט פון דער פּראָצעסיע גייט איינער מיט אַ טראָמפּייט, און איינער מיט קטורת. ווען דאָס „ספר" ווערט אַריינגעבראַכט אין טעמפּל — ווערט עס געהאַלטן אונטער אַ חופּה. די אַנ־וועזנדיקע אין טעמפּל באַ־גריסן דאָס ספר אין אַ טראַדיציאָנעל־אינדישער פאָרם. נאָכדעם גייען אַלע ארום „ספר", ווי ביי הקפות, און לייגן אַוועק נדבות, פאַר וועלכע זיי באַקומען טועם־צו־זיין אַ מאכל פון זיס פליישׁ — אַ סאָרט קוגל. די צערעמאָניע אין טעמפּל איז נאָר פאַר גאַסט־ווענן. דאַקעגן יעדער יחיד קאָן מתפּלל־זיין ביי זיך אינדערהיים און לייענען קאַפּיטלעך פון די הייליקע שריפטן פון שיקיזם.

טראָץ דעם וואָס די שיקיסטן האָבן זיך ווייניק צונויפגע־טראָפן מיט יידן, און האָבן זייער אַ שוואַכן באַגריף פון יהדות, געפינט מען אין די שיקיסטישע הייליקע שריפטן אַ שטאַרקן איינפלוס פון תנ"ך און פון „נייעם טעסטאַמענט".

די שפּראַך פון „הייליקן ספר" („אַדי גראַנט") איז הינדו.

די אַנדערע הייליקע שריפטן פון שיקיזם זענען געשריבן אויך אין אַנדערע אינדישע שפראַכן און דיאַלעקטן.

## איסלאמישער טעראָר קעגן די שיק-פירער

לויט דער שיק־רעליגיע זענען ביי זיי פאַראַן נאָר צען „גו־רוס" — „לערער פון גאָטס אידעאַל", אָדער — דורות פון גייס־טיקע מנהיגים. דאָס זענען געווען נאַנאַק, דער גרינדער פון דער רעליגיע, און נאָך ניין נאָכפאָלגער. נאנאק האָט נישט געזאָגט וואָס עס זאָל געשען נאָכן טויט פון צענטן „גורו".

דער פינפטער „גורו", ארדזשון (1606 ־ 1581), איז פארפיי־ניקט געוואָרן צום טויט דורך די מאָסלעמס, מחמת ער האָט אָר־גאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דעמאָלסדיקן איסלאמישן פירער, יאָהאַנגיר. די שיקיסטן האָבן, דעריבער, דערקלערט דעם „גורו" ארדזשין אַלס הייליקן.

אין די פוס־טריט פון „גורו" ארדזשין זענען געגאַנגען די שפּעטערדיקע שיק־פירער, וועלכע זענען אויך געפאַלן קרבנות פון די איסלאַם־הערשער. די דאָזיקע רדיפות און קרבנות האָבן אָבער געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, לויטן אַלטן כלל פון „כאשר יענו אותו — כן ירבה וכן יפרוץ". די גלויביקע אין דער שיק־רעליגיע האָבן זיך געקלאַמערט פעסטער, און מיט מער עקשנות ממשיך־געווען זייער רעליגיע.

## איסלאם זיך אונטערגעגעבן מיליטערישן כוח פון שיקיזם

נאָכדעם ווי די מאָסלעמס האָבן דערהרגעט דעם פאָטער פון 10־טן „גורו" — האָט ער אָרגאַניזירט אַלע שיקיסטן אין אַ מיליטערישן

אָרדן, וועלכער האָט זיך געשטעלט אַ דאָפּלטע אויפגאַבע — זעלבסטפאַרטיידיקונג און פאַרשטאַרקן די אויסברייטערונג פון זייער רעליגיע. אַליין האָט ער זיך אָנגערופן „סינג״ („לייב״), און דעם דאָזיקן טיטל צוגעטיילט אַלע זיינע מיטקעמפער וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו זיין אָרדן מיט דער גרייטקייט צו גיין אויף קידוש-השם פאַר זייער אמונה. דעם דאָזיקן אָרדן האָט ער אָרגאַניזירט מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין, ספּעציעלע צערעמאָניעס, אפילו מיט ספּעציעלער קליידונג.

זיין אייגענער זון איז אויך דערהרגעט געוואָרן אין קאַמף מיט די פאַנאַטישע מאָסלעמס.

דער אָרדן איז אויסגעוואַקסן צו אַ שטאַרקן מיליטעריש־קעמפערישן כוח. סוף־סוף האָבן די מאָסלעמס געמוזט מאַכן שלום מיט די קעמפערישע שיקיסטן. די שווערד פון די שיקיסטן האָט באַזיגט די שווערד פון איסלאַם.

אַ דאַנק זייער קעמפערישער זעלבסטפאַרטיידיקונג האָבן די שיקיסטן אויפגעהאַלטן זייער פיזישן קיום. עס איז אָבער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן זייער גייסטיקער ניווא.

## פּראַקטישע און לייכטע פּרינציפּן אויפצוהאַלטן קיום פון שיקיזם

דער צענטער „גורו״, גאָווינד סינג, האָט פאַרויסגעזען אַז עס קענען קומען שווערע צייטן פאַרן קיום פון דער שיק־רעליגיע. האָט ער געשאַפן 5 פּרינציפּן, וועלכע זאָלן צוהעלפן צום אויפהאַלט פון זייער אמונה. ער האָט אַלע שיקיסטן געגעבן ביינעמען און יעדן צוגעטיילט דעם טיטל „לייב״. יעדער שיק מוז אָפּגעבן אַ שבועה אָפּצוהיטן 5 געבאָטן: — לאָזן וואַקסן זיינע האָר פון קאָפּ און באָרד; טראָגן אַ שטאָלענעם קאַם; טראָגן קורצע הויזן, טראָגן אַ שטאָלענעם האַנט־באַנד (בראַנזעלעט) אויף דער רעכטער האַנט; טראָגן אַ שטאָלענעם

שפּיז („פּגיון"). דאָס דערמעגלעכט לייכט צו דערקענען אַ שיק. די דאָזיקע 5 געבאָטן זענען געוואָרן זייער לייכט אָנצונעמען און אָפּצוהיטן פון יעדן שיקיסט. דאָס האָט מיטגעהאָלפן אויפֿצוהאַלטן די אייניקייט און קיום פון די גערודפטע שיקיסטן.

כמעט יעדער שיקיסט פאַרמאָגט אַ קאָפּיע פון „הייליקן בוך" און אַנדערע הייליקע שריפטן. אין די שיק־קהילות זייַנען אַלע גלייכבאַרעכטיקט. קאסטן־יחוס איז שטרענג פאַרבאָטן.

טייל האַלטן, אַז די שיקס וועלן סוף־סוף צוריקגיין צום הינדואיזם. דאָס וואָלט שוין געשען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. די ענגלישע אָקופּאַציע אין אינדיע האָט אָבער צוגעהאָלפן אַז יעדער סאָלדאַט זאָל אָפּהיטן צו פּראַקטיצירן זיין אייגענע רעליגיע.

די פּאָליטישע פירער, דאַקעגן, שטעלן זיך אַנטקעגן אַזאַ טעאָריע פון „צוריקגיין צו הינדואיזם". להיפוך, זיי באַמיען זיך צו באַפרייען פון הינדו־איינפלוסן און קעמפן פאַר אַן אייגענער, אומאָפּהענגיקער מלוכה, אַלס גאַראַנטיע צו קאָנען אומגעשטערט לעבן לויט די פּרינציפּן פון דער שיק־רעליגיע.

## קרבנות פון קאַמף צווישן אינדיע און פּאַקיסטאַן

ווען אינדיע איז אין 1947 צעטיילט געוואָרן און עס זענען אַנטשטאַנען די באַזונדערע מדינות פון פּאַקיסטאַן און הינדוסטאַן — האָט די שטאָט אמריטסאר געליטן אַממייסטן. די גרענעץ־ליניע פון די ביידע מדינות האָט צעטיילט די שטאָט אין צווייען — איין האַלבע שטאָט איז צוגעפאַלן צום איסלאַמישן פּאַקיסטאַן, און די אַנדערע האַלבע שטאָט — צום הינדואישן אינדיע. די שיקיסטן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אינדערמיט פון פאַרניכטונג. דאָס האָט גורם געווען ראַיאָטס און שחיטות.

די דאָזיקע שחיטות האָבן פּאַקטיש געהאַט נישט דווקא רעליגיעזע סיבות, נאָר גיכער מער סאָציאַלע, פּאָליטישע און פּערזענלעכע.

אין אָנהייב פון אינדיעס קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּ־העגגיקייט — האָט די ענגלישע הערשאַפט אין אינדיע זיך גע־נומען באַנוצן מיטן אַלטן יעזואיטישן פרינציפּ פון „צעטייל און הערש”. זי האָט אַרויסגערופן קעגנזייטיקע שנאה צווישן די הינדואישע אינדיער און די מאַכמעדאַנישע אינדיער. זי האָט אויך צוגעהאָלפן צו אַ ביטערע שנאה צווישן איסלאַם־פירער מחמד אל דזשינא און דעם אינדישן פירער מאהאטמא גאנדי.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע רעליגיעזע און פּאָליטישע אינטרי־געס האָט ענגלאַנד זיך באַמיט נישט צו לאָזן צונויפשמעלצן די הונדערטער פּראָווינצן, מלוכהלעך און „וועלטעלעך” אין גרויסן אינדיע.

בעת די איסלאַמישע הערשער האָבן זיך געהאַלטן קאָנסער־וואַטיוו אין זייער אמונה און צוריקגעשטאַנענקייט — האָבן די אינדיער־הינדוסן פּראָגרעסירט אין מאָדערנער און וועלטלעכער בילדונג, טעכנאָלאָגיע און ציוויליזאַציע.

מאַהאַטמאַ גאַנדי, אין זיין קאַמף פאַר אינדיעס באַפרייאונג, האָט זיך קעגנגעשטעלט דער רעליגיעזער צעטיילונג צווישן מאַכ־מעדאַנער און הינדוסן, וויסנדיק אַז צעטיילונג וועט צושפּילן אין די הענט פון אָקופּאַנט.

די איסלאַמישע הערשער האָבן אָבער געפאָדערט צעטיילונג און אָפּזונדערונג פון די הינדוסן.

אַזוי אַרום איז געקומען צום צעטיילן אינדיע און דאָס שאַפן אַן איסלאַמישן פּאַקיסטאַן. אַמשווערסטן האָבן דערפון געליטן די שיקיסטן:

## שיקיסטן שטרעבן צו אן אייגענער מדינה — „שיקיסטאַן”

כאָטש סיי די אינדיאַנער, סיי די מאָסלעמס, האָבן זיך קעגנ־געשטעלט דער צעטיילונג פון אינדיע אין צוויי באַזונדערע מלו־

כות — זענען אָבער די שיקיסטן געווען די גרעסטע קרבנות. צענער טויזנטער שיקיסטן זענען געוואָרן אויסגעשאָכטן פון ביידע צדדים אין דאָזיקן קאַמף. די שיקס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון פּאַקיסטאַן. זיי האָבן זיך געראַטעוועט קיין אינדיע אַלס אָרימע פּליטים. זיי האָבן זיך גענומען צוריק אויפבויען אין אַמריטסאַר, אויף דער אינדישער זייט, זייערע טעמפּלען און זייער באַנייט לעבן. זיי זענען געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע קהלה, אויסהאַלטנדיק זיך אַליין. זיי לעבן זייער אייגן קהלה־לעבן. זייענדיק כמעט א אייגן „מלוכהלע" אינעם גרויסן אינדיע.

די קאַמי־טראַגעדיע פון דער דאָזיקער צעטיילונג איז, אז אין היינטיקן אינדיע לעבן נאָך סיי־ווי אַן ערך 35 מיליאָן איסלאַמער־אינדיער, און אין פּאַקיסטאַן לעבן אַ 15 פּראָצענט הינדוסן.

בערך 15 מיליאָן איינוואוינער זענען געוואָרן פּליטים, לויפנדיק, בעת דער צעטיילונג, פון איין אָרט צום צווייטן.

אַ דאַנק דער דאָזיקער צעטיילונג זענען ביידע לענדער נאָך היינט צווישן די אָרימסטע אין דער וועלט.

די שיקיסטן קעמפן אָבער שטאַרק אויפצוהאַלטן זייער קיום אין אַ צעטיילטע אינדיע. זיי האַלטן זיך בעענטער צו די הינדוסן, ווי צו די הערשנדיקע מאָסלעמס אין פּאַקיסטאַן.

בסך־הכל זענען געבליבן 6 מיליאָן שיקיסטן. אַ „שיקיסט" ווערט מען פאַררעכנט לויטן געבורט. דעריבער ווערט זייער קהלה כסדר קלענער.

זיי שטרעבן צו שאַפן אַן אייגענע מדינה שיקיסטאַן. זיי גלייבן, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן זיי אויפבויען אַ פּאָליטישן סטאַטוס פון פיזישן קיום, רעליגיעזער טאָלעראַנץ און גייסטיקער ברודער־שאַפט.

# הינדואיזם

## הינדואיזם — רעליגיע מיט טויזנטער געטער

הינדואיזם איז די רעליגיע פון 85 פראָצענט פון אינדישן פאָלק.

אינדיע האָט היינט אַ באַפעלקערונג פון העכער אַ האַלבן מיליארד מענטשן. די אינדישע באַפעלקערונג רעדט אויף אַן ערך 200 שפּראַכן מיט אַ געמיש פון נאָענט צו 900 דיאַלעקטן.

די הינדו־רעליגיע איז א פּאָליטעאיסטישע און פּאַנטעאיסטישע. זי ווייסט נישט אָנצוגעבן דעם נאָמען פון איר גרינדער. וויסנשאַפטלער האַלטן אַז די רעליגיע איז שוין אַלט פינף טויזנט יאָר.

אין דער הינדו־רעליגיע זענען פאַראַן עטלעכע טויזנט געטער. די וויכטיקסטע פון זיי זענען: „בראהמא" — דער „הויפּט־גאָט"; „ווישנו" — דער „גאָט פון גוטס"; און — „שיווא" דער „גאָט פון שלעכטס און פינצטערניש". דער דאָזיקער „דריי בונד" איז אָבער „איינס", ווייל אַלע שעפן זייערע כוחות פון „גאָט בראהמא".

רעליגיע־פאָרשער האַלטן, אַז פון דעם הינדואישן דריי־בונד האָבן די קריסטן גענומען זייער טעאָלאָגישע „דריי־איינִיקייט".

די הייַנטיקע מאָדערנע אינדיע טענהט, אַז זי איז נישט קיין רעליגיעזע מלוכה, נאָר אַ וועלטלעכע, וועלכע פאַראייניקט אַלע רעליגיעס.

לייב שטשעקאטש־ראזען

# אינדישע באַפעלקערונג צעטיילט אין טויזנטער קאַסטעס

דאָס גאַנצע סיסטעם פון מלוכה־לעבן, ווי פון יעדן איינ־ווױנער אין אינדיע, איז געבויט אויפן קאַסטע־סיסטעם.

די אינדיע־געזעלשאַפט איז איינגעטיילט אין אן ערך פון דריי טויזנט קאַסטעס.

לויט דער אינדישער „פילאָזאָפיע", אין וועלכער זיי גלויבן „באמונה שלימה", איז יעדער הינדו געבוירן אין אַ קאַסטע. פון דער קאַסטע קען מען נישט אַרויס. ווערט מען געבוירן אין אַ „בראהמא"־משפחה — מוז מען בלייבן א בראהמאנער אויף אייביק. אַלע געבוירענע קינדער אין אַזאַ משפחה זענען אויטאָמאַטיש קינדער פון דער „בראהמא"־קאַסטע, צי מען איז אַ גביר, צי אַ בעטלער. דאָס זעלבע איז מיט אַ „פּאַריער" — די „נידעריקסטע", פאַרשאַלטענע קאַסטע — פון דער קאַסטע קען מען קיינמאָל נישט אַרויס, אָן אונטערשיד צי מען איז אַ גביר אָדער בעטלער.

אויף אינדיש לשון הייסט קאַסטע — „װארנא", פאַרב. דער אונטערשייד אין די קאַסטעס זאָל זיך נעמען פונעם אונטערשייד פון די ראַסעס און הויט־קאָליר פון דער אינדישער געמישטער באַפעלקערונג.

# היטלער גערישנט דעם האַקן-קרייץ פון אינדיע

פאַרשער האַלטן, אַז דאָס קאַסטן־סיסטעם איז געוואָרן איינ־געפירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען ווילדע צענטראַל־אַזי־יאַטישע שבטים האָבן פאַרכאַפּט אינדיע און פאַרשקלאַפט די איינגעבוירענע אינדיער. די פאַרכאַפּערישע שבטים האָבן זיך גערופן „אריער", „לאַרדן", זיגבאַרע „העכערע" מענטשן. זייערע אונטערטעניקע האָבן זיי געמאַכט פאַר שקלאַפן, און זיי איינ־

געטיילט אין קלאַסן פון „חשובערע״, פּעאיקערע, און „נידעריי־קערע״.

אַרכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען האָבן דאָרט געפונען סמנים פון האַקן־קרייץ, אַלס סימבאָל פון דער לבנה, צו וועלכער זיי האָבן געדינט.

פאַראַן באַגרינדעטע מיינונגען, אַז היטלער האָט „געירשנט״ זיין פאַלשע און מערדערישע „פילאָזאָפיע״ וועגן אַן „אַריער״-ראַסע פון יענע פאַר־היסטאָרישע פאַרכאַפּער פון אינדיע. זייער סימבאָל פון אַ „לבנה-גאָט״ האָט היטלער פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן „האַקן־קרייץ״, וועלכער האָט אויפן ברוטאַלסטן אופן פאַר־שניטן זעקס מיליאָן אומשולדיקע יידישע לעבנס.

היסטאָריש איז „אַריער״ דער נאָמען פון אַ פאַרצייטיקן אינדיש־איראַנישן שבט, וועלכער זאָל האָבן גערעדט אויף דער דאָזיקער שפּראַך. עטנאָלאָגן באַטראַכטן אַלס פאַלש און גרונטלאָז, אַז דאָס וואָרט „אַריער״ זאָל האָבן אַ שייכות מיטן באַגריף „ראַסע״, צו וועלכן עס האָבן זיך „געיחסנט״ די מערדערישע היטלעריסטן.

## „הויכע״ און „נידעריקע״ קאַסטעס

די הינדו־געזעלשאַפט, וועלכע באַטראַכט הינדואיזם אַלס די נאַציאָנאַלע רעליגיע פון אינדיע, איז אָפיציעל איינגעטיילט אין 4 הויפּט-קאַסטעס: — „בראַהמאַנען״־קאַסטע, וועלכע באַשטייט פון די פּריסטער און גייסטיקע פירער פון פאָלק. דאָס איז די העכסטע און אַממייסטן מיוחסדיקע קאַסטע, די „הויכע געזעלשאַפט״, וועלכע געניסט פון אַלע פּריווילעגיעס פון לאַנד. למשל, מיטגלידער פון דער נעהרו־משפּחה געהערן אויך צו די קאַסטע, כאָטש זיי זיינען נישט קיין פּריסטער, נאָר פּאָליטישע פירער. צו דער קאַסטע געהערן היינט אויך פּאָליטיקער, אינדוסטריעלער, באַנקירן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און ענלעכע פרייע פּראָפעסיעס.

נאָכדעם קומט די „קשאַטריא״-קאַסטע, פון רעגירער פון לאַנד און די מיליטער־לייט.

נאָכדעם קומט די „וואַשיא״־קאַסטע פון סוחרים. דער אינ־דישער פרייהייט־קעמפער מאַהאַטמאַ גאַנדי האָט געהערט צו דער דאָזיקער קאַסטע.

נאָכדעם קומט די „שודרא״־קאַסטע פון פויערים און אַר־בעטער.

די ערשטע דריי קאַסטעס זענען די מיחוסדיקע. זיי האָבן די זכיה צו ווערן „צוויי מאָל געבוירן״ אין זייער בחורשאַפט. זיי טראָגן אויפן קערפּער אַ ספּעציעלע „הייליקע קמיע״.

די דריי קאַסטעס באַשטייען אמיינסטן פון די העל־הויטיקע „אַריער״, וועלכע זענען מיט טויזנטער יאָרן צוריק געווען די פאַרכאַפּער פון אינדיע און פאַרשקלאַפער פון די איינוווי־נער.

טייל האַלטן אַז די דאָזיקע „אַריער״ זענען אָפּשטאַמיקע פון גריכישע און רוימישע שבטים, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט קיין אינדיע די סאַנסקריט־שפּראַך — אַ געמיש פון גריכיש, לאַ־טייניש און ענגליש. די דאָזיקע דריי קאַסטעס באַנוצן זיך טאָקע מיט די „וועדאַס״, זייערע הייליקע שריפטן אין סאַנסקריט.

חוץ די דערמאָנטע 4 קאַסטעס זענען אָבער פאַראַן טויזנטער „נידעריקערע״ קאַסטעס, און צום סוף — די „נידעריקסטע״ פון אַלע — די „אויסגעשפּיגענע״, די „פּאַר־יער״, און די אויס־לענדער, וועלכע ווערן נישט צוגעלאָזן צו די בראַהמאַנישע תפי־לות און נישט אין זייערע טעמפּלען.

## קאַמף פון פּריווילעגירטן גאַנדי לטובת זעכציק מיליאָן „טמאים״

מאַהאַטמאַ גאַנדיס קאַמף איז געווען גאָר באַזונדער צו רע־פאָרמירן דאָס הינדו־סיסטעם און אָפּשאַפן די סאָציאַלע און רע־

ליגיעזע דיסקרימינאַציעס קעגן די „אויסגעשפיגענע" און „טמאים"
טראָץ דעם וואָס גאַנדי האָט געגנאַסן פון אלע פריווילעגיעס פון זיין מיוחסדיקער קאַסטע איז ער געוואָרן דער פרייהייטס-קעמפער פאַר אַלע דיסקרימינירטע און באַעוולטע.

די אַנגעהעריקע צו די באַזונדערע קאַסטעס דאַרפן זיך פאַר־נעמען מיט באַזונדערע באַשעפטיקונגען, אַפילו עסן באַזונדערע שפייזן, און נישט קומען אין צווייטנס געזעלשאַפט.

עס איז געקומען צו אַזאַ קאָמישער „באַטירלעכער" דערשייר נונג, אַז פישערס, למשל, וואָס ציען זייער נעץ פון דער רעכ־טער זייט — געהערן צו אַן אַנדערער קאַסטע פון די פישערס וואָס ציען זייער פישער־נעץ פון דער לינקער זייט טייך. ענלעכעס איז מיט די וואָס זענען ספּעציאַליזירט אין מאַכן גרויסע טעפּ — זיי געהערן צו אַן אַנדער קאַסטע, ווי די וואָס מאַכן קליינע טעפּ... דאָס זעלבע איז נוגע אַלע צווייגן בעלי־מלאכות, פויערים און אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

צו דער „אויסגעשפיגענער", פּאַריער־קאַסטע געהערן הע־כער 60 מיליאָן אינדיער. צו דער העכסטער, בראַהמאַנישער מיו־חסדיקער קאַסטע געהערן אַן ערך 8 מיליאָן אינדיער.

## הינדואיזם באַרעכטיקט סיסטעם פון מענטשן־קאַסטעס

יעדער גלייביקער אין דער הינדו־רעליגיע, אַן אונטערשיד פון קאַסטע אָדער שטאַנד, זאָגט טעגלעך די פאָלגנדיקע תפילה:

> אָ, געטער! אַלע אייערע נעמען און געשטאַלטן זאָלן זיין געבענטשט, באַליבט, און באַגריסט; אַלע פון אייך וועלכע שטראָמען פון הימל און ערד — הערט זיך צו צו מיין תפילה („ריג-וועדא", 6310).

אַ צווייטע תפילה וואָס ווערט געזאָגט טעגלעך פון יעדן הינדו איז:

אָם - לאָמיר מתפלל זיין צום הייליקן ליכט פון דער בלענדנדיקער זון; זאָל דאָס אויפוועקן אונדזער פאַר־שטאַנד („ריג־וועדאַ", 3).



דער הייליקער סימבאָל „אָם", אין סאַנסקריט־שריפט, סימבאָליזירט געטלעכע הייליקייט פון הינדואיזם

דאָס וואָרט „אָם" ווערט ארויסגעזאָגט מיט אַ ספּעציעלן 4־טאָניקן ניגון און עס ווערט באַטראַכט ווי אַ מיסטישער סימבאָל. דאָס וואָרט ווערט באַנוצט אפילו ביים אָנהייבן שרייבן אַ בריוו, אָדער אַן עקזאַמען־פּאַפּיר, אזוי ווי, להבדיל, ביי פרומע יידן דאָס וואָרט ב"ה, אָדער בסיעתא דשמיא. דאָס וואָרט „אָם" ווערט אויך געזאָגט פאַרן אָנהייב פון יעדן עסן, און פאַרן אָנהייב פון יעדער תפילה. בפרט פאַרן אָנהייבן לייענען פון די הייליקע שריפטן, די „וועדאס".

די הינדו־פילאָזאָפיע וועגן גאָט און געטלעכקייט איז ווי אַ לאַבירינט פון באַגריפן וועגן רעליגיאָזיטעט. הינדואיזם גלייבט אין אַ „גאָט פון פייער", „אַ גאָט פון ווינט", אַ „גאָט פון דער זון", און אין טויזנטער אַנדערע „געטער". דער „גאָט פון אוניווערס" האָט באַשאַפן די געזעצן פון מאָראַל און עטיק. די דאָזיקע גע־זעצן האָבן זייער יסוד אין דער מעטאַפיזיק. מען באַקומט שכר פאַר מעשים טובים, און שטראָף פאַר רשעות און חטאים.

בדרך כלל פאַרנעמט די טעאָלאָגיע ווייניק אָרט אין דער

הינדו־רעליגיע. דער עיקר אין הינדואיזם איז דער פרינציפ פון מ אָ נ י י ז ם , די פאַרקערפּערונג פון אַלע געטער און פון אַלע לעבעדיקע וועזנס אין איין העכערן באַגריף פון קיום.

## גלויבן אין גלגול הנשמות

הינדואיזם איז געבויט אויף דער אידיי, אַז אַלץ איז פאַר־אורטיילט צום פאַרשווינדן. דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט ווידער געבוירן און איבערגעבוירן — גלגול הנשמות. הינטער דער אומ־זיכערער מאַטעריעלער וועלט — עקזיסטירט אַ רייגער און אייבי־קער גייסט, דער אומזעבאַרער כוח פון אַלעם וואָס עקזיסטירט.



וואַסערו־חיה, „מאַקאַראַ״, דער „גאָט פון ליבע״ לויט דער הינדו־רעליגיע



„שלאַנגען זענען האַלב־הייליק אין אינדיע; זיי האָבן זייער אייגענעם „גאָט״

היות די פיזישע וועלט איז אַ צייטווייליקע און פאַראיבערגייענדיקע — אַ פּרוזדור צום טרקלין — דעריבער זענען אַלע ערדישע פאַר־לאַנגען הבל־הבלים. דאָס, דער ווילן פון ערדישע פאַרלאַנגען, איז די סבה פון אלע מענטשלעכע ליידן. דער מענטש קאָן געפונען אַביסל שלווה נאָר אין קאָנטראָלירן דעם יצר, די מענטשלעכע פאַרלאַנגען. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן ביים מכוון זיין נאָר אין איין אמת — ג אָ ט .

דער ענד־ציל פון הינדואיזם איז דעריבער צו דערגרייכן הכרת אלוקית און זיך פאַראייניקן מיט גאָט — דעם אייביקן גייסט, וועלכן זיי רופן „בראהמאן״. דאָס איז נישט „בראהמא״ דער גאָט, אָדער די כהנים־קאַסטע „בראהמאנס״. פאַראייניקן זיך מיט גאָט קאָן מען נאָר דורך אָפּהיטן די אידעאַלן פון דער הינדו־עטיק: — זעלבסט־קאָנטראָל, לעבן מיט אמת, צדק, טהרה, צדקה און רחמנות אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן.

## מענטשנס גורל אפגעחתמעט פאר זיין געבוירן ווערן

אויב מען דאַרף רחמנות האָבן אויף אַלע באַשעפענישן — פאַרוואָס ווערט טאָלערירט דער סיסטעם פון קאַסטעס, פון פּריווי־לעגירטע און באַוולהטע מענטשן?

הינדואיזם פאַרענטפערט דאָס אויף אַזאַ אופן: — יעדער מענטש ווערט געבוירן אין זיין אייגענעם מזל. דאָס ווערט באַ־שטימט נאָך פאַר זיין געבוירן ווערן. ווען דער מענטש ווערט געבוירן — איז זיין מזל שוין אָפּגעחתמעט פריער אויס, צו וועל־כער קאַסטע ער זאָל געהערן.

אַז אַ קינד ווערט געבוירן ביי עלטערן פון אַ „העכערער״ קאַסטע איז א סימן, אז זיין פריערדיקער „גלגול״ האָט געטאָן גוטע מעשים. דאַקעגן, אויב אַ קינד ווערט געבוירן ביי עלטערן פון אַ „נידעריקער״ קאַסטע — איז אַ סימן, אַז זיין פריערדיקער „גלגול״

האָט געטאָן ווייניקער גוטע מעשים. דעריבער. האָט קיין שום מענטש נישט קיין רעכט צו האָבן טענות וועגן גורל פון זיין לעבן, און וועגן זיין געהעריקייט צו אַ קאַסטע. דאָס איז „באַטירלעך״.

די איינציקע עצה וואָס אַ מענטש האָט צו פאַרבעסערן דעם גורל פון די קומענדיקע דורות איז — צו טאָן גוטע מעשים, און טאָן תפלות, כדי ער זאָל זוכה זיין מגולגל־צו־ווערן אין אַ בע־סערן מענטש. אַזוי אַרום וועט ער זוכה־זיין ווידער געבוירן צו ווערן אין אַ „העכערער״ קאַסטע.

דעריבער וואַרט אָפּ אַ הינדו זיין טויט. ווען אַ הינדו שטאַרבט, זענען די קרובים מתפלל צו זייער „גאָט״, אָדער געטער, אַז די נשמה פון שטאַרבנדיקן זאָל צוריק מגולגל־ווערן אויף אַ גוטן אופן. זיי גלויבן באמונה שלימה, אז נאָכן טויט גייט דער הינדו אַרויף אין גן־עדן, אָדער גיהנום — לויט זיינע מעשים טובים אָדער שלעכטע מעשים.

הינדואיסטן גלייבן, אז מיט תפילות קאָנען זיי ענדערן דעם גזר־דין פון נפטרס נשמה.

דער קאַסטע־סיסטעם ווערט אין הינדואיזם באַטראַכט נישט־דווקא פון געזעלשאַפטלעכן, צי סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, נאָר פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט פון „גלגול״.

הינדואיסטן האַלטן אויך, אַז אַ מענטש פון אַ „העכערער״ קאַסטע איז טאַקע באַרעכטיקט צו מער פּריווילעגיעס אין לעבן. ער האָט אָבער גלייכצייטיק מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער דער עיקר דאגה זיינע איז, אַז פון זיין „פּריווילעגירטער״ נשמה זאָל חלילה נישט געבוירן ווערן נאָך זיין טויט א מיטגליד פון אַ „נידעריקער״ קאַסטע...

כדי זוכה־צו־זיין צו זיין אַ הינדו — מוז מען געבוירן ווערן אין אַ קאַסטע, און אַקצעפּטירן די „וועדאס״, די הייליקע שריפטן געשריבן אין דער סאַנסקריט־שפּראַך.

קאַסטע־מיטגלידער וועלכע וואַרפן־אָפּ די „וועדאס״ — ווערן נישט באַטראַכט אַלס הינדוס.

ל י י ב  ש ט ש ע ק א ט ש ־ ר אָ ז ע ן

# העכסטער גייסטיקער תענוג פון א הינדו

די הינדו־טעאָלאָגיע וויל אויך באַרעכטיקן דעם קאַסטע־סיס־טעם מיטן אויסטייטש, אַז נאָר דורך פאַרבלענדעניש זעען מיר פאַרשיידנאַרטיק אין קיום. דער אילוזאָרישער „איך" און „דו" האָט דעם יסוד אין אַ העכערן הייליקן „איינער". דאָס איז „בראהמא". ער, „בראהמא", איז דער געטלעכער יסוד פון אַלעם; ער פאַראיי־ניקט אַלע און אַלץ.

אַז מ'קומט־צו צו דער דאָזיקער הכרה — פאַרשווינדט דער עגאָ, און אַלץ פאַראייניקט זיך צוריק אין „בראהמא". דאָס באַ־פרייען זיך פון עגאָ־געפיל, איז דער העכסטער גייסטיקער תענוג פון אַ הינדו.

די הינדו־פילאָזאָפיע וויל אָבער זיין אַבסאָלוט זיכער אין איר אייגענעם אמת — פרעגט זי זיך אַליין: — „אויב גאָט איז אין דער וועלט — צי איז די וועלט גופא נישט ג אָ ט" ?

דער הינדו־ענטפער איז: — גאָט איז אין דער וועלט, און גלייכצייטיק איבער דער וועלט, אין־סופיק, אָן־אַ־שיעור מער ווי די וועלט.

הינדו־חוקרים פרעגן אויך: — אויב אַ „טייל" פון גאָט איז אין דער וועלט, און א „טייל" איבער און אויסער דער וועלט — צי איז גאָט „צעטיילבאַר"? אויב יאָ — ווי אזוי קען ער זיין א יי נ ס ? . . .

די הינדו־טעאָלאָגן באַמיען זיך אויך צו דערקלערן וואָס איז „בראהמא"? זיי האַלטן, אַז פאַקטיש קאָן דאָס קיינמאָל נישט דערקלערט ווערן אין גענויע טערמינען. אין זייער פילאָזאָפיש־עפּישן „מאהאבהאראטא", באַמיען זיי זיך יאָ צו געבן אַן ענט־פער. דער ענטפער איז אָבער אַזוי לאַנג און קאָמפּליצירט, אַז ער פאַרפּלאָנטערט מער ווי ער קלערט־אויף.

אַ הינדו־וויסנשאַפטלער האָט דאָס כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן: — אינדיע איז אַ מדינה וואָס קאָנצענטרירט אַ סך קליינע

מדינהלעך. הינדואיזם איז מער אַ „קאָנגרעס פון רעליגיעס״ ווי אַן איינציקע רעליגיע. טראָץ דעם פאַראייניקט אַלע אינדישע קאַס־טעס דער גלויבן אין ה י נ ד ו א י ז ם.

## הינדואיזם וויל איינשלינגען אלע רעליגיעס

אַ הינדו־פילאָזאָף האָט דערקלערט הינדואיזם אויף אזא אופן: אַלץ אין לעבן איז צייטווייליק, פאַראיבערגייענדיק. חוץ — דעם גייסט. דאָס איז אייביק. דער מענטש איז, דעריבער, מחויב כסדר צו טראַכטן וועגן מענטשס ליידן, וועגן גורל פון זיין דאָ־זיין, ביז ער דערגרייכט צום העכסטן שטאַפּל פון התגלות (גייסטיקער, אָדער געטלעכער התגלות). מחמת נישט יעדער קען עולה־זיין צו אזא מדרגה — מעג יעדער מענטש אויסקלייבן זיין אייגענעם וועג לויט זיין שכל און גייסטיקן באנעם — פון „דינען גאָט״ און מתפלל זיין צו גאָט. דעריבער ווערן טאָלערירט אָפּגעטער און אַלערליי פאָרשטעלונגען וועגן גאָט. דער ענד־ציל איז אָבער צו געפינען דעם ריכטיקן „אייגענעם״ וועג צו גאָט, און ערלעך שטרעבן צום אמת.

פאַראַן אויך הינדו־פילאָזאָפן און מיסטיקער וועלכע גלייבן, אַז מען קען „געפונען גאָט״ אין יעדער רעליגיע. דעריבער אנער־קענען זיי אלע רעליגיעס.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה איז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ווען עס איז אַנטשטאַנען די בודהיסטישע רעליגיע, וועל־כע האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן הינדואיזם — האָט די הינדו־רע־ליגיע אקצעפּטירט אַ סך פּרינציפּן פון דער בודאַ-רעליגיע. דאָס האָט גורם געווען צו פאַרשטויסן דעם בודהיזם פון אינדיע, ווייל — בודהיזם האָט שוין נישט געהאַט קיין סך מחדש־צו־זיין פאַרן הינדו... הינדואיזם האָט געטאָן דאָס זעלבע מיטן קריסטנטום. ווען קריסטנטום האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען קיין אינדיע — האָט

די הינדו־רעליגיע „פאַרכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ" — זי האָט אָנגענומען אַ ריי קריסטלעכע פּרינציפּן און פאַרשטויסן דאָס קריסטנטום פון אינדיע. אינדישע קריסטן זענען היינט בלויז צוויי (2) פּראָצענט פון דער אינדישער באַפעלקערונג.

וועגן מהות פון הינדואיזם זענען פאַראַן אַן אַ שיעור פילאָזאָפיעס. פונקט ווי זייערע אָפּגעטער האָבן נישט קיין פאַקטיש ממשותדיקייט — אַזוי איז אויך מיט אַ סך פון זייערע פילאָזאָפיעס.

אינדיע האַלט זיך אָבער אַלס די אַמיינסטן־רעליגיעזע נאַציע אין דער וועלט.

איינער פון די גרויסע רעליגיעזע רעפאָרמער אין אינדיע, שרי ראַמאַקרישנא (1836 ־ 1886), האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק געפּרעדיקט, אַז „אַלע רעליגיעס זענען אמת, זיי גייען נאָר אויף פאַרשידענע וועגן צום זעלביקן ציל". דעריבער דאַרפן זיי זיך פאַראייניקן. הינדואיזם, פונקט ווי אינדיע, — האָט ער געטענהט — שטרעבט צו אַן אוניווערסאַלער טאָלעראַנץ.

אין איבער הונדערט צענטערט אין דער וועלט לערנט מען זיינע טעאָלאָגישע פילאָזאָפיעס.

מאהאטמא גאַנדי האָט געזאָגט וועגן אים, אז ער האָט אונדז דערמעגלעכט צו „זעען גאָט פנים אל פנים"...

## פאַראייניקן רעליגיעס — כדי צו פאַראייניקן די מענטשהייט

דער אינדישער דענקער און געוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון אינדיע, ראַהאַקרישנאַן, האָט געפּרעדיקט אַן אַבסורדאַלע אידיי פון „פאַראייניקן" די 4 רעליגיעס — הינדואיזם, בודהיזם, קריסטנטום און איסלאַם, כדי אַזוי אַרום צו דערפירן צו אַ „פאַראייניקטער מענטשהייט".

ווייזט אויס, אז ער איז געווען אן אוטאפיסט, א טרוימער, אדער — ער האט נישט געקענט די יסודות פון די רעליגיעס.

ווי אזוי די „גרויסע אידייען" פון אינדיע, דערונטער די פרעטענזיע צו „אוניווערסאלער טאלעראנץ", זעען אויס אין דער ווירקלעכקייט, בעיקר ווען עס האנדלט זיך וועגן יידן, איז לייכט צו זען אין אונדזערע טעג אין דער אנטי־ישראל־פאליטיק פון אינדיע, בראש איר פרעמיער־מיניסטער פרוי גהאנדי; אין די אנטי־ישראל־ארויסטריטן פון די אינדישע פארשטייער אין דער פעלקער־ארגאניזאציע אונ"א; אין אינדיעס נישט־אנערקענען מדינת ישראל, און אין אינדיעס סימפאטיע מיט ישראלס שונאים, די מאכמעדאנישע אראבער.

## הונגער, עפידעמיעס און — חתונות פון קינדער

אינדיע פארשלעפערט די מאסן מיט פילאזאפיעס און — פארמאכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט.

יעדעס יאר ווערן דארט געבוירן 25 מיליאן קינדער.

טראץ דער גרויסער שטערבלעכקייט ווערט די באפעלקערונג גרעסער יעדעס יאר מיט 15 מיליאן נפשות.

אפילו נאכן פארטרייבן דעם ענגלישן אקופאנט, וועלכער האט דארט געהערשט 300 יאר, און טראץ אינדיעס גרויסן דראנג נאך טעכנישן פראגרעס, הערשט אין לאנד הונגער, קראנקהייטן, עפידעמיעס און אן איבערנאטירלעכע שטערבלעכקייט.

אמעריקע העלפט באשפייזן מיליאנען הונגעריקע אינדיער, וועלכע ווערן, אזוי ארום, אפגעראטעוועט פון זיכערן טויט. דאס שטערט אבער נישט דעם אינדישן „געוויסן" צו זיין קעגן אמעריקע און מיטהעלפן די קעגנער פון אמעריקע.

די הינדושע מאראל דערלויבט פאליגאמיע, פונקט ווי עס איז דערלויבט אין מאכמעדאניזם.

זינט 1929 איז פאַרבאָטן מיידלעך חתונה צו האָבן ייִנגער פון 14 יאָר אַלט. יאָרן פריער האָט מען אין אינדיע געהאַט פאַרנאָטירט קנאַפּע דריי מיליאָן חתונה־געהאַטע מיידלעך אונטער — 10 (צען!) יאָר, און 300 טויזנט אלמנות אונטער — 15 יאָר. היינט, נאָכן אָפיציעלן פאַרבאָט, גיט מען אָן פאַלשע געבורטס־דאַטעס, כדי צו קאָנען אָפיציעל חתונה האָבן ייִנגער פון דער דערלויבטער צייט.

אלמנות טאָרן נישט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן. אַמאָל האָט זיך געפירט, אַז ווען אַ הינדו־מאַן איז געשטאָרבן, האָט מען אים „מיטגעגעבן" זיין — ווייב... — די אלמנה האָט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין קבר מיטן מאַן. דערביי האָט מען צוגעזאָגט אַ פּאָר פּסוקים פון הינדואיזם, און אַ פּאָר תפילות צו איינעם פון די הינדו־געטער, אַז די נשמה פון דער אלמנה זאָל באַקומען אַ „תיקון" און ווידער־געבוירן־ווערן אין אַ „בעסערן גלגול".

די „הייליקייט" פון הינדואיזם האָט באַרעכטיקט דאָס אַלעס. היינט ווערט שוין נישט פּראַקטיצירט דער דאָזיקער „הייליקער" מנהג.

## חוץ אָרעמקייט און פילאָזאָפיעס — רייכע מאַהאַראַדזשעס

גלייכצייטיק מיט דער אומגעהויערער נויט און אָרעמקייט, און מיטן מבול פון פילאָזאָפיעס און געטער — פאַרמאָגט אינדיע אַ קאַסטע פון מאַהאַראַדזשעס, די רייכסטע פּרינצן פון דער וועלט, וועלכע וווינען און לעבן אין לעגענדאַרע שיינע פּאַלאַצן פון לוקסוס און ווילטאַג.

ווען אינדיע איז צעטיילט געוואָרן צווישן די הינדוסן און איסלאַמיסטן — האָט דער ענגלישער אָקופּאַנט געהאַט גרויס קאָפּ־ווייטיק ווי אַזוי צופרידנצושטעלן אַלע מאַהאַראַדזשעס פון די פּראָווינצן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געדינט די אינטערעסן פון

ענגלאַנד. די הונדערטער פּרינצן האָבן געקאָנט אָרגאַניזירן זייערע שקלאַפן צו אויפשטאַנדן און בלוטיקע אומרוען. האָט ענגלאַנד געפונען אַ „פּשרה״ — יעדער מאַהאַראַדזשאַ מעג זיך אָנשליסן צו אינדיע, אָדער פּאַקיסטאַן, אָבער ער בלייבט ביי זיין לאָקאַלער „מאַכט״. די מאַהאַראַדזשאַס האָבן סיי ווי נישט געהאַט קיין אַנ־דער ברירה, מחמת זיי האָבן זיך געמוזט אָנשליסן אינעם לאַנד, וואָס האָט איבערגענומען זייער טעריטאָריע.

געווען געגנטן, ווו די באַפעלקערונג איז געווען איסלאַמיש און דער מאַהאַראַדזשאַ — אַ הינדו. אַזאַ געגנט איז געווען קאַשמיר. די געגנט ליגט גראַד צווישן אינדיע און פּאַקיסטאַן. קאַשמיר האָט געהאַט אַ ברירה זיך אָנצושליסן אין איינער פון די צוויי מדינות. דערווייל האָט פּאַקיסטאַן, מיטן כוח פון „מחמדס שווערד״, אַריינ־געשיקט עטלעכע אירע באַוואָפנטע מאַכמעדאַנישע שבטים. דער אָרטיקער מאַהאַראַדזשאַ, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַרן בעל־הבית פון דער געגנט, איז פאַר מורא אַנטלאָפן קיין ניו־דעלהי און זיך אָנגעשלאָסן אין „זיין״ הינדואישן אינדיע.

אינדיע האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון הינדואיזם און הינדו־מאַהאַראַדזשאַ און — פּראָקלאַמירט קאַשמיר אַלס באַשטאַנד־טייל פון אינדיע.

פּאַקיסטאַן האָט אָבער געטענהט, אַז היות דער מאַהאַראַדזשאַ איז אַנטלאָפן — איז ער אויס בעל־הבית און ער קען מער נישט דעצידירן וועגן גורל פון איסלאַמישן קאַשמיר. פּאַקיסטאַן האָט ווידער גענומען צו הילף „מחמדס שווערד״, אַריינגעשיקט אַן אַרמיי און — פאַרכאַפּט קאַשמיר.

קאַשמיר האָט אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע 5 מיליאָן מענטשן, מיט אַ גרינעם טאָל פון אַ גוטער אַגריקולטור־געגנט און געהערט צו די שענסטע ערטער אין דער וועלט. דאָס „רעדט מער״ ווי פילאָזאָפיעס און טעאָלאָגיעס.

לייב שמשעקאטש-ראזען

## איין ענטפער אויף אַלע וועלט-פּראָבלעמען — הינדואיזם

אינדיע האַלט זיך פעסט אין די פילאָזאָפיעס פון הינדואיזם, אַז די „וועלט האָט שוין עקזיסטירט און איז ווידער אויפגעשטאַנען תחיית המתים". דער דאָזיקער פּראָצעס איז אַ פּערמאַנענטער. דער „גאָט בראַהמאַ" — באַשאַפט די וועלט; דער „גאָט ווישנו" — שפּייזט די וועלט; און דער „גאָט שיוואַ" — צעשטערט די וועלט. דער „גאָט בראַהמאַ" באַשאַפט אָבער אויפסניי יעדע וועלט פון די אייביק־עקזיסטירנדיקע כוחות.

דעריבער איז צו אַלע וועלט־פּראָבלעמען פאַראַן איין רפואה — „הינדואיזם"...

הינדואיזם לייקנט אויך אָפּ דעם באַגריף, אַז די וועלט איז באַשאַפן אַ „יש מאין"; דער „גאָרנישט" איז פאַרניכטעט. די עקזיסטירנדיקע פאָרמען טוישן זיך נאָר פון צייט צו צייט פונקט ווי מענטש און חיה, גוטס און שלעכטס, ליידן און פריידן. אויב דער מענטש וועט קאָנען צוקומען צו אַ מצב פון אינערלעכער רו, שלוות הנפש — דאַמאָלט וועט ער האָבן דערגרייכט דעם ציל פון קיום, פון מענטשלעכן דאַ־זיין.

## הינדואיזם פּרעטענדירט צו זיין דער „ראש פון אלע רעליגיעס"

וועט הינדואיזם זיך פאַרמעסטן קעגן קריסטנטום?

„הינדואיזם" איז די אממיינסטן קאָמפּליצירטע פילאָזאָפישע טעאָלאָגיע צווישן די וועלט־רעליגיעס.

הינדואיזם — איז אַ געמיש פון מיסטיציזם פון פילאָזאָפיעס און אומבאַוווסטער אנימיזם פון צענדליקער מיליאָנען אלפאבעטישע און אָרימע פאָלקס-מענטשן.

עס איז א ווייטער מהלך פון די הינדו־פילאָזאָפיעס, זייערע אינטערפּרעטאַציעס, קאָמענטאַרן און טויזנטער איבערזעצונגען. ביז זייער רעאליזירונג אין דער פּראַקטיק.

טייל פאָרשער זעען אין הייניטיקן הינדו־אינדיע אן אויפוואך פון אַ דורותדיקן חלום פון אַ גרויס פאָלק.

טייל האַלטן אויך, אַז עס וועט נישט נעמען א סך צייט ביז הינדואיזם וועט זיך פארמעסטן קעגן קריסטנטום, נישט נאָר אין אינדיע נאָר אויך אין דער מערבדיקער וועלט. אַזאַ „נביאות" נעמט זיך בעיקר צוליב די שטייגענדיקע רעפאָרם־באַוועגונגען אין הינדואיזם, צוזאַמען מיט אַן אויפגייענדיקער ציוויליזאַציע פון בילדונג און אינדוסטריאליזאַציע.

אינדיע האָט נישט שטארק מורא פארן איינפלוס פון איסלאַם. ווייל זי באַטראַכט דעם איסלאַם פאַר צופיל אָפּגעשטאַנען און נישט־ציוויליזירט. די אינדיער האָבן שטאַרק פיינט דעם איסלאַם וועלכער האָט זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות — פאָליטישע און רעליגיעזע. פון קריסטנטום האָבן זיי ווייניקער געליטן. זיי האָבן אָבער יאָ מורא פארן קריסטנטום, וועלכעס באאיינפלוסט די אָממיינסטן ציוויליזירטע לענדער.

אינדיע האָט אָבער גענוג אייגענע, לאָקאַלע, פּראָבלעמען. אז זי זאָל זיין נישט פעיק צו א נאַאיוון, פאנאטישן פארמעסט מיטן קריסטנטום.

## דער כח פון שווייגן

הינדואיזם טענהט, אז זי איז אַלט 6.000 יאָר און אַז זי איז דער „ראש פון אלע רעליגיעס". עס איז כאראקטעריסטיש, אז הינדואיזם האלט זיך אויף קעגן די אָנגריפן פון אנדערע רעליגיעס. טראָץ דעם וואָס זי האָט נישט קיין היערארכיע, קיין צענטראַלע אויטאָריטעט, און א באַגרעניצטע מאָראל.

אויף טריט און שריט, אין די גאסן פון אינדיע באגעגנט מען „גורוס" — רעליגיעזע לערער, וועלכע זיצן שעהן־לאנג ארומ־געריגגלט מיט גלייביקע און צושויער, פארטיפט אין זייערע געדאנקען. פאר א גלייביקן אין אן אנדערער רעליגיע איז שווער צו באנעמען דעם כח פון אזא מיסטיציזם און פון קענען זיין פארטיפט „אין זיך", אין פולער שווייגעניש. אין אזא צייט פארגעסט דער הינדו אין אלע זיינע פליכטן און אפילו אין דער גאנצער וועלט. אלץ ווערט דאמאלט פארוואנדלט אין — „גארנישט".

הינדוס זענען לרוב מתפלל ביי זיך אין שטוב. תפילות זענען אינדיווידועלע. יעדער בעט פאר זיך, פאר דעם וואס ער ווינטשט זיך. זיי קומען אין א טעמפל נאר ביי ספעציפישע געלעגנ־הייטן פון אלגעמיינעם אדער אינדיווידועלן באדארף.

א הינדו הייבט־זיך־אויף פארטאגס און איז מתפלל צו זיין ספעציעלן גאט. ביי דער תפילה זיצט ער מיטן פנים צו מזרח, באגלייט מיט א ריי צערעמאניעס, דער עיקר — שפריצנדיק וואסער ארום זיין קערפער — אלס אויסדרוק פון טהרה — און אטעמט אפ פריי. נאכדעם גיט ער זיך אפ א דין וחשבון פון זיין עקזיסטענץ און פארגעניגנס, און וועגן גורל נאך זיין טויט — צי וועט ער מגולגל־ווערן, אין א „בעסערער" אדער „ערגערער" קאסטע.

דאס זענען די הויפט דאגות פון א הינדו.

א סך הינדוס האבן אין זייער דירה א ספעציעלע שטוב, אדער נאר א ווינקל, וווּ עס געפינט זיך א סימבאל פון זייער ספעציפישן גאט, און דארט זענען זיי מתפלל יעדן טאג. תפילות ווערן אפגעהאלטן אויף אינמיטן טאג און אין אוונט. ביי יעדער תפילה ברענגט מען מתנות די געטער, צו וועלכע מען איז מתפלל.

ביי די מאדערנע הינדוסן פון דער „העכערער" קאסטע איז שוין איינגעפירט א רעפארם — נישט יעדער דארף מתפלל זיין אליין צו זיין „גאט", נאר דער חשובסטער מיטגליד פון שטוב,

אַדער משפחה, איז מתפלל אין נאָמען פון אלע. די וואָס האָבן נישט קיין צייט, מעגן מתפלל־זיין אַ „תפילה־קצרה״.

הינדואיזם האָט אויך רעפאָרמירט דאָס „ביטערע מזל פון פרויען״, וועלכע פלעגן נישט ווערן צוגעלאָזן צו די תפילות. איצט ווערן די פרויען יאָ שוין צוגעלאָזן צו די תפילות.

מחמת פרויען האָבן אַ נאַטירלעכע, ספעציעלע ליבע פאַר קינדער — זענען פאַראַן ספעציעלע תפילות צו דער „הייליקער מוטער״ צו וועלכער עס זענען מתפלל די פרויען.

וויסנשאַפטלער ווילן זען אין דעם א השפעה פון קריסטנטום, וועלכעס האָט אַ ספעציעלן קולט פאַר דער „הייליקער מוטער״.

## ניי־יאָר — יום־טוב פאַרן „ווייב״ פון „גאָט פון מזל״

כאָטש מתפלל־זיין אין די הינדו־טעמפלען איז נישט אָבליגאַטאָריש — איז דאָס אָבער שטאַרק אָנגענומען. כמעט אין יעדן דאָרף אין אינדיע איז פאַראַן אַ טעמפל. אפילו אין קליינע ערטער קען מען זען גרויסע טעמפלען. טייל טעמפלען זעען־אויס ווי פיראַמידן, און וועגן זיי קורסירן פאַרשידענע לעגענדעס. נעבן יעדן טעמפל איז פאַראַן אַ מקווה׳לע פאַר „הייליקער טהרה״. טייל טעמפלען זענען מיט לוקסוס. אין אלע טרעפט מען אָפּבילדער פון פאַרשידענע געטער.

פאַרשידענע ימים-טובים, מיט צאָלרייכע צערעמאָניעס ווערן געפייערט לכבוד די געטער. ניי־יאָר ווערט געפייערט גאָר אימפּאָזאַנט לכבוד די געטין „לאַקשמי״ — דאָס „ווייב״ פון גאָט „ווישנו״, וועלכער ברענגט מזל און רייכקייט. צום דאָזיקן גאָט זענען ספּעציעל מתפלל פאַמיליע־מענטשן, סוחרים און — סטודענטן.

לייב שטשעקאטש-ראזען

# מיטלפונקט פון דער וועלט

פאראן אין אינדיע 7 גאָר־הייליקע טעמפּלען, וואוהין עס ציִען מאסן פּילגרימען. דער וויכטיקסטער טעמפּל געפינט זיך אין בענארעס, וואָס ווערט באטראכט פון די אינדיער אלס „מיטל־פונקט פון דער וועלט״. דאָרט פליסט אדורך דער טייך „גאנגעס״. פּילגרימען האלטן פאר א גרויסע זכיה צו באָדן זיך אין דאָזיקן טייך און אין דער זעלבער צייט הערן פון די הייליקע, וואָס זיצן דאָרט, לייענען פסוקים פון די הייליקע שריפטן.



הינדו גלויביקע זענען זיכער, אז דאָס זענען די פוס־טריט פון זייער „גאָט ווישניא״, וועלכער האָט אַדורכשפּאַצירט אַלע הימלען.

די אינדיער גלייבן, אז ווער עס איז זוכה צו שטארבן אויפן דאָזיקן אָרט — קומט גלייך ארויף אין גן־עדן. א סך אינדיער באזעצן זיך נעבן דאָזיקן טייך, כדי דאָרט צו שטארבן. די וואָס האָבן נישט אַזאַ זכיה — זאָגן אָן, אז נאָך זייער טויט זאָלן זייערע קערפּערס פארברענט ווערן ביים דאָזיקן טייך.

צווישן 10־טן און 16־טן יאָרהונדערט האָבן די איסלאמישע הערשער פארניכטעט אַ סך היסטאָרישע הינדו־טעמפּלען, און זיך באמיט אויפצוצווינגען אויף די אינדיער די איסלאמישע רעליגיע. די אינדיער קענען נישט פארגעסן די דאָזיקע געוואלד־אַקטן און אין זייערע הערצער טראָגן זיי א שנאה קעגן איסלאם.

## הינדו־רעליגיע געהאַמעוועט אינדיעס אנטוויקלונג

דער שווערער און קאָמפּליצירטער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער מצב פון אינדיע ליגט גראָד אין דער ספּעציפישקייט פון אינדיע גופא.

אינדיע האָט טאַקע נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געשאַפן פּרעכטיקע פילאָזאָפיעס און וואונדערבארע „וועדאס" — פּאָעמעס און לידער. געוועזן צייטן ווען אינדיע האָט געהאַט אויך גוטע צייטן און זיי האָבן אפילו געהערשט איבער אנדערע פעלקער. אינדיע האָט אָבער געשאַפן א רעליגיע — הינדואיזם — און א קאסטע־סיסטעם וואָס האָבן געהאַמעוועט איר אנטוויקלונג. בערך 80 פּראָצענט פון דער גרויסער אינדיע־באַפעלקערונג לעבט נאָך היינט זייער פּרימיטיוו און אָרים, און איז נישט רייף פאר א ראדיקאלער, מאָדערנער און ציוויליזירטער ענדערונג.

אין לעבן פון יעדן הינדו זענען נאָך היינט פאַראַן אויסטערלישע באגריפן פון 4 צייטן: 1) זיין יוגנט; 2) אלס פאמיליע־מענטש, דערציענדיק אַ משפחה; 3) ווען ער גייט־איבער צו לעבן אין התבודדות; און 4) ווען ער ציט־זיך־צוריק פון לעבן און ווערט אַ נזיר.

חוץ־דעם איז ד'אָרט אַ פּראָבלעם די „הייליקע קו", וועלכע איז טייערער און הייליקער ווי אַ מענטש. אינדיע פאַרמאָגט אַן „אוצר" פון 250 מיליאָן הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע „הייליקע" קי.

## פאַרוואָס איז די קו „הייליק" אין אינדיע

דער אויסדרוק „די הייליקע קו" איז געוואָרן כמעט אַ סינאָנים ביי אַלע ציוויליזירטע מענטשן אין דער וועלט. אַז מען וויל איראָניזירן וועגן אַ זאַך, אָדער אַ מענטש, אַז ער איז „אומבאַרירבאַר"

ווי אַ וויכטיקע „הייליקייט״ — פאַרגלייכט מען אים צו דער „היי־ליקער קו״.

פאַרוואָס איז די קו באמת אַזוי „הייליק״ אין אינדיע?

די, וואָס גלויבן אין דער הינדו־רעליגיע זעען גאָט אין אַלעם אויף דער וועלט — ענלעך ווי אין יהדות. אָבער — מיטן אונטער־שייד, וואָס די הינדוסן פארהייליקן אַלץ וואָס איז לעבעדיק, דעריבער זענען כמעט אַלע הינדוס וועגעטאַריאַנער.

גאָר ספעציעל פריווילעגירט איז די קו צוליב צוויי טעמים: 1) ווייל זי האָט געהאָלפן די הינדוס ביי זייער ארבעט; 2) ווייל זי גיט מילך פאַר די מענטשן.

מאַהאַטמאַ גאַנדי האָט געהאַט דערקלערט, אַז „די קו איז ווי אַ מוטער צו מיליאָנען הינדוסן״.

צו הרגענען און עסן פלייש פון אַ קו — איז אַ גרויס פאַרברעכן. טייל הינדוס פאַרגלייכן דאָס צו קאַניבאַליזם.

אין די „הייליקע שריפטן״ פון הינדואיזם ווערט געלערנט, אַז ווער עס הרגעט אַ קו — וועט זיין אין גיהנום אַזוי פיל יאָרן, וויפל האָר עס האָט געהאַט די געהרגטע קו...

פארן גיהנום האָבן די הינדוס גאָר שטאַרק מורא, מחמת דאָס האָט אַ שייכות מיט „גלגול״.

דער פּראָצעס פון „גלגול הנשמות״ דעצידירט וועגן ווידער־געבורט פון מענטשס נשמה, און דאָס איז גאָר אויפסניי פאַרבונדן מיטן פּראָבלעם פון ווידער־געבוירן־ווערן אין אַ „העכערער״, צי „נידעריקערער״ קאַסטע.

אין אינדיע איז נאַטירלעך צו זען, ווי אַ הינדו בוקט זיך צו יעדער קו, וואָס ער באַגעגנט אין גאַס — ענלעך צום מנהג פון פרומע קאַטאָליקן צו צלמען זיך און אַנידערקניען פאַר יעדן „היי־ליקן אָפּבילד״, אָדער צלם, וואָס זיי זעען ביים גיין אין גאַס, אָדער פאָרן אויפן וועג.

## „בתי אבות״ פאַר אַלטע — קי...

פאַראַן רייכע הינדוסן, וואָס בויען אויף ספּעציעלע „בתי אבות״ פאַר אַלטע און אָפּגעשוואַכטע קו.

אין די קנאַפּע זעקס הונדערט טויזנט דערפער אין אינדיע זענען פאַראַן אַן ערך 250 מיליאָן הונגעריקע, אויסגעדאַרטע און קראַנקע „הייליקע״ קי, וועלכע גיבן קוים 1 ליטער מילך אַ טאָג. זיי מוזן אָבער געשפּייזט ווערן ווי לעבעדיקע מענטשן.

דאָס פּראָבלעם מיט די נישט־פּראָדוקטיווע קי איז זייער גרויס. כדאי צו באַמערקן, אז אין ישראל, למשל, גיט א קו דרייסיק ליטער מילך אַ טאָג.

חוץ, וואָס אזא לאַנד ווי אינדיע, ראַנגלט זיך שווער צו באַשפּייזן איר באַפעלקערונג פון העכער א האלבן מיליארד מענטשן, און צענער מיליאָנען הונגערן טאָקע, מוז דאָס לאנד זאָרגן פאַרן באַשפּייזן אַ פערטל מיליאַרד נישט־פּראָדוקטיווע קי — כמעט אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. פאַר ציוויליזירטע מענטשן איז נישט באַגרייפבאר, וואָס אין אינדיע איז דאָס אַ „נאַטירלעכקייט״. פרומע הינדוסן האָבן אויף אַן אָרט אין אינדיע דערהרגעט צוויי טויזנט מאַכמעדאַנער, ווייל — איין מאַכמעדאַנער האָט „באַליידיקט״ אַ „הייליקע קו״...

## הינדואיזם קען נישט פאַראייניקן די הינדוסן

דאָס פּראָבלעם פון דער „הייליקער קו״ איז נישט די איינציקע דאגה פון אינדיע.

אינדיע איז צעטיילט אויף 14 שטאַטן מיט אויטאָנאָמע רעגירונגען. די דאָרפישע באַפעלקערונג אַנטלויפט מאַסנווייז פון די דערפער און באַמיט זיך צו באַזעצן אין די שטעט, ווו זיי האָפן צו געפינען אַרבעט און ברויט. די שטעט צעוואַקסן זיך דעריבער.

ס׳איז שווער דארט צו געפינען גענוג ווינונגען פאר די מיליאנען ניי־צוגעקומענע — וואקסן דריבער געטאס און ארעמע קווארטאלן. די מאדערניזאציע פון דער אינדוסטריע און טעכניק איז נישט בכוח נאכצויאגן די באדערפענישן פון די גרויסע שטעט. די שטאט קאל־קוטא, ביים אריינפאל פון „הייליקן״ טייך גאנגעס אין בענגאלישן ים, האט שוין א באפעלקערונג פון העכער 8 מיליאן נפשות. באמביי, ביים אראבישן ים — האט שוין באלד 6 מיליאן נפשות. די הויפט־שטאט ניו־דעלהי — בלייבט אויך נישט הינטערשטעליק. זי האט שוין באלד 4 מיליאן נפשות. אזוי אויך אין אנדערע שטעט.

די אינדיער בילדן נישט איין פאלק, און אויך נישט איין ראסע און לעבן נישט אין אן איינציקן קלימאט — טראץ וואס זיי געהערן צו איין מלוכה. לויט ויסנשאפטלעכע קוועלן לעבן אין אינדיע פעלקער פון אפריקע, נעגראידן, וואס זיינען אהין געקומען נאך אין ווייטן מיטלאלטער; מאנגאלן, מאלאייער — טונקעלע און ווייס־העלערע, און קלאר־ווייסע פון קאווקאזיש־ארישן טיפ און פון מיטל־לענדישן טיפ. אלע צוזאמען בילדן א „דור הפלגה״, וואס רעדן אויף קרוב טויזנט (!) שפראכן און דיאלעקטן. די אינדישע קאנסטי־טוציע גופא אנערקענט פערצן (14) הויפט־שפראכן. די רעגירונג האט אבער געפרווט ארויפצווינגען אויפן גאנצן פאלק איין שפראך — די אינדו שפראך, וועלכע ווערט באטראכט אלס די אממיינסטן גערעדטע שפראך.

טראץ דעם וואס 85 פראצענט פון דער באפעלקערונג פאראיי־ניקט אן איינציקע רעליגיע — הינדואיזם, האט דער פרווו איינצופירן די אינדו־שפראך אלס הויפט־שפראך פון אינדיע, ארויסגערופן שרעקלעכע בונטן און אומרועו. טויזנטער פאנאטישע הינדוסן זענען דערהרגעט געווארן אינעם דאזיקן שפראכן־קאמף.

די „הייליקע קו״ און די „הייליקע שפראך״ פון יעדער באזונ־דער׳ער גרופע און פאלק האבן איבערגעוויגן זייער רעליגיע און זייער הונגער נאך א שטיקל ברויט.

# אַסקעטיזם, „יאָגאַ“ און „קארמא“ — מיטלען קעגן הונגער

הינדואיזם שפּייזט זיינע אָנהענגער מיט אַ גייסטיקן שפּייז וואָס דאַרף אויך פאַרטרעטן זייער פיזישע שפּייז. די רפואה איז — אַסקעטיזם... דאָס איז געוואָרן כמעט אַ נאַציאָנאַלע פּראַקטיק. אין אַזאַ לאַנד פון גרויסן הונגער איז „אסקעטיזם“ אַ הילף־מיטל קעגן פאַרזאָרגן מיליאָנען הונגעריקע מיט ברויט.

די אויסגעהונגערטע אינדיער פּראַקטיצירן אַסקעטיזם צוזאַמען מיט — אַטלעטיק. זיי רופן דאָס — „יאָגאַ“. דאָס העלפט אַ ביסל אויסצוגלייכן זייערע פאַרטרוקנטע ביינער. לויט דער לערע פון הינדואיזם העלפט „יאָגאַ“ אויך צו — קאָנצענטרירן דעם געדאַנק צו גאָט. דורך פּראַקטיצירן „יאָגאַ“ באַפרייט זיך דער מענטש פון אפּעטיט צו עסן און קאָן קאָנטראָלירן די באַוועגונגען פון קערפּער.

לויט דער הינדו־שיטה דאַרף אַ מענטש זיך פאַרנעמען בעיקר מיט עבודת הבורא — ס'פאַרשטייט זיך, לויטן באַגריף פון הינדואיזם. אַ מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מער מיט פּאָליטיק און וועלטלעכע ענינים — איז „ווייניק הייליק“.

אַ הינדו, וואָס פּראַקטיצירט „יאָגאַ“ און פאַרטיפט זיך אין געטלעכע מחשבות — באַפרייט זיך פון טראַכטן וועגן משפחה אָדער קאַסטע, גוטס צי שלעכטס — ער שוועבט אין די „הויכע וועלטן“ (עולמות עליונים) און ווערט פעאיק צו באַהעפטן זיך צו גאָט. ווען ער דערגרייכט אַזא מצב — פאַרגעסט ער אין זיין פיזישער עקזיסטענץ. ער שוועבט אין וועלט פון גייסט און דערנענטערט זיך צו געטלעכקייט — צו „בראהמאן“.

דער דאָזיקער גייסטיקער צושטאַנד (מצב הרוח) ווערט אָנגע־רופן „קאַרמאַ“.

„קאַרמאַ“ איז אַ מצווה, אָדער עטיק, וואָס איז נישט גלייך פאַר יעדן הינדו.

דאָס איז א פּערזענלעכער חוב, וואָס יעדער הינדו דאַרף דערפילן לגבי זיין קאַסטע־גורל.

דער כלל, דער גורל פון כלל, אינטערעסירט נישט דעם הינדו־ אַפילו דער גורל פון צווייטן הינדו, אפילו זיין נאָענטסטן — זיין פרוי אָדער קינד — פאַראינטערעסירט אים אויך נישט.

דער הינדו טראָגט אַ הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט דער עיקר צו „בראַהמאַן".

ווען ער דערגרייכט „קאַרמאַ" — איז ער נאָענטער צום גן־עדן און איז זיכערער מיט זיין מגולגל ווערן אין אַ „בעסערער" קאסטע.

## הינדו-פרוי לעבט אין זכות פון — מאַן

היות הינדו־פרויען האָבן נישט דעם „שכל", פעאיקייט און מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן „יאָגאַ" און „קאַרמאַ" אַזוי ווי מע־ נער — לעבן די הינדו־פרויען אַממיינסטן אין זכות פון זייערע מענער.

ביז מיט הונדערט יאָר צוריק, אַז אַ הינדו־מאַן איז געשטאָרבן, פלעגט זיין אלמנה זיך אַרויפלייגן אויפן קבר פון איר מאַן און — ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט, כדי, אַזוי אַרום, באַלד זיך צו פאַראייניקן מיט איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי איז געווען זיכער, אַז אַזוי אַרום וועט זי האָבן דעם זעלבן גורל וואָס איר מאַן, און ביידע וועלן זיי צוזאַמען מגלגול ווערן ווידער אַמאָל אין דער זעלבער קאַסטע.

זינט דעם לעצטן יאָרהונדערט, ווען דער „מנהג" איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, פירן זיך די אלמנות, אַז נאָכן מאַנס טויט שערן זיי אָפּ זייערע האָר פון קאָפּ, און וואַרטן געדולדיק אויפן אייגענעם טויט. זיי האָפן, אַזוי אַרום וועלן זיי אויך „זוכה זיין" צו אַ שנעלן טויט און גיכער זיך פאַראייניקן מיט זייערע מענער אויף „יענער וועלט".

## דער טויט — וויכטיקער טייל אין לעבן פון הינדו

דאָס גרעסטע געשעעניש אין לעבן פון אַ הינדו איז זיין — טויט. דורכן טויט האָפט ער צו דערגרייכן צום „אמתן לעבן" — דעם נייעם „גלגול", צוליב וועלכן ער איז דאָס „ערשטע מאָל" געבוירן געוואָרן.

אַז אַ הינדו פילט אַז ער איז סמוך למות — גייט ער אַוועק צו „חברא קדישא־לייט", וואָס פאַרנעמען זיך מיטן פאַרברענען די מתים, כדי אים צוצוגרייטן צום „אמתן וועג" — דורך וואַשן אים פון זינד. זיי טוען דאָס פריי, ווייל דאָס איז אַ גרויסע מצווה.

די גאָר הייליקע „בראהמאניסטן", וועלכע האָבן שוין זוכה געווען צו „קאַרמאַ", ווערן נישט פאַרברענט נאָך זייער טויט. אַז זיי שטאַרבן — ווערן צו זייערע קערפערס צוגעבונדן שטיינער, אַרויפ־געלייגט אויף „גאַרלאַנדעס" — קליינע שיפלעך און אַוועקגעפירט אין מיטן טייך. דאָרט ווערן די קערפערס אַריינגעוואָרפן אין טייך, אַלס סימבאָל, אַז זייער נשמה וועט באַלד זיך פאַראייניקן מיט גאָט.

## הינדו „ביבל" — פאַר די יחסנים; לעגענדעס — פאַרן פאָלק

די געשיכטע פון אינדיע איז זייער אַלט און האָט נישט קיין באַשטימטע דאַטע. די פאָרשער ווייסן נאָר צו דערציילן, אַז נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט דאָרט געהערשט אַ הויכע ציווי־ליזאַציע. דאָס זעלבע באַווייזן פאַרשידענע אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען.

ווען הינדואיזם, די רעליגיע פון אינדיע, איז געבוירן געוואָרן, איז אויך אומבאַקאַנט. נישטאָ קיין שום היסטאָרישער יסוד דערויף. די „הייליקע שריפטן" פון הינדואיזם זענען אַזוי פיל, אַז

ס'איז אוממעגלעך זיי דורכצושטודירן דורך איין מענטש. די „ביבל" פון הינדואיזם זענען די „וועדאס" און „אופאנישעדס".

דאס ווארט „וועדא" באדייט וויסן. די „וועדאס" זענען זאמ־לונגען פון הימנס, געזונגען פון די בראהמישע פריסטער פון דער „אריער"־ראסע און געלייענט פון מענטשן — נאר פון „העכערע" קאסטעס. דאס זענען לויב־געזאנגען צו די פארשידענע הינדו־געטער.

פאראן 4 זאמלונגען פון „וועדאס". די וויכטיקסטע זענען די „וועדאס" פון לויב — „ריג וועדאס", וועלכע אנטהאלטן טויזנט און זיבעצן (1.017) הימנען, אלט אן ערך 3 טויזנט יאר.

## הינדו-ליד פון 100 טויזנט שורות...

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז איין אזא היסטאריש ליד אנטהאלט 24 טויזנט שורות און אן אנדער אזא ליד אנטהאלט אזש הונדערט טויזנט שורות.

נאך מער כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, וואס די אלע „וועדאס" זענען געשריבן אין אלטן סאנסקריט־לשון, וועלכעס איז אין אינדיע א טויט־לשון און ווערט כמעט נישט באנוצט.

תחילת זענען די „וועדאס" געווען די „תורה שבעל פה" **פון** דער הינדו־רעליגיע, און דאס איז איבערגעגעבן געווארן **פון** דור צו דור. לסוף האבן די טעאלאגן מתיר געמאכט זיי אויפצושרייבן, כדי זיי זאלן נישט פארגעסן ווערן.

דאקעגן די „אופאנישעדס" זענען פילאזאפישע און רעליגיעזע עפאס און לעגענדעס, אויך שוין אלט טויזנטער יארן, אבער — זיי זענען שוין איבערזעצט אין פארשידענע גערעדטע שפראכן אין אינדיע. זיי זענען דעריבער זייער פאפולער ביי די פארשידענע פעלקער און שבטים אין „דור הפלגה"דיקן אינדיע, און גייען איבער פון מויל צו מויל ביי די פארשידענע קאסטעס.

די פאַנאַטישע הינדוס גלייבן, אַז די „וועדאַס" זענען געשאַפן געוואָרן פון די געטער גופא. דעריבער זענען די „וועדאס" גאָר הייליק טראָץ וואָס זיי קאָנען זיי נישט לייענען און נישט פאַר־שטיין.

די „אופאַנישעדס" (באַדייט: „זיצן נאָענט"), דאַקעגן, וועלכע זענען אַ שפּעטערדיקע שאַפונג און אַ המשך פון די „וועדאַס" — ווערן באַטראַכט אַלס נביאותן.

אַלע שפּעטערדיקע „הייליקע שריפטן" ווערן דערקלערט אַלס טראַדיציע.

די דאָקטרינעס פון הינדואיזם געפינט מען אין די „אופּאַני־שעדס", און נישט אין די „וועדאַס".

די „גורוס" — לערער פון הינדואיזם — לערנען און שטודירן מיטן המון די „אופאַנישעדס". דאָס זענען לאַנגע דיסקוסיעס צווישן לערער און תלמידים.

די שעפער פון די „אופּאַנישעדס" זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס מיסטיקער. יחידי סגולה האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וועלדער, אין התבודדות, און געפירט געהיימע מיסטישע דיסקוסיעס. דאָס ערשטע בוך, וועלכעס ווערט אָנגערופן „דאָס גרויסע בוך פון וואַלד" פאַרהערלעכט דאָס — — — פערד... וועלכעס איז פאַרגליכן צו פאַרשידענע טיילן פון אוניווערס...

נאָך דעם קומען אין בוך פראַגן וועגן די פּראָבלעמען פון „בראשית". תשובות זענען פאַרשידענע — מיסטישע, טעאָרעטישע און פילאָזאָפישע — אין אָנהייב איז געווען „גאָרנישט". עס איז געווען „טויט". אַ נשמה — דאָס איז געווען „בראַהמאַן". נישט „בראַהמאַ", דער „פּערזענלעכער גאָט", און נישט „בראַהמין" דער פּריסטער. „בראַהמאַן" איז אַ הייליקער כוח — דער באַגריף פון אַ „וועלט־נשמה".

## מיטן כוח פון מיסטיציזם רעדוצירט די צאָל געטער פון 3,306 — צו איינעם...

דער אויפטו פון די „אופּאַנישעדס" איז געווען, וואָס די מיס־טיקער האָבן רעדוצירט די צאָל געטער פון 3.306 — צו „בלויז" 33 געטער, און סוף סוף צו איינעם... דאָס איז „בראַהמאַן" — דער איינציקער הייליקער תמצית. לויט זייער שיטה קאָן „בראהמאַן" דערקלערט ווערן גיכער מיט נעגאַטיווע באַגריפן, דאָס הייסט — צו וואָס ער קען נישט פאַרגליכן ווערן. בקיצור, ער איז דער „אמת פון אַלע אמתן", דיווירקלעכקייט פון אַלע ווירקלעכקייטן. אַלץ קומט פון „בראַהמאַן" און אַלץ גייט צוריק צו אים. דאָס אַלץ איז „בראַהמאַן".

די מיסטיקער פרעגן ווייטער: — וואָס איז די נשמה פון מענטש? זייער ענטפער איז: — גאָטס אָטעם אין מענטש.

אַזוי אַרום איז „בראַהמאַן" די נשמה. דאָס וויסן וועגן דער נשמה מאַכט דעם מענטש אַנדערש פון די געטער.

## ווי אַ הינדו־פּאָטער דערקלערט זיין זון וועגן אמונה

אין דער „הייליקער ליטעראַטור" פון הינדואיזם ווערט גע־ברענגט אַ משל, ווי אַזוי אַ פּאָטער דערקלערט זיין זון דעם ענין פון אמונה. דער זון איז צוריקגעקומען פון אוניווערסיטעט זייער שטאָלץ מיט זיין וועלטלעכער געלערנטקייט.

אין אַ ריי אויפקלערונגען האָט דער פּאָטער געוואָלט דערווייזן זיין זון, אַז טראָץ זיין וועלטלעכן שטודירן, האָט ער נישט דער־לערנט דאָס עיקר־וויסן וועגן נשמה און לעבן.

דער פּאָטער האָט געהייסן זיין זון אַריינטאָן אין אַ גלאָז וואַסער זאַלץ אויף אַ מעת־לעת צייט. נאָך דעם האָט דער פּאָטער באַפוילן

זיין זון ער זאָל פאַרזוכן דאָס זאַלץ־וואַסער פון אויבן, פון אינ־דערמיט, און פון אונטן. „דאָס וואַסער איז געזאַלצן אומעטום — נאָר מ׳זעט עס נישט”, האָט דערקלערט דער פאָטער. אַזוי איז מיט דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז אין דיין קערפּער, נאָר דו לייגסט נישט קיין אַכט דערויף. אַלץ האָט זיין זין אין קיום. דאָס איז ווירקלעכקייט. דאָס איז נשמה. און דו ביסט דאָס. דאָס הייסט — דו ביסט אַליין די נשמה, די הייליקייט. די נשמה איז הייליק.

## אומקלאָרקייט צווישן הינדו טעאָלאָגן און פילאָזאָפן

דער אינדישער פילאָזאָף שאַנקאַראַ האָט, אין 8־טן י. ה., אין זיינע קאָמענטאַרן צו די „אופּאַנישעדס” דערקלערט: — אויב די נשמה איז הייליק — דאַרף מען דאָך נישט קיין תפילות, ווייל ווי אַזוי קאָן מען מתפלל זיין צו זיך גופא? זיין הויפּט ענטפער איז, אַז „גלייבן אין אַ גאָט איז וויכטיק”, דעריבער איז מען מתפלל צו גאָט, נישט צו דער נשמה.

אַנדערע אינדישע דענקער האַלטן, אַז מאָניזם איז אין סתירה צו רעליגיע.

צווישן אינדישע טעאָלאָגן און פילאָזאָפן הערשט אַ שטאַרקע אומקלאָרקייט אינעם הינדו־געמיש פון פּאַנטעאיזם, מאָניזם און די „דריי שותפותדיקייט” פון די „געטער” בראַהמאַ, ווישנו און שיווא, וועלכע זענען „איינס” און דאָך שעפן זיי זייערע כוחות פון „גאָט בראהמא”.

דאַקעגן צווייפלט נישט קיינער פון זיי אין גלויבן פון „גלגול הנשמות”, דעם ווידערגעבורט פון אַ מענטשנס נשמה אין אַ ניי־געבוירענעם מענטש.

די דאָזיקע „אידיי” איז נישט דערמאָנט אין די „הייליקע שריפטן

פון די „ווערָאס”, אָדער „אופּאַנישעדס”, און נישט אין אַנדערע שפּעטערדיקע קאָמענטאַרן פון הינדואיזם.

דאָס איז געווען די דאָגמע פון די שפּעטערדיקע „לערער” פון קאַסטעס־סיסטעם. די קאַסטע „פילאָזאָפן” האָבן דאָס באַגרינדעט מיט דער שאלה: „ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז די הימלען זאָלן נישט זיין איבערפולט מיט די נשמות פון אַלע געשטאָרבענע” ?...

זייער ענטפער איז געווען, אַז דאָס פּראָבלעם יוערט געלעזט דורך דעם, וואָס די נשמות ווערן צוריקגעשיקט צו דער ערד, און פון זיי ווערן אויפסניי געבוירן נייע מענטשן... דער דאָזיקער ענט־פער איז געוואָרן אַ הינדו־דאָגמאַ ביז היינט צו טאָג.

## די פילאָזאָפישע טעאָריע וועגן „קארמא”

פון דער דאָזיקער טעאָריע איז ארויסגעוואַקסן זייער מאָראַ-לישע לערע וועגן „קארמא”. דאָס איז אַ פילאָזאָפיע וועגן די גורמים פון די מענטשלעכע מעשים, באַגלייט מיט געזעצן וועגן סיבות און רעזולטאַטן, שכר און עונש. „קאַרמאַ” דעצידירט וועגן מענטשנס גורל אין נייעם גלגול, צי ער זאָל ווידער געבוירן ווערן אַ בראהאַ־מיסט, צי אַ פּירער, צי אַ סוחר, צי אַן „אויסגעשפּיגענער”, צי גאָר אין אַ — הונט, אַ חיה, אַ קאַץ, אַ שלאַנג, אַ פליג, אַ וואַנץ — דאָס זענען אַלץ „גלגולים פון נשמות”. דאָס אַלץ איז דער גורם פון „קאַרמאַ”.

דאַקעגן די נשמה גופא — שטאַרבט קיינמאָל נישט.

דער גורם פון ווידער געבורט — איז דער פּאַקטישער גורם פון דער אומגלייכקייט אין מענטשלעכן לעבן.

פאַרן הינדו עקזיסטירט נישט קיין „פּראָגרעס פון דער וועלט” ווייל אַלץ חזרט זיך איבער, אָן אַ סוף. „מה שהיה — יהיה”; „מה שיש — היה”.

צייט איז פאַר אים אַן אַלגעמיינער באַגריף, וואָס ענדערט זיך וויַיניק.

פראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין וואָלט נישט געהאַט אַ סך אויפצוטאָן מיט די הינדוסן...

געשיכטע האָט פאַר זיי אויך אַ קנאַפּן באַדייט.

לעגענדעס האָבן פאַר זיי מער חשיבות ווי היסטאָרישע פאַקטן.

נביאות האָט פאַר זיי מער באַדייט ווי די נביאים גופא.

## ראבינדראנאט טאַגאָרע און מאהאטמאַ גאַנדי — גייסטיקע ריזן פון אינדיע

מיט הונדערט יאָר צוריק, זענען אין אינדיע געבוירן געוואָרן צוויי גרויסע גייסטער, וועלכע האָבן פאַרשאַפט אַ וועלט־נאָמען זייער גרויס לאַנד, אינדיע. דאָס זענען געווען: ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און מאַהאַטמאַ גאַנדי.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, געבוירן אין קאַלקוטאַ אין יאָר 1861, איז געווען אַ פרומער הינדו, אַ מיסטיקער און רעליגיעזער פּאָעט. אין שול איז ער גראָד נישט געווען קיין גרויסער תלמיד. ער האָט פיינט געהאַט צו זיצן צווישן די „פאַרשלאָסענע ווענט פון שול" און לערנען טרוקענע כללים. ס'האָט אים געריסן צו דער נאַטור, צו דער זון, בעת איר אויפגאַנג און שקיעה, און בעיקר — נאָך פרייהייט. זייענדיק קוים 8 יאָר אַלט, האָט ער שוין אָנגעשריבן אַ ליד אין סאַנסקריט.

דער פריער טויט פון זיין מוטער, האָט שטאַרק געווירקט אויף ראַבינדראַנאַטס קינדערישער, בענקענדיקער נשמה.

שפּעטער, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און טאָכטער, און אין אַ קורצער צייט אויך זיין איינציק פאַריתומט יינגל — האָבן די אַלע אומגליקן געלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף ראַבינדראַנאַטס לעבן און ליטעראַרישע שאַפונגען.

טאַגאָרען האָט געריסן צו דער גרויסער וועלט און צו דער מערב־ציוויליזאַציע. איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד און שטודירט



ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

יוריספּרודענץ. די „טרוקענע יוריסטיק" איז אָבער נישט געווען אין גייסט פון זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישער מיסטיק און פּאָעטישער ליידנשאַפט. האָט ער געזוכט באַפרידיקונג אין לעקציעס וועגן ליטעראַטור און ענגלישער ליריק.

ראַבינדראַנאַטס שטודיעס אין ענגלאַנד האָבן אָבער געעפנט זיינע האָריזאָנטן פון פּאָליטישן דענקען.

נאָכן צוריקקום פון ענגלאַנד האָט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע זיך געשטעלט אין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון זיין פאָטערלאַנד. ער האָט אויפגעהויבן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אונטערדריקונג, און קעגן אַלע פאָראורטיילן צו די הינדוס. ער האָט זיך באַזעצט אין בענגאַל, אַ פּראָווינץ פון בריטיש אינדיע, וואָס איז געווען אַ צענטער פון דער הינדו־קולטור און גייסטיקן אויפלעב זינט דעם 18־טן יאָרהונדערט.

## פאַראייניקונג פון דער הינדו און מערב-קולטורן

טאַגאָרע האָט געזען געטלעכקייט אין אַלע שיינקייטן און ניואַנסן פון דער נאַטור.

זיינע רעליגיעזע געפילן און נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם האָט טאַגאָרע געבראַכט צום אויסדרוק אין פּאָעזיע און פּראָזע אין זיין נאַציאָנאַלער בענגאַל־שפּראַך, אַ צווייג פון סאַנסקריט.

טאַגאָרע איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע מאָדערנע אינדישע פּאָעטן און פילאָזאָפן. ער האָט דערהויבן דעם כבוד פון זיינע ליידנדיקע הינדוסן און געשטאַרקט זייער רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן אויסדויער און ווירדע.

טאַגאָרע האָט גלייכצייטיק געשאַפן די באַרימטע שולע אין שאַנטיניקעטאַן, אין וועלכער ער האָט געפּרוווט פאַראייניקן דאָס בעסטע אין דער הינדו און מערבדיקער קולטורן. ער האָט זיך באַמיט צו באַקענען אינדיע מיט די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

טראָץ אַ פּאַטריאָט פון אינדיע און אַ טיף־גלויביקער אין זיין הינדו־רעליגיע — האָט טאַגאָרע זיך באַטראַכט אַלס „בירגער פון דער וועלט" און גערופן צו רעספּעקטירן אַלע קולטורן.

לייב שטשעקאַטש־ראַזען

## ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע —
## „געוויסן פון דער פאַרבלאָנדזשעטער מענטשהייט"

אין זיין פאָטערלאַנד איז טאַגאָרע געוואָרן באַרימט נישט בלויז צוליב זיינע פּאָעטישע און ליטעראַרישע שאַפונגען. זיין כוח איז געלעגן אין זיין גייסט — ער האָט גערעדט נישט צום מענטשלעכן שכל, אָדער השקפה פון טרוקענעם מאַטעריאַליזם. ער האָט גערעדט בעיקר צום געפיל און נשמה.

טאַגאָרע האָט דעם לייענער און צוהערער אַוועקגעטראָגן אין אַ העכערער וועלט פון אידעאַל און משיחישקייט.

די אייראָפּעאישע וועלט האָט דאַמאָלט געטראַכט וועגן אינדיע אין גייסט פון אירע „הייליקע שריפטן" — די „וועדאַס" און „אופּאַ־נישעדס". מען האָט געזען אינדיע אין די שאָטנס פון נאַכט, וואָס האָט זיך דאָרט געצויגן יאָרהונדערטער.

טאַגאָרע האָט זיך אָבער באַמיט אויפצוּוועקן דאָס „געוויסן פון דער וועלט" צו די ליידן פון די הונדערטער מיליאָנען הינדוסן.

ער האָט געוואָלט ברענגען פאַר דער וועלט דאָס „געוויסן פון אינדיע" דורך די שאַפונגען פון דער אינדישער ליטעראַטור.

אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט איז ראַבינדראַנאַט טאַ־גאָרע געוואָרן באַרימט אין דער וועלט אַלס „דאָס געוויסן פון אינדיע".

דער מאַיעסטעטישער טאַגאָרע, דער הינדו, וועמענס רעליגיע, פּונקט ווי דאָס ליידנדיקע לעבן פון זיין פאָלק, איז געווען פרעמד דער „וועלט" — איז פון דער זעלבער „וועלט" באַטראַכט געוואָרן אַלס דאָס „געוויסן פון דער קעגנווערטיקער פאַרבלאָנדזשעטער מענטשהייט".

אייראָפּע און אַמעריקע, דאַקעגן, זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס די „גייסטער פון מאַטעריע", וועלכע האָבן געבענקט נאָך אַ ביסל ליכט און גייסטיקער דערהויבנקייט.

## דאָס ליכט פון אַזיאַטישן אָריענט

טאַגאָרע האָט געזאָלט זיין דער דאָזיקער בייער גייסט.

דאָס „ליכט פון אַזיאַטישן אָריענט" האָט געזאָלט פאַרטרעטן די „באַנקראָטירטע אייראָפּעאישע קולטור".

אין טאַגאָרען האָט די „מאָדערנע וועלט" געזוכט די בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס איז שווער צו דערגרייכן — דעם אידעאַליזם פון געדאַנק און געפיל.

די הינדוסן האָבן אָבער געזען אין טאַגאָרעס שאַפן דאָס „ליכט פון דער דערהויבענער רעליגיעזער פאָעזיע".

זיי האָבן אים געליבט און פאַרערט.

זיינע לידער זענען געזונגען געוואָרן פון גאַנצן פאָלק אין בענגאַליע.

די קריסטן, דאַקעגן, האָבן אָנגעהויבן זעען אין טאַגאָרען אַ „קאָנקורענט" צו דער „קריסטלעכער ליבע".

אין דער זעלבער צייט איז טאַגאָרע ארויסגעוואַקסן אַלס די „קרוין פון דער אינדישער ליטעראַטור" פאַר די לעצטע הונדער־טער יאָרן.

זיין נאָמען אַליין, טאַגאָרע, באַדייט אין סאַנסקריט־לשון: טאַגור — די „געשטאַלט פון גאָט".

## טאַגאָרעס ליבע צו גאָט, מענטש און וועלט

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז געווען פון רייכן בראַמינער־יחוס.

דער זיידע זיינער האָט גראָד געהאַט אַ קנאַפּן שייכות מיט זיין אינדיע־פאָטערלאַנד. אַ סך יאָרן האָט ער געלעבט אין אייראָפּע, גע־בילדעט און דערצויגן אייראָפּעאיש, און שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער מערב־קולטור. ער איז געווען אַ חשוב אין ענגלישן קעניג־

לעבן הויף און זיך שטארק געיהוסט, וואס ער איז אויפגענומען געווארן פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאריא און קעניג לואי־פיליפ.

דאקעגן דער פאטער פון ראבינדראנאט טאגארע איז געווען „אנדערש פון טאטן”. ער איז געווען אן אידעאל פון א הינדו — צארט, ערנסט און פארטיפט אין זיך. זיין גאנץ לעבן האט ער געווידמעט זיין לאנד און פאלק. ער האט אויפגעלעבט די אינדישע רעליגיעזע סעקטע „בראמא־סאמאדז”, וואס האט געפרעדיקט ברי־דערלעכע ליבע צו אלע מענטשן און דעם קולט פון אן „איינאיינציקן גאט אן געשטאלט”. כאטש די לערע איז געווען אין סתירה צום הינדואיזם — האט די דאזיקע סעקטע אויסגעווירקט א גרויסן איינ־פלוס אויפן עקזאטישן קולטור־לעבן פון אינדיע.

אין דאזיקן גייסט איז דערצויגן געווארן ראבינדראנאט טאגארע.

דורך אלע זיינע פאעטישע ווערק און דראמעס גייט אדורך ווי א לייכט־טורעם דער גייסט פון טאגארעס ליבע צו גאט, מענטש און וועלט.

זיינע ווערק זענען געווארן איבערזעצט אין א סך וועלט־שפראכן. דורך די ענגלישע איבערזעצונגען זענען זיינע ווערק געווארן צו־גענגלעך פאר דער אינטעליגענץ פון דער וועלט און אנטדעקט דאס אינערלעכע לעבן פון פאנטאסטישן אינדיע.

## הינדו „געוויסן פון אריענט” קעגן מאטעריאליזם און פעלקער־האס

אין יאר 1913, האט ראבינדראנאט טאגארע זוכה־געווען צו באקומען דעם נאבעל־פרייז פאר ליטעראטור. דעם נאבעל־פרייז האט ער באקומען גראד פאר א קליינעם באנד פרעכטיקע גיטאנזשאלי־לידער. דאס בוך איז אין איין יאר דערשינען אין 14 אויפלאגעס.

טאגארע איז דאמאלט שוין געווען דער מחבר פון 60 ווערק,

צווישן זיי — 16 בענדער פּאָעזיע, 16 בענדער דראַמאַטישע ווערק, 13 בענדער ליטעראַריש־רעליגיעז־פילאָזאָפישע שטודיען, 3 בענ־דער נאָוועלן, 2 בענדער דערציילונגען. אָבער נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי איז געוואָרן איבערזעצט אין ענגליש, אָדער אַנדערע מאָ־דערנע שפּראַכן, פאַרשטענדלעך פאַר לייענער אין דער מאָדערנער וועלט.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט טאַגאָרע באַזוכט אַמעריקע. דאָס קריסטלעכע אַמעריקע האָט אויפגענומען דעם הינדו־פילאָזאָף אַלס „אַפּאָסטאָל פון ברידערלעכער ליבע".

אין זיינע עפנטלעכע לעקציעס איז טאַגאָרע אַרויסגעטראָטן קעגן שאָוויניזם, נאַציאָנאַלן האָס און אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם.

אין זיינע שפּעטערדיקע פּאָרלעזונגען אין פאַרשידענע אייראָ־פּעאישע לענדער איז ער באַצייכנט געוואָרן אַלס דאָס „געוויסן פון אָריענט", וואָס שטעלט זיך אַקעגן דעם גייסט פון מאַטעריאַליזם און פעלקער־האַס.

טראָץ זיין אַלטרואיזם האָט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע נישט דער־וואַגט זיך צו קעמפן קעגן קאַסטע־סיסטעם פון זיין לאַנד, וועלכעס האָט אַלס הויפּט אונטערדריקער זיין אייגענע רעליגיע — ה י נ־ד ו א י ז ם.

ער איז געווען באַגייסטערט פון דער הינדו־יוגנט, וועלכע טאַנצט אויף פייער און שווערדן און ווערט נישט פאַרברענט אָדער פאַרוונדעט. דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר אַ געטלעכן סימבאָל פון אייביקן קיום און נצחון איבער שלעכטס.

טאַגאָרע האָט נישט זוכה געווען צו דערלעבן די נאַציאָנאַלע באַ־פרייאונג פון זיין אינדיע־פאָטערלאַנד, אין 1947, פון ענגלישער אונטערדריקונג. טאַגאָרע איז געשטאָרבן זעקס יאָר פריער — אין 1941.

ל י י ב   ש ט ש ע ק אַ ט ש ־ ר אָ ז ע ן

# פרייהייט-קעמפער גאַנדי —
# זון פון פּריווילעגירטער קאַסטע

אין יאָר 1869 — אַכט יאָר נאָכן געבורט פון ראַבינדראַנאַט טאַ־גאָרע — איז אין אינדיע, ביי די ברעגעס פון הייליקן טייך גאַנגעס, געבוירן געוואָרן מאָהאַנדאַס קאַראַמטשאַנד ג אַ נ ד י.



גאַנדי אַרבעט ביי זיין „וועב־שפּינדל" אַלס מוסטער פאַר זיינע הונדערטער מיליאָנען הינדו גליי־ביקע, נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל, אַליין אויסצואַרבעטן סחורה פאַר זייערע מלבושים — אַלס באָיקאָט קעגן דער ענגלישער הערשאַפט

גאַנדיס עלטערן האָבן געהערט צו דער פּריווילעגירטער סוחרים־קאַסטע.

לויט דער טראַדיציע פון דער דאָזיקער קאַסטע האָבן זיינע עלטערן חתונה געמאַכט מאָהאַנדאַסן, ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 (דרייצן) יאָר. זיין ווייב איז, לויט דער זעלבער טראַדיציע, אויך געווען נישט עלטער פון 13 יאָר. זיי האָבן געבוירן 4 קינדער, ווען אַליין זענען זיי נאָך געווען „קינדער".

מאָהאַנדאַס גאַנדי איז געווען אַ קליין, שוואַך באַשעפעניש. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן גייסט און אינערלעכן דראַנג

צו העלפן ליידנדיקע און אָרעמע מענטשן. און בעיקר — צו העלפן זיין ליידנדיק פאָלק.

גאַנדי איז אַוועק קיין לאָנדאָן שטודירן יוריספּרודענץ — פּונקט ווי עס האָט געטאָן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע.

ווייזט אויס, אַז הוץ אַ שטאַרקן ווילן, האָט גאַנדי אויך געהאַט אַ גוטן קאָפּ. זייענדיק קוים 22 יאָר אַלט, איז גאַנדי שוין צוריקגע־קומען קיין באָמביי אַ געענדיקטער, אָנצוהייבן זיין פּראַקטיק אַלס אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. צוויי יאָר שפּעטער האָט ער געמוזט אויסוואַנדערן קיין סאוטה (דרום) אַפריקע צו געפינען אַרבעט אין זיין פּראָפעסיע. געפאָרן איז ער נאָר אויף איין יאָר, אָבער — ער איז דאָרט פאַרבליבן גאַנצע 21 (איין און צוואַנציק) יאָר.

דרום־אַפריקע איז אויך געווען אַ בריטישע קאָלאָניע.

## גאַנדי אין די פוס־טריט פון — משה רבינו

אין דרום אַפריקע האָט גאַנדי צוגעזען — ווי, להבדיל, משה רבינו אין מצרים — ווי זיינע אינדישע ברידער (הונדערט און פופ־ציק טויזנט) ווערן עקספּלואַטירט און דיסקרימינירט.

ער האָט גלייכצייטיק צוגעזען, ווי מיליאָנען שוואַרצע אַפריקאַ־נער שמאַכטן אונטערן יאָך פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון זייערע ווייסע „ברידער" — אַ טרויעריקער מצב, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן דורות לאַנג.

איז גאַנדי אויפגעשטאַנען צו פירערשאַפט פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

אַלס טיף גלויביקער הינדו איז ער געווען קעגן יעדער פאָרם פון בלוט־פאַרגיסונג. ער האָט אויך געקענט זיין מענטשן־מאַטעריאַל, דערצויגן אין גייסט פון הינדואיזם. זיין גאַנצע רעליגיעזע און לעבנס אָנשויאונג איז געווען נישט צו הרגענען אַפילו דאָס קלענסטע לע

בעדיקע באַשעפעניש — אַפילו כדי צו שפייזן, אָדער דערנערן, הונגעריקע.

גאנדי האָט טיף געגלייבט אין דער הינדו לערע פון זוכן דעם אמת; אַז צו אמת קאָן מען דערגיין נאָר דורך טאָלעראַנץ; אַז דער מענטש קען דערגרייכן צו גייסטיקער שלימות אויף „די וועלט" און „יענער וועלט" נאָר דורך אַ לעבן פון גערעכטיקייט און — באַקעמפן די אינערלעכע מורא, ווי מורא בכלל.

ביי אַזאַ לעבנס פילאָזאָפיע ווי אַזוי האָט גאַנדי געקענט רופן זיינע גלויביקע הינדוסן — אמת טאַקע אונטערדריקטע, באַעוולהטע און עקספּלואַטירטע — צו בלוטיקע אויפשטאַנדן? צו אַקטן, וועלכע ער האָט באַטראַכט — ביי אַנדערע — אַלס אוממענטשלעכע, באַר־באַרישע, פאַרברעכערישע? צו באַקעמפן אומגערעכטיקייט — ווען אַפילו זיי באַזיגן — מיט אומגערעכטיקייט און בלוט פאַרגיסונג? — דאָס איז אויך באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פאַרברעכן, לויט גאַנדיס רעליגיעזע דענקען און פילאָזאָפישער אידעע.

גלייכצייטיק האָט גאַנדי געזען די רעאַליטעט פון לעבן. פאַר־מעסטן זיך פיזיש, אָדער באַוואָפנט, קעגן דער מעכטיקער ענגלישער אָקופּאַציע — איז געווען אַבסורדאַל.

דאָס אַלץ האָט דערפירט גאַנדין צו אַ לעבנס־פילאָזאָפיע פון — פּ אַ ס י װ ן װידערשטאַנד.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דער וועלט וועט אַזאַ קאַמף זיין „נישט פּאָפולער", און אפשר גאָר לעכערלעך. ער האָט אויך פאַר־שטאַנען, אַז אַזאַ קאַמף וועט זיין אַ לאַנגזאַמער און לאַנג־דויערנדי־קער. דערפאַר אָבער, וועט דער קאַמף זיין הומאַניטאַר, מענטשלעך, ערלעך, און דער עיקר — אין הסכם מיט זיין רעליגיעזער לערע פון הינדואיזם, און אין הסכם מיטן גייסט, טראַדיציע, און לעבן פון זיינע אָרעמע און באַעוולהטע הינדוסן. ז י י נ ע הינדוסן וועלן א י ם י אָ פאַרשטיין.

„פּאַסיווער ווידערשטאַנד" איז געוואָרן גאַנדיס לעבנס־אידעע.

## „סאַטיאַגראַהאַ" — דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט פון פרייהייט-קעמפער

גאַנדי האָט עקספּערימענטירט מיט זיין אידעע פון „פּאַסיוון ווידערשטאַנד" אין דרום אַפריקע. די דאָזיקע אידעע זיינע, באַזירט אויף אמת און קוראַזש, האָט ער אָנגערופן מיטן נאָמען „סאַטיאַ־גראַהאַ".

גאַנדי האָט געפּרעדיקט, אַז דעם מענטשס מעשים, דעם מענטשס אויפפירן זיך, איז וויכטיקער ווי זיינע דערגרייכונגען. יעדער הינדו דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע. אַפילו די גרעסטע טיראַנען וועלן מוזן זיך ברעכן פאַר די ערלעכע מעשים פון די ליידנדיקע.

„סאַטיאַגראַהאַ" איז געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע שלאַג־וואָרט צווישן די הינדוסן, נאָכפאָלגער פון גאַנדיס לערע, און צווישן די אַפריקאַנער, וועלכע האָבן באַגריסט גאַנדיס קאַמף פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט.

גאַנדי האָט אָנגעהויבן זיין מלחמה קעגן ענגלאַנד מיט פאָדערן מענטשלעכע און סאָציאַלע רעכט פאַר זיינע הינדו־ברידער אין דרום־אַפריקע. ער האָט גערופן קודם כל די הינדוסן, נאָך דעם די שוואַרצע אַפריקאַנער, צו איגנאָרירן די ענגלישע געזעצן און נישט אויספירן די ענגלישע באַפעלן.

די ענגלישע הערשער זענען געוואָרן אויפגעצאָרנט קעגן דער דאָזיקער „חוצפּה" פון „זייערע" שקלאַפן. עטלעכע מאָל האָבן זיי אַרעסטירט דעם „בונטאָווטשיק און העצער" גאַנדין, פאַר זיין רופן די מאַסן צו ווידערשפעניקונג קעגן דער „ענגלישער קרוין".

## גאַנדי פאַרשטאַרקט די האָפענונג אין אַ בעסערער צוקונפט

גאַנדי איז נישט מיד געוואָרן צו לערנען זיינע הינדוסן און די אונטערדריקטע אַפריקאַנער: קאָאָפּערירט נישט מיטן אונטערדריקער!

פירט נישט אויס זיינע באַפעלן. אָבער גלייכצייטיק — שטעלט אייך נ י ש ט אַנטקעגן פיזיש. אַז מען וועט אייך אַרעסטירן — גייט אין די תפיסות מיט געזאַנג, האָפענונג און גלויבן אין אייער אייגענעם כוח. לאָזט אייך אַרעסטירן און גייט אין די תפיסות אָן ווידערשטאַנד. דער אונטערדריקער וועט מיד ווערן. ער וועט נישט אַלעמען אַרעסטירן. די ענגלישע הערשער וועלן נישט שפּיזן אין הפיסות הונדערטער טויזנטער מענטשן, אין דער צייט, ווען זיי נויטיקן זיך אין זייערע הענט, אין זייער שקלאַפן־אַרבעט!

גאַנדי האָט געוווּנען דאָס האַרץ און צוטרוי פון די מאַסן. די ענגלישע רעגירער זענען צו ביסלעך „ווייכער" געוואָרן. צו פרייהייט און גערעכטיקייט איז נאָך געווען ווייט.

די אונטערדריקטע הינדוסן און אַפריקאַנער האָבן אָבער געהאַט האָפענונג און גלויבן פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

ווען גאַנדי איז פון אפריקע אַוועקגעפאָרן קיין אינדיע — האָבן די ענגלענדער פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן זיך באַמיט איינצורעדן, אַז דער בונט פון די הינדוסן און שוואַרצע איז צוזאַמענגעבראָכן און פאַרשפּילט.

גאַנדיס אָרט האָט פאַרנומען זיין זון, וועלכער האָט במשך ווייטערדיקע 50 יאָר געפירט דעם קאַמף וועלכן עס האָט אָנגעהויבן זיין גרויסער פאָטער — מאַהאַטמאַ גאַנדי.

## דער „רעוואָלוציאָנער" גאַנדי — ווערט אַ „מאַהאַטמאַ"

ערשט אין 1915 איז גאַנדי צוריקגעקומען קיין אינדיע. די הינדישע יוגנט איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיינע תלמידים און געווען גרייט צו גיין אויף קידוש־השם פאַר גאַנדיס אידעע.

במשך 5 יאָר אין אינדיע איז גאַנדין געלונגען צו געווינען דאָס גאַנצע פאָלק פון העכער 300 מיליאָן הינדוסן, און צענדליקער מיל־

יאַנען מוסולמענער און אַנדערש־גלויביקע. זיי האָבן אים געקרוינט נישט בלויז אַלס זייער נאַציאָנאַלן פירער, נאָר אויך אַלס „מ אַ־ ה אַ ט מ אַ" — די „גרויסע נשמה" פון אינדישן פאָלק.

פון דעם מאָמענט אָן האָט מען פאַרגעסן זיינע נעמען „מאָהאַנ־דאַס קאַראַמטשאַנד" — זיין נאָמען איז געוואָרן מ אַ ה אַ ט מ אַ גאַנדי. אַזוי איז זיין נאָמען שוין פאַרבליבן אין דער געשיכטע.

די ענגלישע הערשער אין אינדיע האָבן שוין געדענקט גאַנדיס „נאָמען" פון דרום־אַפריקע. זייער פּרעסטיזש האָט אָבער נישט דערלויבט נאָכצוגעבן די „אַמביציעס" פון די „ווידערשפעניקע" — די העכער דריי הונדערט מיליאָן אינדישע מענער, פרויען און קינדער.

עס איז געווען ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ענגלאַנד האָט אַרויסגעשלעפּט פון אינדיע אַ מ י ל י אָ ן סאָל־דאַטן — דער רוב הינדוסן, אָבער — אַ ל ע באַאיינפלוסט פון גאַנדיס פּראָפּאַגאַנדע פאַר פרייהייט און קאַמף דורך פּאַסיוון ווי־דערשטאַנד.

ענגלאַנד האָט זיך געשראָקן, אַז דער מיליאָן הינדוסן אין דער ענגלישער אַרמיי קאָן זיך צעבונטעווען אין אַ „פּאַסיוון ווידער־שטאַנד" א י ן דער ענגלישער אַרמיי, אָנשטעקן אויך די ענג־לענדער און — גורם זיין צו אַן אויפרייס אין דער אַרמיי און צו אַ צוזאַמענברוך פון פּרעסטיזש פון דער ענגלישער אימפּעריע.

## ענגלאַנד — אין די פוסטריט פון פּרעה, מלך פון מצרים

די ענגלישע קרוין האָט זיך לאַנגזאַם „געבויגן" פאַרן קליינ־טשיקן און דאַרן גאַנדי און — צוגעזאָגט אויטאָנאָמיע פאַר אינדיע — נ אָ כ ן סוף פון דער מלחמה...

אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט ענגלאַנד „פאַרגעסן“ איר צוזאָג.

גאַנדי און דאָס אינדישע פאָלק האָבן אָבער ג י ש ט פאַרגעסן. דעם 28־טן פעברואַר 1919 איז אין אינדיע אויסגעבראָכן אַ רעוואָ־לוציע.

גאַנדי האָט אויפגעהויבן זיין שטימע. ער האָט באַפוילן זיין פאָלק: „גישט פאַרגיסן קיין בלוט!“. דאָס גאַנצע פאָלק — הינדוס און מאָסלעמס — האָבן געהאָרכזאַם זיך צוגעהערט צו גאַנדין. אַ גרויס בלוט־באָד איז דעמאָלט אויסגעמיטן געוואָרן.

ענגלאַנד האָט אויפסניי געזען, אַז גאַנדיס איין באַפעל איז שטאַרקער און מעכטיקער פון קאַנאָנען און באַגנעטן.

גאַנדי האָט גלייכצייטיק באַפוילן זיין פאָלק: „ה א ר ט א ל“!— אָפּשטעלן אַלע טעטיקייטן פון אַרבעט און האַנדל אין גאַנץ אינדיע.

דאָס פאָלק האָט ווידער אַמאָל געהאָרכזאַם זיך צוגעהערט צו גאַנדין.

„סאַטיאַגראַהאַ“ און „האַרטאַל“ — זענען געוואָרן די פּאָפּו־לערסטע ווערטער אין אינדיע, און דאָס שטאַרקסטע געווער אין דער רעוואָלוציע פון „פּאַסיוון ווידערשטאַנד“ קעגן דער דאָרטיקער ענג־לישער קאָלאָניאַלער מאַכט.

## דער קליינער „דודל“ — גאַנדי קעגן ענגלישן „גלית“

דריי הונדערט יאָר האָט ענגלאַנד געהערשט איבער אינדיע.

מיט די פּסוקים פון דער הייליקער ביבל האָט ענגלאַנד געפירט איר הערשאַפט פון „טייל און הערש“. דערשטיקט אויפשטאַנדן קעגן איר מאַכט און זיך געהאַלטן פאַר דער גרעסטער אימפּעריע און שטאַרקסטער מאַכט אויף די ימען.

אָבער, אַז עס זאָל קומען אַ קליין, דאַר מענטשל, און זאָל נאָר

מיטן כוח פון זיין וואָרט און רעליגיעזן געוויסן „באַפעלן” די ענגלי־שע קרוין און ברעכן איר שטאַרקע קאָלאָניאַלע מאַכט אין ריזיקן אינדיע — אַזאַ „שאַנדע” האָט ענגלאַנד נישט געקאָנט פאַרטראָגן. האָט געברענט איר שנאה און זי האָט געגרייט נקמה.

ענגלאַנד האָט צוערשט זיך אויסגעלאַכט פון גאַנדיס „פיקס אידעע” און פראָפּאַגאַנדע. ענגלאַנד האָט געגלייבט, אַז דער כוח פון מאַכט — פון האַרמאַט און שטאַרקע האַנט — איז מעכטיקער, ווי א „נאַרישע” אילוזיע פון „פּאַסיוון ווידערשטאַנד”. די ענגלישע אימפעריע וועט זיך נישט קאָנען אן עצה־געבן מיט אַזאַ מענטשעלע־„ווערימל” ווי גאנדי?...

די ענגלישע הערשער אין אינדיע האָבן גאנדין אריינגעוואָרפן אין תפיסה, איינמאָל און ווידעראַמאָל. זיי זענען געווען זיכער, אַז אויב זיי וועלן נישט איינברעכן גאַנדין מאָראליש — וועלן זיי זיכער אים איינברעכן פיזיש. „גאנדי וועט שטארבן אין תפיסה און — „פּטור אָן עסק” מיט אזא ווידערשפעניקער”...

גאנדי איז אָבער געווען פעאיק נישט נאָר צו ליידן און שווייגן, נאָר אויך צו — הונגערן.

גאַנדי האָט אויך געלערנט זיינע נאָכפאָלגער, אַז וואָס מער מען ליידט — אַלץ גרעסער איז דער פּראָגרעס. אויב מיר ווילן לעבן — מוז מען וואָס מער און וואָס טיפער קאָנען ליידן. אַ מאַמע ליידט, כדי איר קינד זאָל אויפוואַקסן, זיין געזונט און לעבן.

דער אסקעט גאנדי איז געוואָרן נישט נאָר די „גרויסע נשמה און נביא” פון אינדישן פאָלק, נאָר אויך דער „נביא פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט”.

## ענגלאַנד „לאַכט” און גאַנדי שווייגט

ענגלאנד האָט זיך געפירט מיט גאנדי אין אינדיע — ענלעך ווי פרעה אין מצרים צו משהן. נאָך יעדן צוזאָג צו פאַרבעסערן דעם

גורל פון די הינדוסן אין אינדיע — האָט די ענגלישע הערשאַפט פאַרשאַרפט אירע געזעצן און אַרעסטירט גאַנדין.

דעם ערשטן „שטאַרקן כוח" האָט די ענגלישע מאַכט באַוויזן, ווען זי האָט געשאָסן אין אַ הינדו-המון און ז׳ערהרגעט 400 פּערזאָן. אַלס ענטפער — האָט גאַנדי אויפסנייַ באַפוילן זיינע אַנהענגער: — „ס אַ ט י אַ ג ר אַ ה אַ", — אין נאָמען פון הינדואיזם, געדולדיק פאַרשווייגן און זיך האַלטן פּאַסיוו. נישט ענטפערן מיט געוואַלד-טאַטן קעגן די ענגלישע געוואַלד-טאַטן. ווייטער שווייגן; ווייטער נישט אויספירן די ענגלישע באַפעלן; ווייטער פירן דעם קאַמף דורך פּ אַ ס י וו ן ווידערשטאַנד.

גאַר שטאַרק האָט די ענגלישע מאַכט ג ע ל אַ כ ט ווען גאַנדי האָט באַפוילן די הונדערטער מיליאָנען הינדוסן צוריקצונעמען זיך צום „האַנט-שפּינדל" — אליין שפּינען און וועבן פאַר זיך לייוונט פאַר מלבושים.

גאַנדי האָט אָבער נ י ש ט געלאַכט. ער האָט געשוויגן. דורכן „האַנט-שפּינדל" האָט ער געצילט צו באַיקאָטירן און אָ וו ע ק-



אַ הינדו ביי זיין „וועב־שפּינדל". אויף גאַנדי׳ס אָנווייז האָבן צענדליקער מיליאָנען הינדוסן זיך באַנוצט מיטן „וועב־שפּינדל", אויסצואַרבעטן אייגענע סחורה פאַר זייערע מלבושים — אַלס פּראָטעסט קעגן דער ענגלישער הערשאַפט.

ה ר ג ע נ ע ן  די ענגלישע טעקסטיל-אינדוסטריע, וועלכע האָט „באליידיקט" די הונדערטער מיליאָנען הינדוסן און רייך געוואָרן פון זייער אָרעמקייט.

## גאַנדי מאַכט ענגלאַנד וויינען

זייער שנעל האָבן די ענגלענדער אויפגעהערט צו לאַכן. זיי האָבן אָנגעהויבן  ו ו י י נ ע ן. גאַנדיס „האַנט-שפינדל" האָט געקלאַפּט איבער ענגלאַנדס קעשענעס.

די ענגלישע עקאָנאָמיע אין אינדיע איז, אדאנק גאנדין, צעבראָכן געוואָרן.

דורכן „האַנט-שפינדל" האָט גאַנדי אויך געצילט צו אָרגאַניזירן זיינע הינדוסן, ווי בכלל די אונטערדריקטע מאַסן אין אינדיע, צו זעלבסט-אויסקום און זיי צוגרייטן צו אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן.

אויך דאָס איז גאַנדין געלונגען.

נאָך דעם, אַז ענגלאַנד האָט פאַראָרדנט די אינדיער, צו קויפן זאַלץ נאָר פון דער ענגלישער אָקופּאַציע-מאַכט — האָט גאַנדי אָרגאַניזירט זיינע מענטשן פאַר אַ „מאַרש צום ים", כדי צו באַנוצן זיך מיטן זאַלץ, אליין ארויסגעצויגן פון ים אויפן פרימיטיוופסטן אופן.

די ענגלישע באַגנעטן האָבן געפּרוווט שטערן דעם מאַרש.

גאַנדי האָט ווידער געענטפערט מיט — אויסלייגן זיך אויף די וועגן; אויף די באַן-רעלסן; לאָזן זיך טרעטן איבער די קערפּערס — פּ אַ ס י ו ו ע ר ווידערשטאַנד!

ענגלאַנד האָט זיך געמאַכט „נישט פאַרשטיין" גאַנדין און „נישט זען" דעם פּאָטענציעלן כוח פון זיין השפּעה.

די שטייפע, שטאָלצע, קאַלטע און פאַרחוצפּהטע ענגלישע הערשער האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען אַזאַ בייעם, „מאָדערנעם" געווער פון אונטערדריקטע שקלאַפן קעגן זייערע אונטערדריקער — אַ געווער פון  ש ו ו י י ג ן  פון געדולדיק נישט-אויספּאָלגן באַפעלן.

ל י י ב   ש ט ש ע ק א ט ש - ר א ז ע ן

# גראַנגל צווישן „ציוויליזאַציע" און רעליגיעזן גלויבן

די 60 טויזנט צעפּיעשטשעטע ענגלישע סאָלדאַטלעך, לעבנדיק אין דער פרעמד, אָפּגעריסן פון היים און פאַמיליע, אין אַ פרעמדן, שווערן קלימאַט, אין אַ ריזן-לאַנד פון הונדערטער מיליאָנען אָרעמע און פאַנאַטיש-פרומע גלייביקע אין אַ רעליגיע פון הונדערטער געטער; אין אַ דור-הפּלגה פון הונדערטער פרעמדע שפּראַכן און דיאַלעקטן, מיט טראַדיציעס און לעבנס-אייגנשאַפטן פרעמד דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע — פאַר די דאָזיקע סאָלדאַטלעך איז געוואָרן אומדערטרעגלעך צו באַהערשן די אינדישע מאַסן.

אין די אויגן פון די ענגלישע סאָלדאַטן האָט אָנגעהויבן אויסזען אַבסורדאַל און משוגע צו קאָנען באַקעמפן און באַהערשן די אומ-באַוואָפנטע שווייגנדיקע אינדיער.

די ענגלישע קאָלאָניאַלע מאַכט האָט ענדלעך אָנגעהויבן אייַנזען, אַז ווען זי וואָלט אין אינדיע רעגירט איבער ציוויליזירטע מענטשן, וועלכע זענען געווינט, אָדער ווילן, פירן אַ נאָרמאַל ציוויליזירט לעבן — וואָלט זי געקענט אָנווענדן איר כוח און „שטאַרקע האַנט", צ ו ו י נ ג ע ן צו זיין געהאָרכזאַם צו אירע שטרענגע קאָלאָניאַלע געזעצן. אָבער ווען הונדערטער מיליאָנען ש ו ו י י ג ן, לאָזן זיך אַריינפּאַקן אין די תּפיסות, זענען גרייט צו פאַסטן ביזן טויט, און דערביי נישט אויפהייבן אַ האַנט קעגן אַטאַקירער — קעגן א ז א מאַסע ווערט „ענגער די לופט" און שווערער צו קעמפן.

# גאַנדי אַ מוסטער פון אַן אידעאַלן פירער

גאַנדיס מאָראַלישער כוח האָט אַרויסגערופן צוטרוי און רעס-פּעקט — ווייל מיט זיין אייגן לעבן האָט ער געוויזן אַ מוסטער

פאַר אַנדערע. ער האָט געלעבט אין פולן גייסט פון זיין הינדו־רעליגיע. ער האָט געלעבט אין גייסט פון זיינע לערעס.

אויב די קו איז „הייליק" לויט זיין רעליגיע — האָט גאַנדי בישט געטרונקען די מילך פון דער קו.

אויב זיין פאָלק איז אָרעם און אונטערדריקט — האָט ער, פונקט ווי זיין פאָלק, געלעבט אַן אַסקעטיש לעבן, געשפייזט זיך מיט אַ ביסל גרויפּן, ראַזשינקעס און ציגן־מילך.

אויב מען דאַרף זיך באַנוצן מיט סחורות פון „האַנט־שפינדל" — האָט גאַנדי דער ערשטער זיך אָנגעטאָן אַ מלבוש פון „האַנט־שפינדל"־סחורה.

זיין סיסטעם איז געווען — ווי איצט אין דער ישראל־אַרמיי — „אחרי". האָט דאָס אינדישע פאָלק געזען אין גאַנדין דעם מוסטערהאַפטן מנהיג און געהאַרכזאַם געגאַנגען אין זיינע וועגן.

אַז דער ענגלישער קרוין־פּרינץ איז אַמאָל געקומען קיין קאַלקוטאַ — האָט ער דאָרט געטראָפן אַ „טויטע שטאָט", ווייל — ג אַ נ ד י האָט באַפוילן, אַז קיין איינציקער הינדו זאָל זיך נישט באַווייזן אין גאַס און קיינער זאָל נישט באַגריסן דעם ענגלישן קרוין־פּרינץ. דאָס פאָלק האָט מוסטערהאַפט און פאַנאַטיש־פרום אויסגעפירט דעם באַפעל.

דער ענגלישער כבוד האָט זיך געפילט זייער באַליידיקט. 25 טויזנט הינדוסן, מענער און פרויען, זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר נ י ש ט צוטיילן כבוד דעם ענגלישן פּרינץ. זענען זיי געגאַנגען אין תפיסה מיט געזאַנג.

אַז די ענגלענדער האָבן צוליב דעם אַרעסטירט אויך גאַנדין — האָט גאַנדי דערקלערט דעם ריכטער: „א י ך האָב אָרגאַניזירט דעם רעוואָלט קעגן ענגלאַנד! באַשטראָפט מיך — איך בעט נ י ש ט קיין רחמנות ביי אייך. להיפוך — איך האָב געבראָכן א י י ע ר געזעץ".

דער ריכטער האָט, מיט ענגלישער דזשענטעלמענישקייט, מודה געווען, אַז גאַנדי איז אַ מענטש מיט גרויסע אידעאַלן און פירט

אַ הייליק לעבן. מען קען נישט איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז אין די אויגן פון הונדערטער מיליאָנען הינדוסן איז ער אַ פּאַטריאָט און גרויסער גייסטיקער פירער. און — מיט אַ פסוק פון דער ביבל — האָט ער גאַנדין פאַרמשפּט אויף „בלויז" 5 יאָר תּפיסה...

גאַנדי איז אַרויס פון תּפיסה אַ קראַנקער און פיזיש-צעבראָכענער.

אָבער גאַנדיס גרויסער גייסט און גרויסע נשמה איז נישט געווען געבראָכן.

גאַנדי האָט נישט — ווי דער ענגלישער שופט — זיך באַנוצט צבועש און פאַלש מיט „ביבל-פסוקים". גאַנדי האָט גערעדט אין נאָמען פון זיין הינדו-רעליגיע, אין נאָמען פון זיינע הונדערטער מיליאָנען געטרייע תּלמידים, און אין נאָמען פון אמת און גערעכטיקייט.

## די הינדו־מאָראַל
## אַנטקעגן געפעלשטער ביבל־מאָראַל

דאָס גאַנצע הינדו־פאָלק איז געוואָרן ווי איין פאַראייניקטער געטרייער תּלמיד פון זיין גרויסן לערער און פירער מאַהאַטמאַ גאַנדי.

מיטן מאָמענט ווען גאַנדי האָט איבערצייגט זיין פאָלק וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפן דורך פּאַסיוון ווידערשטאַנד, זענען די הונדערטער מיליאָנען הינדוסן, אָן אונטערשייד פון קאַסטעס, געשטאַנען גרייט אויסצופירן זיינע באַפעלן און ליידן יסורים.

אויך די מיליאָנען אַנדערש־גלויביקע אינדיער האָבן אָנערקענט גאַנדיס גרויסקייט און פירערשאַפט, און מיטגעגאַנגען אין די רייען פון זיינע נאָכפאָלגער.

„נישט אויספירן די ענגלישע געזעצן; נישט האַסן, און נישט אויפהייבן אַ האַנט קעגן אַן ענגלישן סאָלדאַט, אָדער פּאָליציאַנט" —

איז געווען די הייליקע ביבל פון גאַנדיס לערע.

„ענטפּערט מיט פריינדלעכקייט און מענטשן־ליבע; ווייזט דעם אונטערשייד פון דער הינדו־מאָראַל אַנטקעגן דער ענגלישער פּאַל־שער „ביבל־מאָראַל” — איז געווען גאַנדיס מאָראַליש און רעליגיעז כלי־זיין.

# מאָדערנער נביא פון קאַמף אָן בלוט־פאַרגיסונג

אין אינדיע, און אין דער וועלט, איז גאַנדי באַטראַכט געוואָרן נישט נאָר אַלס מענטש פון לויטער גייסט, נאָר בעיקר אַלס מאָדער־נער נביא, וואָס האָט געקעמפט פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט אָן בלוט־פאַרגיסונג.

די וועלט האָט דאָס אָבער קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטייט דאָס ווייטער נישט. זינט עשו האָט באַקומען זיין ברכה פון „ועל חרבך תחיה”, ביזן היינטיקן טאָג, געוועלטיקט אין דער וועלט „די פויסט” און באַגנעט.

אַלע רעליגיעס, אַלע פרייהייטס־קעמפער, אַפילו אַלע הומאַני־טאַרע פרעדיקער, האָבן נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון „כל דאלים גבר”. דער שטאַרקערער הערשט איבערן שוואַכערן.

גאַנדי האָט אָבער נישט בלויז געלערנט און געפּרעדיקט, נאָר ר ע א ל י ז י ר ט זיין אידעע, אַז ווי טייער פרייהייט זאָל נישט זיין — טאָר מען נ י ש ט באַצאָלן דערפאַר מיט פאַרגיסן מענטש־לעך בלוט. „דער, וואָס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט — איז אַ מ ע ר־ד ע ר. דער, וואָס פירט גרויסע מלחמות — איז אַ מ אַ ס ן־מערדער”. צו דעם דאַרף מען נישט זיין קיין זשעני.

גאַנדי זאָל האָבן דערקלערט, אַז ער איז נישט געקומען אויף דער וועלט צו ענדערן די אָבערגלויבנס, אָדער געטער־דינעריי, פון זיין הינדו־רעליגיע. ער איז געבוירן אַ הינדו, און לעבט לויט

די לערעס פון זיין רעליגיע. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט איין שליחות: באַפרייען זיין אינדיש פאָלק פון שקלאַפעריי.

## בלויז גאַנדי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון זיין לערע

גאַנדי האָט אויך אויפגעוועקט דאָס געוויסן פון דער גאַנצער אַפריקאַנער און אַזיאַטישער וועלט. צענדליקער פאַרשקלאַפטע פעלקער וועלכע האָבן געוווינען זייער פרייהייט און זיצן היינט אין דער משפחה פון די „פאַראייניקטע פעלקער" (אונ"אָ) — האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען גאַנדין.

די דאָזיקע פעלקער האָבן אָבער דערגרייכט זייער פרייהייט י אָ מיט בלוט־פאַרגיסונג.

בלויז גאַנדי האָט באַוויזן דעם ביישפּיללאָזן וווּנדער צו באַפרייען אינדיע אָ ן בלוט־פאַרגיסונג.

דאָס לעצטע מאָל ווען ענגלאַנד האָט אַריינגעוואָרפן גאַנדין אין תפיסה איז געווען אין 1942. גאַנדי האָט אויף דעם געענטפערט: עס איז אַ כבוד צו זיצן אין תפיסה פאַר אַן ערלעכער זאַך — פאַר דער אידעע פון פרייהייט.

אָבער אין 1947 האָט גאַנדי זוכה געווען צו זען די באַפרייאונג פון זיין פאָלק און לאַנד. אינדיע איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, באַפרייט פון אָקופּאַנטישע קייטן.

## ענגלאַנד טיילט „מתנות" און גראָבט בלוט־ימען

ענגלאַנד האָט אָבער אָפּגעטאָן אינדיע אַ „שטיקל". פונקט ווי די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט אין ארץ־ישראל האָט אַרויסגעוויזן

„גרויסמוטיקייט" און אַוועקגעגעבן אַ „מתנה" עבר־הירדן צו אַבדאַללהאַן — דעם זיידן פון הייַנטיקן קעניגל כוסיין — אַזוי האָט ענגלאַנד אַוועקגעגעבן אַ „מתנה" אַ שטיק אינדיע צו די אינדישע מוסולמענער און „פראָקלאַמירט" די מלוכה „פּאַקיסטאַן".

גאַנדי האָט אַ לעבן־לאַנג געקעמפט פאַר אַ פרידלעכן צוזאַ־מענלעבן צווישן די הינדוסן און מאָסלעמס. ער האָט געפּרעדיקט אחדות און ברודערשאַפט.

ענגלאַנדס „אויסגעחלומטע" צ ע ט י י ל ו נ ג צווישן די הינדוסן און מוסולמענער — האָט אַריינגעוואָרפן די הונדערטער מיליאָנען הינדוסן און מאָסלעמס אין אַ בלוט־באָד. דאָס האָט ענג־לאַנד פאַקטיש אָפּגעצאָלט אינדיע פאַר איר 300־יאָריקער הערשאַפט אין דאָזיגן לאַנד.

גאַנדיס האַרץ האָט געבלוטיקט, אַז ביים סוף פון זיין לעבן זאָל ער צוזען, ווי זיין לעבנס־חלום פון פּאַסיזון ווידערשטאַנד ווערט דערטרונקען אין אַ בלוט־ים פון קאַמפן צווישן הינדוסן און מאָס־לעמס — אַלע אינדיער.

האָט גאַנדי, אין עלטער פון 78 (אַכט און זיבעציק) יאָר — דעם 13־טן יאַנואַר 1948 — פּראָקלאַמירט אַ הונגער־שטרייק — הונגערן אַפילו ביז טויט. אָבער דאָס מאָל גראַד נישט קעגן ענגלאַנד, נאָר — אַלס פּראָטעסט קעגן בלוט־פאַרגיסונג און ברודער־קאַמפן אין די גאַסן פון באַפרייטן אינדיע.

דאָס איז געווען מער אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע ר שטרייק, אַן אויסגעשריי קעגן טייוול פון דער צייט, קעגן גורל פון זינדיקן מענטשלעכן לעבן.

אויפן 5-טן טאָג פון גאנדיס הונגער-שטרייק, האָבן די פירער פון די קעמפנדיקע פאַרשידענע גרופן אָפּגעשטעלט זייער בלוט־באָד. גאַנדי האָט פאַרענדיקט זיין הונגער־שטרייק.

גאַנדי האָט ווידעראַמאָל אָפּגעהאַלטן אַ מאָראַלישן נצחון. זיין נשמה האָט ווידעראַמאָל אויפגעלויכטן.

ל ײ ב   ש ט ש ע ק א ַ ט ש ־ ר א ָ ז ע ן

# װען דער אידעאַל פאַרװירקלעכט — אויסגעהויכט זײַן נשמה

גאַנדי האָט דערלעבט צו זען דעם דערפאָלג פון זײַן לעבנס־אידעע, באַזירט אויף פאַסיװן װידערשטאַנד. די שמחה איז אָבער נישט געװען קײן גאַנצע, װײַל „פאַקיסטאַן" איז, װי אַ שטיק הארץ, אויסגעשניטן געװאָרן פון אינדיע.

גאַנדין איז נישט געװען אויפגעלײגט לאַנג צו עסן די פרוכט פון זײַן שאַפונג.

בלויז 12 טעג שפּעטער, װען גאַנדי איז געפאָרן אין דער אינ־דישער הויפּט־שטאָט, ניו־דעלהי, צו אַן עפנטלעכער  ת פ י ל ה — איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הויך־ראַנגיקער „פרומער הינדו" און — דערהרגעט גאַנדין.

דער מערדער איז געװען אַ מיוחס פון דער מיוחסדיקער בראה־מאַנישער קאַסטע.

פאַרװאָס האָט ער דערהרגעט גאַנדין?

טײל האָבן באַשולדיקט ענגלאַנד, אַז זי האָט דאָס גורם געװען „עמיצער" זאָל נעמען נקמה אין מענטש, װאָס האָט פאַרטריבן ענג־לאַנד פון אינדיע.

אָפיציעל אָבער איז געבליבן אין דער „געשיכטע", אַז דער מיוחסדיקער, מערדערישער „בראַהמאַן" האָט מורא געהאַט, אַז צוליב גאַנדיס לערע װעט אָפּגעשאַפט װערן די אומגלײכקײט, און אומגערעכטיקײט, פון די פאַרשידענע  ק א ַ ס ט ע ס  אין אינדיע, באַרעכטיקט לויט דער לערע פון הינדואיזם.

דער מערדער האָט, דעריבער, זיך אָנגענומען די עװלה פון די — טױזנטער הינדו־געטער...

טאָלעראַנץ און גלײכקײט פאַר אַלע הינדוסן? פאַר אַלע מענטשן? — ד אָ ס האָט דער פרומער בראַהמאַן נישט געקאָנט פאַרשטײן און נישט געװאָלט פאַרטראָגן. ד אָ ס איז אַ „פאַר־שװעכונג פון דער הינדו־רעליגיע"...

דריי שאָסן פונעם דאָזיקן מיוחסדיקן פרומען הינדו האָבן אַוועקגעהרגעט דעם גייסטרייכסטן מענטש פון אינדיע, די גרויסע נשמה פון אינדישן פאָלק — דעם פרומען הינדו מ אַ ה אַ ט מ אַ ג אַ נ ד י.



אַ רחמנותדיקע אינדישע פרוי שיט-אויס רייז אין פראָנט פון אַ הינדו-טעמפל צו שפּייזן הונגעריקע אינזעקטן. לויט דער הינדו-רעליגיע זענען אינזעקטן נעבעכדיקע, אומבאַהאָלפענע לעבעדיקע באַשע-פענישן. לכבוד יום-טובים אין דרום-אינדיע טוען הינדו-פרויען אויסשפּרייטן אין פראָנט פון זייערע הייזער דעקאָראַטיווע קונסט-טעפּיכער, אַלס סימן פון גליק און מזל-ברכה.

כאַראַקטעריסטיש, אַז טייל פון די דעקאָראַציעס זענען אין פאָרם פון מגן-דוד׳ס.

✶

ניו־דעלהי, די הויפט־שטאט און די אמיינסטן אייראפעאישע שטאט אין אינדיע, איז באַרימט מיט אירע הונדערטער טורעמס, קופאלן, פאַרביקע אָרנאַמענטן — די „שטאָט פון טויזנט מאָנומענטן".

ביים אַריינגאַנג צום ווייס־מאַרמאָרנעם פּאַוויליאָן פון פּאַלאַץ דיוואַן־איכאס אויפן ברעג פון הייליקן טייך יאמונא, איז אויסגע־קריצט מיט גאָלדענע אותיות: „אויב עס איז פאַראַן אַ גן־עדן אויף דער ערד — איז ער דאָ, איז ער דאָ, איז ער דאָ".

נישט ווייט פון דאָזיקן „גן־עדן" שטראָמען מאַסן מענטשן צום קבר פון גרעסטן אינדיער פון אַלע צייטן — מ אַ ה אַ ט מ אַ גאַנדי.

# הינדואיזם האָט צוויי „אמתן" און אַ סך געטער

רעזומירנדיק די פילאָזאָפיע פון הינדואיזם ווערט קלאָר, אַז די הינדו-רעליגיע באַשטייט פון א קאָמפּלעקס פילאָזאָפיעס. די "הייליקע שריפטן" פון הינדואיזם נעמען אַרום קאָמפּליצירטע טעאָ-רעטישע און פּראַקטישע לערעס פון פילאָזאָפיע, רעליגיע און פּרינציפּן פון עטיק. טראָץ אַלע הינדואיסטישע פאַרנעפּלטע דואַ-ליסטישע אידעאָלאָגיעס וועגן גלייבן אין פאַרשידענע געטער — קומען זיי צו אַן אויספיר, אַז אַלע יסודות פון דער נאַטור און פון מענטשלעכן לעבן זענען אונטערגעוואָרפן דעם ווילן און חסד פון אַ העכערן איבערנאַטירלעכן כח.

אין דער הינדו-רעליגיע שיילט-זיך-אויס אמשטאַרקסטן דער קאָנפליקט צווישן די צוויי לערעס וועגן טעיזם—גלויבן אין מאָנאָ-טעיזם, און פּאַנטעאיזם, גלויבן אין אַ סך געטער, און אַ נישט-קלאָרע פילאָזאָפיע וועגן גאָט און נאַטור. אַ קאָנפליקט צווישן פילאָזאָפישן און רעליגיעזן דענקען, און צווישן די טעאָרעטישע און פּראַקטישע וועגן אין לעבן. אין הינדואיזם הייסט דאָס „דער

וועג צום אמת", אָדער — די פּרווון צו זוכן און געפינען דעם אמת פון דער מענטשלעכער נשמה און דעם מענטשנס ראָל אין לעבן.

די „הייליקע שריפטן" פון הינדואיזם אָנערקענען, דעריבער, צוויי סאָרטן פון „אמת" — איין „אמת", וואָס זיי רופן חכמה, צו דערגיין די סודות פון מענטשלעכן קיום; און דעם צווייטן „אמת", וואָס זיי רופן אינטואיציע, צוצוקומען צו ריינע און קאָנצענט-רירטע מחשבות אין טעגלעכן לעבן.

פון דעם אַלעם קומט הינדואיזם צום אויספיר, אַז דער מענטש דאַרף האָבן חכמה און כח צו קאָנטראָלירן זיינע געפילן און מאַטעריעלע פאַרלאַנגען. דאָס איז דער געהיימער כח אין דער נשמה פון יעדן מענטש.

וויסנשאַפטלער באַווייזן, אַז די אינדיער זענען תמיד געווען מענטשן פון בוך און גייסט, און פיינט געהאַט די שווערד. אפשר דערפאַר האָט הינדואיזם באַקומען אַ שטאַרקע השפעה אויף הונדערטער מיליאָנען מענטשן, און געקענט אַרויסגעבן אַזאַ גרויסן, מאָדערנעם גייסט ווי מאהאטמא גאנדי.

דער גרויסער אינדישער דיכטער און מיסטיקער ראבינדראנאט טאגאָרע האָט אַמאָל געזאָגט: — „איך בין אַ הינדו. דאָס איז נישט קיין רעליגיע, נאָר אַ פאָלק".

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז די קורצסטע און ריכטיקסטע דע-פיניציע וועגן הינדואיזם.

## די „בני ישראל" —
## קינדער פון די „פאַרלוירענע צען שבטים"

דער יידישער גלות האָט געשאַפן אַ יידישן ישוב אויך אין אינדיע.

די אידעע פון „קיבוץ גלויות", פון „וקבצינו יחד מארבע כנפות

הארץ״ און פון „מיזוג גלויות״, האט געברענגט קיין מדינת ישראל אַן עליה פון טויזנטער יידן פון אינדיע.

די דאָזיקע יידן זענען באַקאַנט אַלס „בני ישראל״.

זייער באַזעצן זיך אין מדינת ישראל האט אַרויסגערופן פּראָבלעמען, בעיקר אַרום דער פראַגע „מי יהודי״ — צי זענען זיי, די אינדישע יידן, „כשרע יידן״. צווישן רבנים און בעלי־הלכה אין ישראל זענען געווען חילוקי־דעות וועגן זייער אָפּשטאַם און „יידישקייט״. די דיסקוסיעס אַרום די „בני ישראל״ זענען איינגעשטילט געוואָרן. עס הערשט אַ „סטאַטוס קוואָ״, אַ „דזשענטעלמען אַגרימענט״, נישט צו רעדן וועגן דעם ענין. דער ראשון-לציון, הרב נסים, האט זיי אַריינגענומען אין כלל־ישראל.

## „אל תראוני שאני שחרחורת״

ווער זענען פאַקטיש די „בני ישראל״ אין אינדיע?

די „בני ישראל״, וועלכע באַשטייען אַממייסטן פון טונקל־הויטיקע (ברוינע) יידן, דערקלערן, אַז זיי זענען הונדערט פּראָצענטיקע כשרע יידן. זיי שטאַמען פון די „גולי־בבל״ און געהערן צו די „עשרת השבטים״. תיכף נאָכן חורבן פון ערשטן בית המקדש (587 פאַר דער איצטיקער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג), זענען זיי אַוועק קיין אינדיע און ביזן היינטיקן טאָג האַלטן זיי אויף זייער יידישן שטאַם און יידיש לעבן. העכער צוויי טויזנט יאָר קעמפן זיי פאַרן אויפהאַלט פון יידישן קיום, נישט פאַרשלונגען צו ווערן אין פרעמדקייט אַרום זיי.

היינט זענען זיי נאָר אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק טויזנט יידן אין אַ לאַבירינט פון אַ האַלבן מיליאַרד הינדוסן, מוסולמענער און אַנדערע רעליגיעס; צווישן אַ קולט פון געצנדינערישן הינדואיזם, מיט טויזנטער געטער, און טויזנטער אָפּגעזונדערטע קאַסטעס. טראָץ אַלעם, פירן זיי אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, האָבן אייגענע בתי

כנסת, אייגענע בית־עלמינס, לערנען יידישקייט זייערע קינדער און היטן אָפּ די עיקרים פון יידישקייט, לויט ווי ס'איז זיי איבער־געגעבן געוואָרן במסורה פון פאָטער צום זון און פון מוטער צו איר טאָכטער — בעיקר אויסנווייניק. אין לאַנגן גלות־וועג און אין דער פרעמדער וועלט, האָבן זיי נישט געהאַט קיין תורה־ספרים. זייער קאָנטאַקט מיט דער יידישער וועלט איז געווען אַ שוואַכער.

## לעגענדעס, מיסטיק און פאַנטאַזיעס באַגלייטן די אינדישע יידן

אַ שלל מיט לעגענדעס, געמישט מיט מיסטיק און פאַנטאַזיע, ווירקלעכקייט און געשיכטלעכע אונטערזוכונגען, זענען שוין צונויפ־געשטעלט געוואָרן אַרום לעבן פון די „בני ישראל".

פאַראַן אַ מיינונג, אַז אין דער צייט פון לעצטן מלך פון מלכות ישראל, הושע (733 — 722 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג) זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל דורכן מלך פון אשור, שלמנסר (מלכים ב', י"ז) און אַ טייל פון זיי זענען געקומען קיין אינדיע.

אַן אַנדערע ווערסיע איז פאַראַן, אַז די אור־עלטערן פון די אינדישע יידן זענען אַנטלאָפן פון די צפון־פּראָווינצן פון גליל אין דער צייט פון אַנטיו'כוסעס פאַרפאָלגונגען (166 פאַר דער איצטיקער צייט-רעכענונג). דאָס הייסט, זיי זענען אוועק פון ישראל, נאָך פאַרן חשמונאים־אויפשטאַנד קעגן אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און זיינע סירישע היילים. די דאָזיקע יידן זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אינדיע. זיי האָבן, אַזוי אַרום, נישט געזען דעם חשמונאים־נצחון און זייער באַ־פרייען ארץ ישראל. דעריבער האָבן די אינדישע יידן נישט געוווּסט פון יום־טוב חנוכה און אויך נישט געוווּסט וועגן דער שפּעטערדיקער געשיכטע מיט ישו הנוצרי, אדגל. די אינדישע יידן האָבן אָנגעהויבן פייערן חנוכה ערשט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, ווען קיין

אינדיע זענען אנגעקומען יידן פון באַגדאַד און אייראָפּע און אַהינ־געבערענגט, צוזאַמען מיטן חנוכה, אויך דעם תּלמוד און גאַנצן סדר פון שולחן-ערוכדיקן לעבן — פון וועלכן זיי האָבן ביז דעמאָלט לגמרי נישט געוווּסט.

מיט דריי הונדערט יאָר צוריק איז געקומען קיין אינדיע ר׳ דוד רחבי פון באַגדאַד און געלערנט די דאָרטיקע יידן אַלע דינים און מנהגים, וואָס זענען געווען אָנגענומען אין יידישן לעבן אין בבל. ביז זיין אָנקום קיין אינדיע, האָבן די אינדישע יידן אָפּגעהיטן מיט גרויס קדושה די תּפילה „שמע ישראל השם אלוקינו השם אחד" און די יידישע יום־טובים ראש־השנה, יום־כיפּור, סוכות, פּסח, שבועות און פּורים.

די יידן אין אינדיע עסן נישט קיין פלייש — אַזוי ווי די הינ־דוסן. פיש עסן זיי נאָר אַזעלכע, וואָס זענען כשר — וואָס האָבן פליגל און שיפּן (סנפּיר וקשקשת).

## לעגענדאַרע רעטונג פון יידן — פּאַסאַזשירן פון אַ געזונקענער שיף

אַ גאָר אינטערעסאַנטע געשיכטע דערציילן אינדישע יידן וועגן געבורט פון יידישן ישוב אין אינדיע.

אַ שיף מיט ארץ ישראלדיקע יידן איז אַנטלאָפן פון אַ שונא. די שיף איז געווען אָנגעלאָדנט אויך מיט כל טוב, וואָס די אַנטלויפנ־דיקע יידן האָבן געהאַט מיטגענומען אויף זייער וועג אין אַן אומ־באַקאַנטער ריכטונג פון ראַטעווען זיך. מיט דער שיף איז אָבער געשען אַן אומגליק — זי איז אונטערגעגאַנגען נעבן קאָנקאַן־ברעג פון די קאַנאַרן־אינדזלען פון צפון־אינדיע. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר זיבן מענער און זיבן פרויען. צוזאַמען מיט דער געזינקענער שיף האָבן די ים־כוואַליעס פאַרשלונגען אויך די איינציקע ספר־

תורה און אַנדערע כתבי־קודש, וואָס די אומגליקלעכע יידן האָבן געהאַט מיטגענומען.

די פּאַרצווייפלטע זיבן יידישע מענער און זיבן יידישע פרויען האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער אינדישער ערד. דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט און אָנגעהויבן בויען אַ נײַ יידיש לעבן. זיי האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די פרעמדע און ווילדע שבטים פון וויטן אינדיע. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אויסלעבן אַלס יידן אין אַ באַזונדערער און אָפּגעזונדערטער קהילה. געבוירן קינדער און זיי דערצויגן אין יידישן גייסט. וויפל יידישקייט זיי האָבן געדענקט פון אויסנווייניק — האָבן זיי איבערגעגעבן מינדלעך צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער. אַזוי פון דור צו דור. אָפּגעהיטן יידישע מנהגים און טראַדיציעס אויף וויפל זיי האָבן געדענקט.

פון זיי איז אויסגעוואַקסן די קהילה פון די „בני ישראל" — די יידישע קהילה אין אינדיע.

## צווייערליי יידישע קהלות אין אינדיע

דער יידישער ישוב אין אינדיע באַשטייט פון צוויי גרופּן:

1) די „בני ישראל", וועלכע זענען די תושבים, די אַלט־באַזעסענע זייט טויזנטער יאָרן;

2) אַ קלענערע גרופּע יידן פון אייראָפּע און אראבישע לענדער. זיי זאָלן האָבן געקומען קיין אינדיע זייט דעם 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט. צווישן זיי געפינען זיך אשכנזישע און ספרדישע יידן פון פערסיע און באַגדאַד, און זענען קאָנצענטרירט ארום דער „יאהוד"־קהילה. זיי וווינען אַמײַנסטן אין די גרויסע שטעט: קאַלקוטע, באָמביי און ראַנגאָאָן.

די „בני ישראל" בילדן דעם גרעסטן און וויכטיקסטן צווייג פון יידנטום אין אינדיע.

די יידן אין קאַלקוטע, הויפּט־שטאָט פון דער בענגאַל־

פראווינץ מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 60 מיליאָן מענטשן (אינדיע איז צעטיילט אויף 11 הויפט-פראווינצן), רעדן פארשידענע שפראכן און אראבישע דיאלעקטן. אַ טייל דאָרטיקע יידן פלעגן רעדן ביי זיך אין שטוב אפגאניש. די יידן אין באָמביי, וועלכע זענען געקומען פון איראק, פלעגן רעדן בעיקר אין אראבישן דיאלעקט.

דאָקעגן די יידן אין קאנקאן און אין פונא, אויפן מערבדיקן ברעג פון אינדיע, רעדן מאראטיש — די שפראַך וואָס ווערט געשריבן מיט סאנסקריטישע אותיות.

כמעט אלע יידן האָבן זיך אויך באַנוצט מיטן ענגלישן לשון. עברית האָבן זיי געקענט זייער ווייניק, חוץ עטלעכע תפילות פונעם דאַווענען.

## רמב״ם וועגן אינדישע יידן

דער גרויסער יידישער געלערנטער און פוסק רבי משה בן מיימון (רמב״ם, 1135—1204), האָט געשריבן אַ בריוו צו די חכמי לוניל (פראנקרייך) וועגן די „בני ישראל״. דער רמב״ם האָט אין דאָזיקן בריוו דערקלערט, אז די „בני ישראל״ היטן שבת און זענען מל זייערע קינדער דעם אכטן טאָג פון געבורט. דאָקעגן ווייסן זיי ווייניק וועגן תלמוד און יידישער געשיכטע פון נאָכן חורבן בית המקדש.

די „בני ישראל״ היטן אָפּ אויך קידוש החודש לויט דער לבנה, אזוי ווי עס פירן זיך די טראדיציאָנעלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט.

די רעליגיעזע טראדיציעס און מנהגים פון די „בני ישראל״ אונטערשיידן זיך שטארק פון אנדערע אלגעמיין־אָנגענומענע לויט דער הלכה.

# ווען זענען יידן געקומען קיין אינדיע

ווען דער צייט ווען יידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין אינדיע — זענען פאַקטיש נישטאָ קיין גענויע היסטאָרישע דאַטעס. פאַרשידענע יידישע און נישט־יידישע רייזנדע און היסטאָריקער דערציילן, אַז זיי האָבן אין אינדיע זיך אָנגעטראָפן אויף יידן, אָפּשטאַמיקע פון די „פאַרלוירענע" צען שבטים (טייל פון די פאָרשער האַלטן, אַז די ענגלענדער און יאַפּאַנעזער, די אינדיאַנער אין אַמעריקע, די אַרמענער און אַנדערע פעלקער, זאָלן אויך אָפּשטאַמען פון ...אונדזערע „עשרת השבטים").

לויט ווי עס איז געוויינלעך אָנגענומען, שטאַמט דאָס איצטיקע יידישע פאָלק בעיקר פון די צוויי שבטים — יהודה און בנימין.

אין תנ"ך (ספר מלכים א', י"ב, מלכים ב', י"ז) ווערט דערציילט, אַז נאָכן טויט פון שלמה המלך (933 פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג) איז ארץ־ישראל צעטיילט געוואָרן אין צוויי מלוכות — „מלכות יהודה", מיט ירושלים אַלס הויפּט־שטאָט, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון צוויי שבטים, יהודה און בנימין און „מלכות ישראל", מיט דער הויפּט־שטאָט שכם (נאָכדעם איז די הויפּט־שטאָט געווען — שומרון).

די „מלכות ישראל" איז באַשטאַנען פון צען שבטים (עשרת השבטים). אין יאָר 722 (פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג), ווען מלכות ישראל איז חרוב געוואָרן דורכן מלך אשור, איז אַ גרויסער טייל יידן פאַרטריבן געוואָרן קיין אשור און אַנדערע ערטער.

לויט דער גמרא (מגילה י"ד) האָט ירמיהו הנביא צוריק־געבראַכט די דאָזיקע יידן קיין ארץ־ישראל.

## לעגענדע וועגן יידן אויף „יענער זייט סמבטיון"

לויט אַן אַנדערער דערקלערונג אין דער גמרא (יבמות ט"ז),

זענען די „עשרת השבטים" אסימילירט און אויסגעמישט געוואָרן צווישן די נישט-יידן אין די פרעמדע לענדער, וווהין זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן, אָדער האָבן דאָרט אָהין אליין אויסגע-וואַנדערט.

אין יידישן פאָלק איז פאַרשפרייט אַ לעגענדע (דער יסוד דערפון איז אין מדרש איכה רבה), אַז די יידן פון די „עשרת השבטים" זענען פאַרטריבן געוואָרן, און געפינען זיך אויף „יענער זייט סמבטיון", אָדער אויף „יענער זייט פון די הרי חושך"...

טייל היסטאָריקער האַלטן, אַז ווען נישט די „פאַרלוירענע צען שבטים", און די פאַרשידענע שחיטות, פּאָגראָמען און אינקווי-זיציעס קעגן יידן במשך אונדזער צוויי־טויזנט-יאָריקן גלות, וואָלט דאָס יידישע פאָלק היינט געווען אַ פאָלק פון עטלעכע הונדערט מיליאָן נפשות.

## אינדיע — אין תנ״ך, גמרא און געשיכטע

אינדיע ווערט דערמאָנט אין תנ״ך מערערע מאָל אונטערן נאָמען „הודו".

אין „מגילת אסתר", (וואָס ווערט געלייענט אין פורים), ווערט דערמאָנט, אַז דער מלך אחשורוש האָט געקיניגט איבער „127 מדינות" — „פון הודו ביז כוש" — פון אינדיע ביז אַביסיניע — און ער האָט געשיקט צו די דאָרטיקע „אחשדרפנים" (דיסטריקט הערשער) בריוו אין זייערע שפּראַכן וועגן די יידן. דאָס איז אויך אַ פאַקט אַז יידן האָבן שוין דאַמאָלט געלעבט אין אינדיע.

טייל פאָרשער האַלטן, אַז דאָס לאַנד „אופיר", וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר מלכים, איז אינדיע. שלמה המלך האָט געהאַט האַנדלס-באַציאונגען מיט אינדיע, ער פלעגט שיקן שיפן קיין אינדיע צו ברענגען פון דאָרט גאָלד קיין ארץ-ישראל.

מען האַלט, דעריבער, אַז נאָך אין שלמה המלך'ס צייטן, אין

דער בלי־צייט פון מלכות יהודה און ערשטן בית המקדש, האָבן זיך יידן שוין באזעצט אין אינדיע, בעיקר כדי צו פירן די מסחרים פאַר שלמה המלך.

## צייטן פון זון־שיין און צייטן פון פינצטערער נאַכט

פינצטער איז געווען דער גורל פון קליינעם יידישן ישוב, פאַרוואָגלט אין פאַרוואָרפענעם גלות אין אינדיע.

צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר האָבן רעשטלעך יידן פון די „פאַרלוירענע צען שבטים" אָפגעהיטן זייער יידישן שטאַם אין אַ פרעמדער וועלט פון געצנדינערישע הינדוסן, פאַנאַטיש־האַסנדיקע מאַכמעדאַנער, נזירישע בודיסטן, אינקוויזיטאָרישע קריסטן, און אַנדערש־גלייביקע פון דזשונגל, מדבר און הרי־חושך.

אָפגעריסן פון דער יידישער וועלט, ווייט פאַרוואָרפענע ברוכשטיקער פון שווערן גלות — האָבן די יידן אין אינדיע זיך נישט אויסגעמישט מיטן פרעמדן און ווילדן אַרום; אויפגעהאַלטן דעם יידישן פונק אין זייערע הערצער און נשמות; נישט געלאָזט זיך פאַרשלונגען פונעם שטורמיקן און ווילדן אַרום; מיטן בלויזן „שמע ישראל" געצויגן דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער יידישער אמונה און געגלויבט, אַז זיי האַלטן אויף דעם יידישן שטאַם, דעם קליינעם איבערבלייב פון אַמאָליק גרויסן יידישן פאָלק; געמיינט, אַז זיי זענען די איינציק פאַרבליבענע יידן. האָבן זיי מיטן „שמע ישראל" געוואָרט אויף אליהו הנביא, ער זאָל זיי אָנזאָגן די בשורה פון גאולה, פונעם אָנקום פון משיח בן דוד, וועלכער זאָל מאַכן אַ סוף צו זייער גלות, אויסלייזן זיי און ברענגען צוריק צום לאַנד פון אבות אבותיהם — ארץ ישראל!

מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל, זענען זיי געווען זיכער, אַז די גאולה איז געקומען אויך פאַר זיי. זיי האָבן אָנגעהויבן עולה זיין קיין מדינת ישראל.

צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר האָבן זיי, טיילמאָל מיט די לעצטע כוחות, צונויפגעהאַלטן די רינגעלעך פון דער יידישער היס־טאָרישער קייט, פאַרן אייביקן קיום פון יידישן פאָלק.

## עלילות־דם צוליב אַ „הייליקע קו"

פאַרשידענע צייטן האָבן זיי געהאַט, די יידן אין אינדיע — אַלע דורות פון די „בני ישראל".

זיי האָבן געהאַט צייטן פון זון־שיין און צייטן פון פינצטערער נאַכט.

גענוג נאָר צו דערמאָנען איין „קליינעב" עפּיזאָד פון ערשט מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק.

די יידן אין דער אינדישער שטאָט אליבאג זענען באַשולדיקט געוואָרן אין הרגענען אַ — — — קו...

קען דען זיין ערגער ווי הרגענען אַ „הייליקע" קו אין אינדיע? שיעור נישט ענלעך, ווי קרייציקן יעזוסן, צי פאַרלייקענען מחמדן און זיין קאָראַן, אָדער באַליידיקן בודאַס איינציק פאַרבליבענעם צאָן...

דער „קו־בלבול" האָט געדראָט מיט אַ יידן-שחיטה, אַ פאַנאַ-טישן, הינדואיסטישן, פּאָגראָם.

אַלע יידן פון דער שטאָט האָבן געמוזט זיך פאַרזאַמלען אין מיטן מאַרק — ווי אין די צייטן פון דער צלם-אינקוויזיציע — און שווערן עפנטלעך, פאַר די טויזנטער דזשונגל־פאַנאַטישע הינדוסן, אַז נישט זיי, די לעבעדיקע יידן, און נישט קיינער פון זייערע על־טערן, אָדער קרובים, האָבן אַמאָל געהרגעט אַ — קו...

די עפנטלעכע שבועה האָט די דאָרטיקע יידן מציל־געווען פון קו בלוט־בלבול.

די יידן אין אינדיע האָבן אָבער במשך טויזנט יאָר נישט געוווסט פון אַ באַשולדיקונג פון „קרייציקן דעם קריסטלעכן גאָט".

די הינדוסן און די בודיסטן זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן. מען קען ביי זיי דינען צו וועלכן גאָט מען וויל. יעדער מעג זיך האָבן זיין אייגענעם גאָט. מען קען געהערן צו וועלכן פאָלק מען וויל. מען דאַרף נאָר לעבן אין דער אייגענער „קאַסטע"... נישט מישן זיך מיט אַנדערע קאַסטעס.

בלויז די קריסטן און מאַכמעדאַנער האָבן אַהינגעבערענגט שנאה און פעלקער־האַס.

## „ירושלים פון אינדיע" — פּאָליטיש זעלבסטשטענדיק

געוויסע צייטן, ווען יידן אין אינדיע האָבן געהאַט גרויסע פריי־ווילעגיעס. די שטאָט קראַנגאַנאָר איז באַטראַכט געוואָרן אַלס „ירו־שלים פון אינדיע". די דאָרטיקע יידן האָבן זוכה געווען צו פּאָליטישע ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק י י ט.

דער געוועזענער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, יצחק בן־צבי ז"ל, וועלכער האָט געפאָרשט די „פאַרלוירענע יידישע שבטים", האָט — בעת זיין רייזע קיין בורמאַ — נישט־אָפיציעל באַזוכט אינדיע און דעם מקום קדוש פון די דאָרטיקע „בני ישראל".

דערציילט ער אין זיין בוך „נדחי ישראל" — „די פאַרוואָגלטע און אויסגעלייזטע שבטים", אַז אין אינדיע זענען געווען אַפילו יידישע מ ד י נ ו ת. טייל האָבן געהאַט אַ לאַנגן קיום, און טייל — אַ קורצן קיום.

פּרעזידענט בן־צבי דערציילט אַז:

— — — „די זיבעטע מדינה האָט געגרינדעט יוסף רבן (ראַבאַן) אין 4־טן יאָרהונדערט, אין מ א ל א ב א ר, אויפן מערב־ברעג פונעם אינדישן האַלב־אינדזל. זי האָט עקזיסטירט אַ יאָר ט ו י ז נ ט (אונדזער אונטערשטריי־כונג — ל. ש.). פון איר שטאַמט די איצטיקע יידישע קהילה

אין קאטשין (היינט, אין 1962, זענען שוין כמעט אלע קאָ־
טשינער יידן אין מדינת ישראל)" (ז' 312).

אויף אַ צווייט אָרט אין זעלבן בוך דערציילט פּרעזידענט יצחק בן־צבי ז"ל, מער אויספירלעך, אַז:

„גלייכצייטיק האָט זיך געגרינדעט אַ יידישע מדינה העט ווייט, אין מערב־אינדיע. אויפן ברעג פון מאלאבאר. דער אָנהייב פון יענער מדינה איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון יוסף רבן — ער איז געקומען קיין מאלאבאר אין יאָר 379 (לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). אין קאָטשין, אין דער שול, געפינען זיך נאָך היינט, אַלטע מעשענע לוחות מיט אַן אויפשריפט אויף טאמיליש (אַ שפּראַך פון דער דראווי־דישער פאַמיליע), וועלכע זאָגט עדות, אַז יוסף רבן האָט באַקומען אַ פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פון דעם בראהמאנישן קעניג אירבי פארקוראן איראווי וואנמאר אין דער שטאָט אנדשאָוואנאם, איצט — שינגלי, אָדער קראנגאנאָר. אין דער אויפשריפט ווערן אויסגערעכנט די אויטאָנאָמישע רעכט און סימבאָלן, וועלכע יענער קעניג האָט געגעבן יוסף רבנען און זיין פאָלק. נאָך דעם איז די מדינה געווען זעלבסטשטענדיק גלייך ווי אַנדערע אינדישע פירשטנטימער. זי האָט עקזיס־טירט בערך טויזנט יאָר און איז חרוב געוואָרן אין יאָר 1471.

„די רעשטן פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג זענען אַריבער — ווילנדיק, אָדער נישט־ווילנדיק — קיין קאָטשין. פון 1565 ביז אונדזער צייט איז קאָטשין געווען זייער היים. במשך פון דעם קיום פון זייער מדינה אין מאלא־באר, האָבן אין איר געקיניגט 50 י י ד י ש ע מ ל כ י ם (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז — ל. ש.), איינער נאָכן אַנ־דערן, אַלע פון הויף פון יוסף רבן. און היינט האָבן מיר זוכה געווען צו זען די עליה פון די קאָטשינער יידן, פון ביידע קהילות — די „ווייסע" און די „באַפרייטע" (אַמאָליקע קנעכט) — קיין ארץ־ישראל" (ז"ז 319 — 320).

## אינדישע יידן האָבן אַרויסגעגעבן אַן אמורא — „רב יהודה הינדואה"

אַ באַווייז, אז יידן האָבן געלעבט אין אינדיע נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, געפינט מען אויך אין תלמוד (בבאַ־בתרא ע"ד). דאָרט ווערט דערמאָנט אן אמורא, מיטן נאָמען „רב יהודה



ספרי־תורה־פּאַראַד פון מיטגלידער פון דער „בני־ישראל" קהלה

הינדואה״ („הינדואה״ — אינדיע). דאָס באווייזט, אז נישט נאָר דאָ האָבן זייט טויזנטער יאָרן געוווינט יידן אין אינדיע, נאָר זיי האָבן אפילו באוויזן ארויסצוגעבן אן אמורא (מיטן נאָמען „אמורא״ זענען באצייכנט געוואָרן אַ ריי דורות פון תלמידי־חכמים וואָס האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל און אין בבל, זינט עס איז געשטאָרבן רבי יהודה הנשיא (בערך אין יאָר 219), וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, ביז עס איז געשלאָסן געוואָרן דער תלמוד (בערך אין יאָר 500). דער טיטל פון די ארץ־ישראל־אמוראים איז געווען „רבי״, און דער טיטל פון די בבל־אמוראים איז געווען „רב״).

עס איז נישט באוווסט, צי אין אינדיע זענען געווען ישיבות, צי די דאָרטיקע יידן האָבן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין ישיבות אין בבל.

דער באקאנטער יידישער רייזנדער ר׳ בנימין פון טודעלא, פון 12־טן יאָרהונדערט, דערציילט, אז ער האָט געטראָפן אין אינדיע אן עדה פון „שווארצע״ יידן.

היסטאָריקער דערקלערן, אז אויך רבי אברהם אבן־עזרא (1092—1167), גרויסער געלערנטער, פילאָזאָף און מפרש פון תנ״ך, האָט באזוכט די יידן אין אינדיע. טייל היסטאָריקער באווייזן, אז אין אָנהויב פון מיטלאלטער האָבן יידן געלעבט אין אינדיע.

## די אינקוויזיציע האָט דערגרייכט אויך קיין אינדיע

פון פארשידענע היסטאָרישע קוואלן איז באקאנט, אז ביזן 16־טן יאָרהונדערט איז די שטאָט מאלאבאר געווען א צענטער פון יידן אין אינדיע.

אַ לאַנגע צייט האָט פּאָרטוגאַל געהערשט איבער דער געגנט פון מאַלאַבאַר, און די דאָרטיקע יידן האָבן שטאַרק געליטן פון

דער אינקוויזיציע. אָבער אין 1663 האָבן די האָלענדער איבערגענומען די געגנט, און די יידן האָבן א ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. הונדערט יאָר שפּעטער האָט ענגלאַנד איבערגענומען די געגנט און דער־מעגלעכט די יידן צו לעבן פרייער.

זייט 16־טן יאָרהונדערט איז די שטאָט קאָטשין געוואָרן דער צענטער פון יידן אין אינדיע. די „בני ישראל״־יידן האָלטן אָבער, אז די יידישע קהלה אין קאָטשין עקזיסטירט שוין העכער 1900 יאָר.

די „ווייסע״ יידן אין אינדיע פלעגן א מאָל טענהן אז די „שווארצע״ יידן שטאַמען פון געמישטע חתונות מיט דער אָרטיקער אינדישער באַפעלקערונג און פריי־געוואָרענע שקלאַפן. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט מיטן פאַקט, וואָס די אינדישע יידן זענען עטנאָ־לאָגיש ענלעך צו אינדיער.

די „בני־ישראל״־יידן האָבן קאַטעגאָריש געלייקנט דעם חשד קעגן זיי. חוץ אַ ריי אנדערע מאָטיוון, באַווייזן זיי, נאָך איצט, אז ביי די באַדינגונגען פון הערשנדיקן הינדואיזם און שטרענגן קאסטע־סיסטעם איז בכלל געווען אוממעגלעך געמישטע חתונות פון יידן מיט וועלכער עס איז קאסטע. די יידן אין אינדיע האָבן תמיד געלעבט אָפּגעזונדערט — גייסטיק, רעליגיעז, און קולטור־רעל — פון דער אינדישער באַפעלקערונג. שפּעטער האָבן די „ווייסע״ יידן רעווידירט זייער חשד קעגן די „בני ישראל״.

די אינדישע באַפעלקערונג איז תמיד געווען טאָלעראַנט צו די יידן — סיי ווען זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט אלס איינצלנע, סיי שפּעטער, ווען זיי האָבן אָרגאַניזירט אן אייגענע קהלה און זיך אויסגעלעבט באַזונדער, צווישן זיך. טאַקע די יידישע אָפּגע־זונדערטקייט האָט דערמעגלעכט די יידן צו לעבן אומגעשטערט זייער אייגנאַרטיק לעבן, לויט דער אייגענער אמונה, מנהגים און טראַדיציעס, און אָפּהיטן זייער יידישן שטאַם. זיי האָבן געהיטן שבת און מל־געווען די ניי־געבוירענע יינגלעך. זיי האָבן אויך אָפּגעהיטן דעם טרויער־טאָג תשעה־באָב, אין צוגאָב צו די יום־טובים ראָש־השנה, יום־כיפּור, פּורים און פּסח.

ל י י ב   ש ט ש ע ק א ַ ט ש ־ ר א ַ ז ע ן

# שבת־רו — קען־צייכן פאר יידן אין אינדיע

די אינדיער האָבן נישט געוווּסט וואָס אַזוינס עס באַדייט „ייד", אָדער יידיש פאָלק. היות די יידן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דער ארומיקער באַפעלקערונג דורך רוען שבת, בעת אלע אנדערע איינוווינער האָבן געאַרבעט אין טאָג פון שבת — האָבן זיי גערופן די יידן — „די שבתדיקע מענטשן". שפּעטער, ווען די יידן האָבן זיך באַשעפטיקט בעיקר מיט ערד־ארבעט און מיט אויסקוועטשן (אויספּרעסן) אייל — האָט מען זיי גערופן „די שבתדיקע אייל־פּרעסער".

די אינדיער זענען אויך געווען טאָלעראַנט צו די „שבתדיקע אייל־פּרעסער", ווען די יידן האָבן באַגראָבן זייערע פאַרשטאָרבענע משפּחה־מיטגלידער אויף אַ בית־עולם, אין קעגנזאַץ צום אינדישן רעליגיעזן מנהג צו פאַרברענען זייערע מתים, אָדער זיי אָוועקצולייגן אויף אַ טורעם פאַר די ווילדע פייגל.

דער סידור פון די תפילות פון די „בני ישראל" איז לויטן ספרדישן נוסח, מיט אַן איבערזעצונג אין דער מאהראַטי שפּראַך.

קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן זיך באַמיט צו פאַנגען נשמות ביי די אינדישע יידן. דאָס איז זיי אָבער נישט געלונגען.

די „בני ישראל" האָבן געקעמפט פאַר זייער יידישן קיום. זייער געראַנגל איז געווען נישט קיין לייכטער. לעבנדיק טויזנטער יאָרן אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט, אין אַ קאָמפּליצירטער עטנאָ־גראַפישער, פּסיכאָלאָגישער, רעליגיעזער און מיסטעריעזער וועלט פון געצנדינערישן דור־הפלגה'דיקן הינדואיזם — האָבן זיי, טראָץ־אַלעם, אויפגעהאַלטן זייער טיפן רעליגיעזן גלויבן פון אחדות הבורא, און געוועבט זייערע חלומות, געמישט מיט לעגענדעס און טראַדיציעס, פון אמאָליקן ארץ־ישראל, מיטן בטחון אין משיחישער גאולה און צוריקקער קיין ארץ־ישראל, כדי ווידער זיך צו פאַראייניקן מיטן אייביקן יידישן פאָלק.

# האַרמאָניע און ברידערשאַפט צווישן די „צווייערלייי" יידן אין אינדיע

די גייסטיקע און קולטורעלע שאַפונגען פון די יידן אין אינדיע זענען ווייניק באַקאַנט. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן זענען אָפּגעווישט געוואָרן די אָפּגעזונדערטקייטן צווישן די ווייסע „יאַהודים" און די טונקעלע „בני ישראל". טראָץ אַלעם, האַלטן זיך די „יאַהודי"-יידן מער מיוחסדיק. זיי קליידן זיך אייראָפּעיש און פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אין אינדישן ווירטשאַפטלעכן לעבן. אַפילו זייערע פרויען קליידן זיך מער אייראָפּעיש.

פאַר די לעצטע הונדערט יאָר האָבן זיי געהאַט אייגענע זשורנאַלן און צייטשריפטן: „לאַיט אָוו טרוטה" („ליכט פון אמת"), 1877—1882, אין ענגליש און מאהראַטיש; „דהי דזשויש גאַזעט" (1874), מאַהראַטיש מיט יידישע אותיות; אויף ענגליש: „לאַיט אָוו דזשודאַיזם"; „פרענד אָוו איזראַעל", קאַלקוטע (1898); „בעיני איזראַעל" (באָמביי, 1894); „דזשויש טריביון", באָמביי, געגרינדעט אין 1934 (לויט „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע" אין יידיש, באַנד ג', „יידן", ציק"אָ 1942).

בעת דער ענגלישער הערשאַפט אין אינדיע האָט זיך בכלל שטאַרק פאַרבעסערט דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב פון די אינדישע יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט פאַרלאָזט די דערפער און קליינע שטעטלעך און זיך באַזעצט אין די גרויסע שטעט. דאָס האָט אויך פאַרבעסערט זייער גייסטיק און רעליגיעז לעבן אַלס יידן. זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לעבן מער אין די ראַמען פון דער יידישער קהילה און יידישער סביבה.

זיי האָבן דערגרייכט העכערע וועלטלעכע בילדונג און אָנגעהויבן פאַרנעמען חשובע פּאָזיציעס אין ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

לייב שטשעקאטש-ראזען

# יידישע פרויען איבערגענומען מנהגים פון אינדישע פרויען

די „בני ישראל" האָבן איבערגענומען אַ סך מנהגים פון דער אינדישער באפעלקערונג, אלס רעזולטאַט פון לעבן טויזנטער יאָרן אין אינדיע.

די „בני-ישראל" פרויען זענען לרוב געקליידט לויטן אינדישן טראַכט. אָבער אויך די אייראָפּעישע „יאהודי"-פרויען האָבן איבערגענומען אַ סך מנהגים פון די אינדישע פרויען, און זיי



טיפּישע יידישע באַבע אין אינדיע

קליידן זיך אויך אין די אינדישע טראַדיציאָנעלע „סאַרי" — א שאַל, איבערגעוואָרפן איבער די אקסלען אויף די אינדישע לאַנגע פרויען-קליידער, און פירן זיך אין איינקלאַנג מיט די לאָקאַלע מנהגים פון די אינדישע און אינדיש-הינדוסישע פרויען.

די יידישע פרויען אין אינדיע פירן זיך לויטן אינדישן מנהג פון זיצן אָפּגעזונדערט פון פרעמדע מענער. אויב דער אייגענער מאַן איז נישטאָ אין שטוב — וועלן זיי נישט אריינלאָזן אין שטוב אַ פרעמדן מאַן, אפילו אַ נאָענטן קרוב. זיי וועלן נישט זיצן ביי אַ טיש ווו עס זיצט אַן אינדישע פרוי וואָס ווערט באַטראַכט אַלס „קעבס-ווייב".

## האַרמאָניע צווישן „ווייסע" און „ברוינע" יידן

צווישן ביידע קהילות פון די יידן אין אינדיע — די „יאַהודי" און „בני ישראל" — הערשט אַ פולקאָמע האַרמאָניע. זיי זיינען זיך משדך און לעבן פריינטלעך צווישן זיך.

מחמת דער גרעסטער טייל יידן פון ביידע קהילות האָט העכערע אַקאַדעמישע בילדונג, פאַרנעמען זיי העכערע אַמטן אַלס פּראָפעסיאָנאַלן, לערער, ביוראָ-באַאַמטע, באַנק-באַאמטע, בוכהאַל-טערס, אין דער רעגירונג, מיליטער, און ביי אַנדערע אינטע-לעקטועלע פּראָפעסיעס. בעת דער ענגלישער הערשאַפט האָבן אַ סך יידן, בעיקר פון די „בני ישראל", זיך ספּעציאַליזירט אַלס פּראָפעסיאָנאַלן אין דער אַרמיי, און אַ דאַנק זייער אינטעליגענץ זיך באַרימט געמאַכט אַלס גוטע אינסטרוקטאָרן.

די „יאַהודי"-יידן, בעיקר די איינגעוואַנדערטע פון אייראָפּע, האָבן פאַרשטאַרקט דאָס יידישע לעבן אין אינדיע, זיי האָבן שטאַרק משפיע געווען אויפן גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן פון די אַלט-איינגעזעסענע „בני ישראל".

צוזאַמען האָבן זיי געשטאַרקט דעם גאָלדענעם פאַדים, וואָס ציט

זיך זייט טויזנטער יאָרן יידישע געשיכטע, צווישן די ברוין־הויטיקע „גולי ירושלים״ און דעם צעזייטן־און־צעשפרייטן יידנטום אין גלות, ביזן איצטיקן באַפרייטן מדינת ישראל.

## די „בני ישראל״ לעבן לויט דער הלכה ווען „ווער איז אַ ייד״

די „בני ישראל״ האָבן במשך טויזנטער יאָרן אָפּגעהיטן די הלכה, צו פאַררעכענען פאַר אַ ייד נאָר אַ קינד וואָס איז געבוירן פון אַ יידישער מאַמע.

זיי האָבן שטרענג אונטערשיידט צווישן קינדער פון יידישע מאַמעס, און קינדער פון נישט־יידישע מאַמעס.

פאַר זיי איז דאָס „מאָדערנע״ פּראָבלעם „ווער איז אַ ייד״ געווען געלייזט זייט זייער אָנקום קיין אינדיע.

אויב עס פּאַסירט, אַז אַ יידיש מיידל האָט חתונה מיט אַ הינדוס — אַן אונטערשייד פון וועלכער קאַסטע — ווערט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסע שאַנדע פאַר דער יידישער משפחה. ווי פאַר דער גאַנצער קהילה. דאָס מיידל פאַלט אַרויס פון דער יידישער סביבה. זי ווערט באַטראַכט ווי פאַרלוירן פון יידישן כלל.

אויב עס פּאַסירט, אַז אַ יידישער בחור האָט חתונה מיט אַ אינדיש מיידל און זי איז זיך מגייר כדת משה וישראל — ווערט דאָס מיידל אַקצעפּטירט אין יידישן לעבן. זי ווערט אָבער גלייכ־צייטיק באַלד אויסגעשלאָסן פון איר פריערדיקער אינדישער קאַסטע.

טראָץ דעם, וואָס די יידן אין אינדיע פירן אַ זעלבסטשטענדיק אָרגאַניזירט יידיש לעבן — האָבן זיי תמיד געלעבט בשלום מיט די הינדוסן ווי בכלל מיט דער אינדישער באַפעלקערונג.

די יידן האָבן תמיד געלעבט אָפּגעזונדערט און נישט געהאַט קיין שייכות מיטן אינדישן קאַסטע־סיסטעם.

די יידן אין אינדיע ווייסן נישט בדרך־כלל פון קיין אַנטי־

סעמיטיזם — טראָץ וואָס די איצטיקע רעגירונג איז פּראָ־אַראַביש און האָט נישט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט מדינת ישראל.

אַלע אינדישע יידן אידענטיפיצירן זיך היינט־צו־טאָג מיט מדינת ישראל. די גאַנצע יידישע יוגנט באַקומט אַ יידישע דערציונג; זי לערנט עברית, אַלס צווייטע שפּראַך, און ווערט צוגעגרייט צו עליה קיין ישראל. אויך די יידישע סטודענטן אין גרעסטן קאָלעדזש אין באָמביי לערנען עברית, אַלס זייער צווייטע שפּראַך.

כמעט אַלע יידן פון קאָטשין האָבן שוין עולה־געווען קיין מדינת ישראל.

עס זיינען נאָך פאַרבליבן אַן ערך 15 טויזנט יידן אין באָמביי און אַנדערע ערטער, וועלכע זענען אויך גרייט עולה צו זיין קיין ישראל. בלויז אַ קליינע צאָל רייכע יידן אין אינדיע איז נאָך נישט גרייט צו עליה.

## „יידישע אינדיאַנער" באַקלאָגן זיך אויף חילול־שבת...

אַ „קהילה" פון קוים טעלעכע הונדערט „אינדיאַנישע יידן" האַלט־אויף איר קיום אין מעקסיקע.

די קהילה רופט זיך „קהל קדוש בני אלהים". אירע מיטגלידער האַלטן זיך פאַר אייניקלעך פון די שפּאַנישע אַנוסים, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן אָפּגעהיטן יידישקייט אין געהיים. זיי זיינען אָרעמע פּויערים, אַרבעטן נישט אום שבת, זיינען מל זייערע קינדער, עסן נישט קיין חזיר, האָבן אַ בית־הכנסת, וווּ זיי דאַוונען פון סידורים אויף שפּאַניש.

עטלעכע הונדערט אָרעמע פּויערים אין מעקסיקאַנער דאָרף ווענ־טאָ־פּריעטאָ, אַרום 60 מייל פון מעקסיקע־סיטי, זיינען אַ טייל פון די „אינדיאַנישע יידן", ועמען עס טוט וויי צוצוזען דעם חילול־שבת פון יידן — ווען נאָר זיי באַזוכן מעקסיקע־סיטי.

פארשער און וויסנשאפטלער באוויזן, אז די דאזיקע „אינ־דיאנישע יידן", אדער „יידן אינדיאנער", האבן נישט קיין שום שייכות מיט די יידן אין אינדיע — נישט מיט די „בני ישראל" און נישט מיט די יידן פון דער „יאהודים"־קהילה.

א ספעציעלער שליח פון ירושלימער אוניווערסיטעט האט מיט א צייט צוריק באזוכט מעקסיקע און געפארשט די געשיכטע און אפשטאם פון די דאזיקע „יידיש־אינדיאנישע מעקסיקאנער".

## סוד פון יידישן פאלקס-קיום

ווי אזוי האבן פארט די עטלעכע הונדערט יידן פון דער דאזי־קער קליינער עדה געקענט אויפהאלטן זייער קיום אלס „פארבלאנ־דזשעטע נשמות" פון די אמאליקע שפאנישע אנוסים?

דאס איז איינער פון די סודות פון יידישן פאלקס־קיום, וועל־כעס דערקלערט זיך נישט מיט שכל, לאגיק אדער פסיכאלאגיע.

איך האב באזוכט מעקסיקע־סיטי און געזען אין צענטער־שטאט דעם פלאץ וועלכער האט אמאל געהייסן „ברען־פלאץ פאר יידן" („קרעמאדארא דע כודיאס"), ווו עס האט זיך געפונען זייט 1590 ביז 1820 דער טריבונאל פון דער אינקוויזיציע, וואס האט פאר־משפט טויזנטער יידן צו ווערן פארברענט עפנטלעך פאר אפהיטן יידישקייט אין געהיים. איך האב זיך באמיט צו פארשטיין זייערע אור־אייניקלעך אין וועלכע עס טליעט נאך ביז היינט א יידישער פונק, א געהיימער כוח פון אויפהאלטן יידישקייט און צוגעבונדנקייט צום יידישן פאלק.

## „מעדאל פון די אנוסים"

דער בארימטער רייזנדער און פאפולערער יידישער שרייבער ד"ר חיים שאשקעס ז"ל דערציילט (אין זיין בוך „מסעות ר' חיים",

ציק"אָ, ניו־יאָרק, 1957), אַז פאַר דער דאָזיקער עדה יידן, פון „קהל קודש בית אלהים", האָט ער געבערענגט אַ ספר־תורה — אַ מתנה פון מיליטערישן הויפט־רב פון אַמעריקאַנער פלאָט, ראַביי יהושע גאָלדבערג. די שמחה ביי די יידישע אינדיאַנער איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער וואָס האָט דאָס נישט געזען מיט די אייגענע אויגן — וועט דאָס נישט קאָנען באַגרייפן. ראַביי גאָלדבערג האָט געהאָט באַזוכט זייער בית־המדרשל, און דאָרט אויסגעפונען, אַז זייער איינ־ציקע ספר־תורה איז געווען אַ פסולע. האָט ער זיי צוגעשיקט אַלס מתנה אַ כ ש ר ע ספר־תורה. ווען די כשרע ספר־תורה איז אַריינ־געפירט געוואָרן אין זייער שול — האָבן די „ערן־וועכטער" זיך אָנגעטאָן טליתים און יאַרמולקעס, און דער איבעריקער עולם האָט געוויינט און געטאַנצט.

דאָס איז געווען אַ געוויין פון פאַרוואָגלטע ברוך־שטיקער פון יידישן גלות, וואָס ליידן, וויינען און האָפן צו באַהעפטונג און צוגעבונדנקייט צום יידישן שטאָם, צום יידישן פאָלק.

מיט וואָס האָבן די „יידישע אינדיאַנער" געקאָנט אָפּדאַנקען פאַר דער דאָזיקער מתנה? — זיי האָבן צוגעשפילעט אַ „מעדאַל פון אנוסים" צו ד"ר שאָשקעסעס מלבוש, נאָענט פון זיין האַרץ... ד אָ ס איז די גרעסטע זכיה פאַר יידן פון דער קהילה פון „קהל קודש בני אלהים".

## שפורן פון געשיכטע

פאַרוואָס הייסן די דאָזיקע יידן „אינדיאַנער"? — דאָס האָט שוין צו טאָן מיט אַמעריקאַנער געשיכטע.

ווען קאָלומבוס האָט אין 1492 געשטרעבט צו דערגרייכן אינדיע — איז ער אָנגעקומען צו די „וועסט אינדיס". קאָלומבוס האָט גע־מיינט אַז ד אָ ס איז „אינדיע". האָט ער די באַוווינטע באַפעלקערונג, וואָס ער האָט דאָרט געטראָפן, אָנגערופן „אינדיאַנער".

אַנדערע אַנטדעקער פון אַמעריקע האָבן די דאָזיקע איינוווינער אָנגערופן „רויט־הויטיקע", ווייל זייער הויט האָט געהאַט אַ רויט־לעכן אַפּשיין.

די אינדיער פון אינדיע האָבן אָבער נישט קיין „רויטע" הויט. זיי האָבן בכלל נישט קיין שום שייכות מיט די „אינדיאַנער" פון אַמעריקע, אָדער מעקסיקע.

דאָס זעלבע בנוגע די „יידישע אינדיאַנער" אין מעקסיקע.

## יידישער גורל און אמונה אין „שמע ישראל"

די געשיכטע פון די דאָזיקע אור־אייניקלעך פון די שפּאַנישע אנוסים איז זייער פאַרנעפּלט. זיי אַליין לעבן נאָך מיט זכרונות און טראַדיציעס וואָס זיינען געוואָרן איבערגעגעבן מינדלעך פון עלטערן צו קינדער און אייניקלעך.

די רבנים אין מעקסיקע באַציען זיך מיט שטאַרקן רעזערוו צו די „יידישע אינדיאַנער", און האָבן מיט זיי אַ קנאַפּן קאָנטאַקט.

עס איז אָבער צו באַוווּנדערן דאָס עקשנות פון די דאָזיקע עטלעכע הונדערט מענטשן, וועלכע האַלטן זיך אַלס גוטע יידן — קרבנות אָדער העלדן, פון יידישן גורל; מענטשן וועלכע טראָגן אויף זיך סימנים פון לאַנגן, ביטערן און בלוטיקן יידישן גורל, גע־ווייקט אין טרערן, לייד און בלוט.

זיי אַליין דערקלערן, אַז אויפגעהאַלטן האָט זיי דער יידישער גורל, און זייער אמונה אין „שמע ישראל".

# בודיזם

# בודיזם — פראָטעסט קעגן קאַסטע־סיסטעם און קעגן פיל־געטעריי

הינדואיזם האָט געקריגן אַ שטאַרקן קאָנקורענט — בודיזם.

בערך אַ האַלבער מיליאַרד מענטשן גלייבן אין דער בודיסטישער רעליגיע.

בודיזם איז אנטשטאַנען אַלס פּראָטעסט קעגן קאסטע־סיסטעם אין אינדיע, און קעגן גלייבן אין עבודה־זרות פון אַ סך געטער.

דער שאַפער פון בודיזם איז געווען סידהארטא גאַטאמא, געבוירן אין יאָר 563 פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג — דאָס הייסט מיט העכער צוויי־טויזנט־פינף־הונדערט־יאָר. ער איז געווען אַ קינד פון אַ רייכער, אַריסטאָקראַטישער הינדו־משפחה. לויטן הינדו־יחוס — די צווייטע אין דער ריי פון די מיוחסדיקע קאסטעס אין אינדיע. ער איז אויפגעוואַקסן אין גרויס רייכטום און לוקסוס, און זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט. ער האָט חתונה־געהאַט מיט אַ שיינער פרוי און געבוירן אַ זון. ער האָט געלעבט אַזש אין דריי פּאַלאַצן — איין פּאַלאַץ פאַרן הייסן סעזאָן פון יאָר, איין פּאַלאַץ פאַרן רעגנדיקן סעזאָן, און איין פּאַלאַץ פאַרן קאַלטן סעזאָן פון יאָר. אַז זיין לוקסוס־לעבן איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן — האָט ער רעוואָלטירט קעגן אייגענעם טאַטן און איז „אַרויס אין דער גרויסער וועלט". ערשט דאַמאָלט האָט ער זיך שנעל איבערצייגט, אַז ווייניק מענטשן זענען געבענטשט מיט רייכטום און גליק. דער רוב מענטשן לעבט אין הונגער, לייד און צרות.



בודיסטן גלייבן, אַז אַזוי האָט אויסגעזען בודאַ.

## בודא — זוכער פון אמת

ווען סידהארטא גאָטאמא, דער שפּעטערדיקער „בודא", איז אַלט געוואָרן 29 יאָר, איז ער געוואָרן אַ „פרייער" מענטש — ער האָט פאַרלאָזן זיין פרוי און קינד, זיינע פּאַלאַצן, זיין לוקסוס-לעבן, זיין רייכטום, און — געגאַנגען „זוכן דעם אמת". כדי צו ברענגען גייסטיקע מנוחה און שלום פאַר די ליידנדיקע און באַע-וולהטע מענטשן אין אינדיע.

„בודא" האָט געלעבט אין דער צייט פון ירמיהו הנביא — דער גרויסער קעמפער פאַר אמת. דאָס איז געווען ערב דעם חורבן פון ערשטן בית-המקדש אין ארץ-ישראל.

## אמת — איז לעבן; עגאָיזם — איז טויט

אין אינדיע זענען „געבוירן" געוואָרן 4 רעליגיעס: — הינ-דואיזם, בודיזם, דזשעניזם און שיקיזם.

בודיזם איז אַנשטאַנען אַלס פראָטעסט קעגן הינדואיזם.

בודיזם פאַרלייקנט מאָנאָטעיזם, פאַרלייקנט די עקזיסטענץ פון איין „הויפּט-גאָט", צי בכלל די עקזיסטענץ פון „געטער". איז „בודא" — דער שאַפער פון דער בודיסטישער „רעליגיע" — געווען אַן אַטעיסט? — ער אַליין האָט נישט דערקלערט זיין אַנשויאונג וועגן גאָט. ער האָט געפּרעדיקט אַז „גאָט" איז די וועלט, און די וועלט איז — גאָט.

בודא האָט נישט געפּרעדיקט קיין תפילות צו גאָט, נאָר — אַז דער מענטש דאַרף זיך אַליין מקריב-זיין פאַר דער וועלט.

אַז אמת איז — לעבן, עגאיזם איז — טויט.

שלעכטס קאָן באַזיגט ווערן נאָר דורך גוטע מעשים.

די אויפגאַבע פון יעדן מענטש איז אויסצומיידן עגאָאיזם, איגנאָראַנץ, און דורשט נאָך תאוות. אַ מענטש ווערט פּערפעקט, און דערגרייכט די מדרגה פון תכלית הבריאה — ווען ער באַקעמפט תאווה און זינד. ווען דער מענטש קאָנטראָלירט זיינע מעשים, האָט ריינע מחשבות, און באַהערשט זיך, ער איז אַ „כובש את יצרו" — דעמאָלט ווערט ער נאָענט צו פולקאָמקייט.

## לערע וועגן „סודות פון לעבן"

בודא האָט זיך דעריבער געשטעלט פאַר אַ לעבנס-אויפגאַבע, צו לערנען די מענטשן די „סודות פון לעבן", ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון ליידן אין לעבן, און צו דערגרייכן צו גייסטיקער רו, שלוות הנפש.

די מאַסן האָבן דערזען אין אים דעם פולקאָם גייסטיק-דערהויבענעם, באַהויכט מיט „רוח הקודש". דאָס איז דער „בודא".

„בודא" באַדייט — „באַלויכטענער פון געטלעכן אמת".

לויט דער בודיסטישער לערע זענען אויף דער וועלט שוין געווען „אַכציק בודאס". דער „בודא" (סידהאַרטא גאָטאמא „בודא")

איז נישט דער לעצטער. אַז די גוטע און אמתע לערע פון „בודא״ ווערט אָפּגעשוואַכט — קומט אויף דער וועלט אַ נייער בודא כדי אויפצוּוועקן די מענטשן פון ערדישן שלאָף און זיי לערנען דעם אמת פון לעבן.

## צען מידות פון בודיזם

כאָטש בודיזם לייקנט אין גלגול הנשמות פאַרן כלל — לערנט די רעליגיע, אַז איידער אַ נייער בודא קומט אויף דער וועלט, מוז ער אין „פריערדיקן גלגול״ זיך אויסצייכענען מיט צען גוטע מידות: — ליבע צום אמת, ליבע צו מענטשן, צו ווילטעטיקייט, צניעות, נזירות, שכל, געדולד, ענערגיע. אַנטשלאָסנקייט און גוט־מוטיקייט. אַז ער ווערט מגולגל אַלס נייער „בודא״ — שטייט ער שוין העכער פון די אַלע מידות, און ער לעבט נאָר מיט זיינע הייליקע מחשבות. איידער די „בודאס״ ווערן געבוירן — לעבן זיי אין די הימלען אַלס — „געטער״...

די דאָזיקע „אמונה״ פון בודיזם איז אין סתירה צו דער פילאָ־זאָפיע פון „אונזער״ בודא, וועלכער פאַרלייקנט די עקזיסטענץ פון „געטער״ בכלל.

טראָץ דעם דאָזיקן „אני מאמין״ דערמאָנט נישט דער בודיזם אָן אַנדערן „בודא״ ווי סידהאַרטא גאַטאַמא, און פאַרוואָס דאַרף די בודיסטישע רעליגיע זיין באַזירט אויף דער לערע פון בודא.

חוץ די דערמאָנטע צען מידות — באַזירט בודיזם בעיקר אויף דריי פרינציפן: — ליבע, געזעץ און גערעכטיקייט. כדי צו דערגרייכן צו פולקאָמע גערעכטיקייט פאַר יעדן מענטש — מוז יעדער מענטש זיך באַפרייען פון אַלע פאַרלאַנגען און צוימען אַלע זיינע תאוות. מען מוז אָבער אויסמיידן צוויי סכנות — נישט פייניקן דעם גוף, און נישט אויפרעגן זיך.

וויסנשאַפטלער ווילן דערווייזן, אַז דער פאַקטישער ערשטער דעקער פון אינדיע איז געווען (סידהאַרטאַ גאַטאַמאַ) בודא.

## אַלע מענטשן זענען קרובים

דער יסוד פון זיין לערע איז, אַז יעדע נשמה איז ווי אַ פלאַם וואָס צינדט-אָן אַנדערע נשמות, ביזן סוף פון לעצטן מענטש אויף דער וועלט. עס איז דעריבער אַ קרובהשאַפט צווישן אַלע מענטשן, און — אַלע מענטשן האָבן רעכט צו לעבן גלייך. נישטאָ קיין מיוחסים „העכערע" און „נידעריקערע" קלאַסן. אַלע מענטשן זענען ווי איין משפחה. דעריבער דאַרפן אַלע מענטשן ליב האָבן זיך קעגנזייטיק.

## אַטעיזם — בודאַס עטישע „רעליגיע"

בודא איז דערשינען אין אינדיע נישט אַלס רעליגיעזער פירער, אָדער „דערלייזער" — „אין נאָמען פון גאָט". זיין אידעאָלאָגיע איז פּאַקטיש געווען „אַטעיזם". פונקט ווי ער האָט פאַרלייקנט די עקזיסטענץ פון גאָט, ווען ער האָט באַצייכנט אַלס „הויפט-גאָט" אַזוי איז ער געווען קעגן געצנדינעריי, קעגן אַלע געצנדינערישע „רעליגיעס", און גאַר באַזונדער קעגן הינדואיזם. אָבער טראָץ דעם האָט ער נישט גערופן צו באַקעמפן געצנדינעריי.

בודאַ, געבוירן אַן אינדישער פּרינץ און געירשנט אַ מענטאליטעט פאַר אינטעליגענץ, מאָראַלישע זיטן און עטישע פּרינציפּן, האָט זיך באַמיט צו דערשיינען אַלס לערער און נביא פון מאָראַליטעט און גערעכטיקייט, און געשטרעבט צו אַ סדר פון סאָציאַלער גזעצגעבונג פאַר אַלע מענטשן. ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט טערמינען פון „סאָציאַליזם", צי „דעמאָקראַטיע". זיינע נאָכפאָלגער האָבן דאָס אָנגערופן — בודיזם.

לייב שטשעקאטש־ראזען

# בודאַס 4 „אמתן"...

די פּרינציפּיעלע פילאָזאָפישע לערע פון בודאַן קאָנצענטרירט זיך אויף 4 עיקרים. בודאַ באַטראַכט זיי אַלס די „4 דערהויבענע אמתן". צוויי פון זיי זענען — פּעסימיסטישע. און צוויי — אָפּטימיסטישע: —

1) דער מענטשלעכער קיום באַזירט אויף ליידן. פון געבוירן־ווערן ביזן שטאַרבן באַגלייט דעם מענטש אַ פּאַטום פון קרענק, קאַמף פאַר קיום, צרות, עלטער און — טויט. די וועלט איז, דעריבער, אַ ים פון ליידן.

2) אַלע ליידן זענען אַ גורם פון „געירשנטע", נישט־געזעטיקטע און אַנטוישטע פאַרלאַנגען. מיר זענען טרויעריק ווען מיר קאָנען נישט דערגרייכן תאוות און זאַכן צו וועלכע די אויגן און האַרץ גלוסטן. געלונגט יאָ צו דערגרייכן צו עפּעס — ווערט מען אַ שקלאַף צו די דערגרייכטע תאוות און פאַרלאַנגען און מען וויל נאָך, און מער. געלונגט נישט צו דערגרייכן דאָס פאַרלאַנגטע — וואַקסט אין האַרצן אַ האַס צו מענטשן, און אַפילו איגנאָראַנץ צום לעבן. דאָס געיעג נאָך „פאַרלאַנגען" און עשירות רויבט אַוועק פון מענטשן זיינע מעגלעכקייטן צו טראַכטן וועגן גייסט און מאָראַל, יושר און צדק. גאָרנישט איז אָבער אייביק — אַפילו צו אַלע פאַרגעניגנס, ווי צום גאַנצן לעבן, קומט אַ סוף. „הבל הבלים"...

טאָ וואָס איז פאַרט דער תכלית פון מענטשלעכן לעבן, דער קיום פון מענטש און וועלט?

כדי בודאַ זאָל נישט אָפּגעמשפּט ווערן אַלס פאַטאַליסט און זיין „בודיסטישע לערע" אַלס פּעסימיזם, און דער עיקר — אַז דער עולם זאָל זיך נישט דערשרעקן פאַר אַזאַ טרויעריקן בליק אויפן לעבן און אַנטלויפן פון אים — האָט בודאַ געגעבן אויך אַ טראָפּן האָפענונג דעם בידנע מענטש אין זיין שווערן לעבן. ער האָט אים געטרייסט: —

3) אַלע זאָרגן און ליידן קאָנען פאַרשווינדן, אויב — דער מענטש וועט האָבן גענוג אינערלעכן כוח צו דערדריקן און דער־שטיקן אין זיך די נידעריקע, שלעכטע פאַרלאַנגען. היות דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ „בחירה חופשית", אַן אייגענעם אינסטינקט פון דענקען און טראַכטן, און אַ ווילן צו לעבן פריי און געניסן פון לעבן — זאָל דער מענטש זיך באַ־פרייען פון אַלע שלעכטע תאוות און אומנוצלעכע פאַרלאַנגען. ער קאָן דערגרייכן דערצו אויב נאָר ער וועט וועלן. „אין לך דבר העומד בפני הרצון". דער מענטש דאַרף זיין זיין אייגענער „באַ־לעבאָס איבער זיך". ער דאַרף זיך באַהערשן ביז צום פונקט פון „ביטול ה־יש".

4) אַז דער מענטש וועט גייסטיק זיך באַפרייען פון די ערדישע אינסטינקטן — וועט ער דערגרייכן גייסטיקע רו, אינער־לעכע פולקאָמקייט און אַ צופרידן לעבן.

אַ גלייביקער בודיסט איז זיכער, אַז קוים איז זיין שכל און אינערלעך געפיל קלאָר וועגן די „4 דערהויבענע אמתן" — האָט ער דערגרייכט דעם שטאַפּל פון באַוווסטזיין, וואָס קאָן נישט איבערגעשטיגן ווערן סיי אויף דער ערד, סיי אין די הימלען...

## 8 וועגן פירן צו פולקאָמקייט

ווי אַזוי קאָן אַ „פשוטער מענטש" מקיים־זיין בודאָס „מצ־וות" צו ווערן אַן „איבער־מענטש"? כדי צו מאַכן די זאַך „גאָר לייכט" — האָט בודאַ זיך פאַרפלאָנטערט אין געבן די פאָלגנדיקע 8 אָנווייזונגען: —

1) לעבן לויט גערעכטע אָנשויאונגען און באַגריפן.
2) זיך באַנוצן מיט גערעכטע פאַרלאַנגען און דורך גע־רעכטע מיטלען.
3) רעדן אמתדיק

4) די מעשים זאָלן זיין באַזירט אויף אמת.
5) די כוונות זאָלן זיין אמתדיקע.
6) די מחשבות זאָלן זיין אמתדיקע.
7) די אָנשטרענגונגען זאָלן זיין גערעכטע.
8) דאָס גאַנצע לעבן פון מענטש זאָל זיין איין קייט פון אמת און צדק.

בודאַ האָט געגלייבט, אַז זיינע דאָזיקע עצות זענען פאַר־שטענדלעך פאַר יעדן ווי „צוויי־מאָל צוויי". און כדי צו פאַר־ענטפערן די האַרבע פּראָבלעמען וועגן תכלית פון לעבן און פון מענטשס דאָ־זיין — האָט בודאַ זיך באַמיט צו געבן צו פאַרשטיין זיינע נאָכפאָלגער, אַז ווער עס וועט לעבן לויט זיינע דערמאָנטע 8 עצות — וועט צוקומען צום העכסטן שטאַפּל פון חכמה און מענטשלעכן גליק, צו „שלימות הנפש", וועלכעס ער רופט־אָן „נירוואַנאַ".

„נירוואַנאַ" איז אַ צושטאַנד פון גאָרנישט וועלן, גאָרנישט פאַרלאַנגען. רו פון גייסט און נשמה. דער מענטשלעכער „יש" הערט־אויף צו עקזיסטירן. דער מענטש באַזיגט זיך אַליין. ער ווערט בלויז גייסט.

די פילאָזאָפיע פון בודאַס 8 לעבנס־עצות ווערן באַצייכנט אַלס דאָס „גרויסע ראָד פון בודיזם", אָדער — דאָס „ראָד פון הייליקע פּרינציפּן פון בודאַס לערע".



דאָס „ראָד פון הייליקע פּרינציפּן", מיט 8 פאַר־בינדונגס־זיילן — אַ בר־דיסטישער סימבאָל פון 8 הייליקע וועגן צוצוקומען צום העכסטן תכלית אין לעבן — צו „נירוואַנאַ".

אַזוי אַרום איז בודאַ און שפּעטער די בודיסטישע „רעלי־גיע”, צוגעקומען צו אַן אָפּטימיסטישן אויסגאַנג פון זיין פּעסי־מיסטישער וועלט־אַנשויאונג.

אין זיינע „הייליקע שריפטן” (דהאַממאַפּאַדאַ, 5) זאָגט טאַקע בודאַ, אַז — שנאה קאָן מען קיין מאָל נישט באַזייטיקן דורך קעגן־שנאה. שנאה קאָן מען אויסוואָרצלען דורך ליבע — דאָס איז דאָס העכסטע געזעץ.

אָבער וואָס איז דער תכלית פון מענטש — אַפילו ווען ער איז שוין זוכה צו „נירוואַנאַ” ?

אַלס ענטפער האָט בודאַ ווידער געגעבן „צען געבאָט” פאַר דער מענטשהייט.

## דאָס „געטלעכע ראָד פון פייער” — האַרמאָניע פון בודאַס פילאָזאָפיע

בודאַ איז געווען אַ קאָמפּליצירטער גייסט. אין זיין לעבנס־פילאָזאָפיע מערקן זיך שטאַרקע איינפלוסן פון יהדות און להבדיל, הינדואיזם. ער ראַנגלט זיך שטאַרק צווישן גלויבן אין גאָט, פאַר־לייקענונג פון געצן־דינסט און דראַנג צו העלפן לינדערן דעם צער פון מענטש.



בודאַ האָט זיך פאַרגעשטעלט די האַרמאָניע פון זיינע פילאָ־זאָפיעס אַלס אַ „געטלעך ראָד פון פייער”.

פון אַלע דאָזיקע געדאַנקען און פילאָזאָפיעס האָט בודאַ גע-וואָלט שאַפן איין האַרמאָניע און האָט דאָס אָנגערופן דאָס „געטלעכע ראָד פון פייער".

דערפילנדיק אַז זיינע פילאָזאָפיעס וועגן די „4 דערהויבענע אמתן" און דאָס „ראָד פון 8 הייליקע לעבנס-פּרינציפּן" זענען פאַר-שטענדלעך נאָר פאַר יחידי-סגולה, אויסדערוויילטע „איבער-מענ-טשן", וואָס זענען פעאיק צו אַ נזיריש לעבן, וואָס זאָל דערפירן צום אידעאַל פון „נירוואַנאַ", אָבער פאַר פּשוטע מענטשן איז דאָס שווער אָנצונעמען — האָט בודאַ מאָדיפיצירט זיינע פילאָזאָפיעס. ער האָט זיי אָנגעטאָן אין אַ פּשוטער פאָלקס-שפּראַך.

אָנשטאָט „מצוות מעשיות", פּאָזיטיווע געבאָטן און פאַר-לאַנגען וואָס זיי זאָלן יאָ טאָן, און קאָנען זיי נישט מקיים-זיין צוליב זייערע נאַטירלעכע מענטשלעכע אינסטינקטן — האָט בודאַ זיי געגעבן געבאָטן וואָס זיי זאָלן נ י ש ט טאָן, וועלכעס וועט פאַר זיי זיין לייכטער מקיים-צו-זיין.

## די „עשרת הדברות" פון בודיזם

די „עשרת הדברות" וואָס בודאַ האָט פּראָקלאַמירט פאַר זיינע נאָכפאָלגער זענען:

1) זאָלסט נ י ש ט הרגענען — נישט אַ מענטש און נישט קיין שום באַשעפעניש.

2) זאָלסט נ י ש ט גנבענען.

3) זאָלסט נ י ש ט לעבן אויסגעלאַסן, און נישט באַגיין קיין שום סעקס-פאַרברעכן.

4) זאָלסט נ י ש ט טרינקען קיין שום אַלקאָהאָל און נישט זיין שיכור.

5) זאָלסט נ י ש ט זאָגן קיין ליגן און נישט אָפּנאַרן קיינעם.

6) זאָלסט נ י ש ט יאָגן זיך נאָך לוקסוס, אָדער אומגוצלעכע פאַרלאַנגען.
7) זאָלסט נ י ש ט יאָגן זיך נאָך געלט, אָדער פאַרמעגנס.
8) זאָלסט נישט עסן צו פיל, אָדער זיין אַ זולל־וסובא.
9) זאָלסט נ י ש ט גלוסטן צו ווייכע, באַקוועמע געלעגערס צו שלאָפן, ווייל דאָס דערפירט צו תאוות און שלעכטע געדאַנקען.
10) זאָלסט נ י ש ט גלוסטן צו פאַרווייליגונגען, וואָס פירן אַראָפּ פון מאָראַלישן און עטישן וועג.

אין די ערשטע פינף געבאָטן פון בודאַן זעט מען דעם איינפלוס, אָדער קאָפּירונג, פון די „עשרת הדברות" פון תורת משה. טראָץ דעם וואָס בודאַ האָט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט יידן און אין זיינע שריפטן רעדט זיך נישט לגמרי וועגן יידן, אָדער יהדות, באַמערקט זיך אין זיינע געבאָטן שטאַרקע שפּורן פון יידישער מאָראַל און עטיק.

אין די אַנדערע פינף געבאָטן פון בודאַן זעט מען אַ שטאַרקן איינפלוס פון הינדואיזם, און געבאָטן צוגעפּאַסט צום לעבנס־שטייגער פון די אינדישע מאַסן.

## בודאַס „טעאָלאָגיע" פון נעגאַטיווע מצוות

נאָכן פּראָקלאַמירן זיינע „צען געבאָט" פון „לא תעשה'ס", נעגאַטיווע „מצוות" האָט בודאַ געגלויבט, אַז ד אָ ס וועט געווינען די הערצער פון די אינדישע מאַסן, וועלכע האָבן געליטן פון הינדואיסטישן, דיסקרימינירנדיקן קאַסטע־סיסטעם. בודאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז לייכטער „נ י ש ט צו טאָן שלעכטס" ווי „י אָ טאָן גוטס". עס איז לייכטער אָפּצוזאָגן זיך פון זאַכן וואָס מען האָט נישט, איידער באַפרייען זיך פון זאַכן וואָס מען האָט יאָ.

בודאַ האָט גלייכצייטיק זיך איבערצייגט, איבערהויפּט ביי די פּרימיטיווע לעבנס־באַדינגונגען פון זיין צייט, אַז אים איז אומ־מעגלעך צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע מאַסן פון גרויסן אינדיע, צו פאַרשפּרייטן זיין אידיי און זיי געווינען פאַר זיין באַוועגונג. ער האָט אויך דערפילט, אַז זיין עלטער האָט צוגערוקט און זיין אַסקעטיש, אָרעם לעבן האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט זיינע כוחות. האָט ער באַשלאָסן צוצוגרייטן קאַדרען פון תלמידים. וועלכע זאָלן פאַרשפּרייטן זיין לערע און איבערנעמען די פירערשאַפט נאָך זיין טויט.

## בודאַ שאַפט אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון אַ „הייליקער חבריא"

בודאַ האָט זיך צוגעקליבן אַ גרופּע פון זיינע געטרייסטע תלמידים, און זיי געגעבן „סמיכה" — ער האָט זיי געקרוינט אַלס זיין „הייליקע חבריא", זיינע אַפּאָסטאָלן. ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבן — „אַראַהאַט", „פאַרדינסטפולע תלמידים".

יעדער פון דער „הייליקער חבריא" האָט געמוזט שטרענג אָפּהיטן אַלע „מצוות" פון בודאַס לערע. כדי מען זאָל זיי דערקענען, וויסן ווער זיי זענען און געווינען דעם רעספּעקט פון המון. — האָט יעדער פון זיי געמוזט אָפּגאָלן די האָר פון קאָפּ, אָנטאָן אַ געלן מאַנטל, זיך שיידן פון פרוי און קינדער, אָפּזאָגן זיך פון זיין פאַר־מעגן, אַרומגיין מיט אַ צדקה-פּושקע צו זאַמלען נדבות פאַרן אויס-האַלט פון דער „הייליקער חבריא", פּראַווען התבודדות און טעגלעך זיך מתוודה־זיין מיט די דריי תפילות: — „איך בין מיך מבטל צו בודאַן"; „איך בין מבטל צום אמת"; „איך בין מיך מבטל צו דער הייליקער חבריא".

דאַקעגן דעם פאָלק, „עמך", די גלייביקע אין בודאַס לערע, האָט בודאַ און זיינע אַפּאָסטאָלן דערלויבט צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן,

אָבער מיטן באַדינג, אַז זיי טאָרן נישט גנבענען, נישט הרגענען, נישט זאָגן קיין ליגן, נישט שיכורן און זיין ערלעך. ווער עס וועט מקיים־זיין די דאָזיקע מצוות — וועט זיין זיכער אין תחיית המתים אַלס „איש נבחר" — אַלס מענטש וואָס האָט זיך דערהויבן צום העכסטן שטאַפּל פון מאָראַל און עטיק.

## בודא – אלס „גאָט"
## און זיין לערע – אַלס נייע „רעליגיע"

מיטן פּראָקלאַמירן די „צען געבאָטן פון בודיזם" האָט בודא אויפסנייע זיך צוריקגעקערט צו זיין פילאָזאָפיע פון נעגאַטיוון אימ־פּעראַטיוו פון מענטשס תכלית אין לעבן. זיין מאָראַל האָט זיך גע־שטיצט אויף דער פילאָזאָפיע פון אַנטלויפן פון לעבן.

די צוויי העכסטע פּרינציפּן אין לעבן פון א בודיסט דאַרפן, דעריבער, זיין: —(1) ווערן א נזיר; (2) דערגרייכן צו „נירוואַנאַ".

בודא האָט ביי זיין לעבן נישט געשאַפן קיין צערעמאָניעס, אָדער „קולט", ווי אַזוי זיינע נאָכפאָלגער זאָלן לעבן. ערשט נאָך זיין טויט האָבן זיינע געטרייע תלמידים — דער נזירים־„אָרדן", די „הייליקע חבריא" — אָנגעהויבן פּרעדיקן, אַז בודא איז „העכער פון אַלע געטער".

ווען בודא איז געשטאָרבן איז ער אַלט געווען אַכציק יאָר. היסטאָריקער האַלטן, אַז דאָס איז געווען אין יאָר 483 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג. זיינע תלמידים האָבן דערקלערט, אַז פאַרן טויט איז בודא אַריינגעקומען אין „הייליקן צושטאַנד פון נירוואַנאַ". זיין קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד.

די „הייליקע חבריא" האָט אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי צו־זאַמענצוהאַלטן די גרויסע מחנה אָנהענגער פון „הייליקן בודא". האָבן זיי אָנגעהויבן איינפירן צערעמאָניעס, בויען טעמפּלען פאַרן

„בודא״, און פראקלאמירן יום-טובים פארבונדן מיט בודאס גע-בוירן, לעבן און טויט.

כדי בודאס לערע זאל ווערן אנגענומען פון פאלק — האבן זיינע תלמידים אים דערקלערט אלס „גאט״ וואס איז „העכער פון אלע געטער״.

דער גאט-באגריף איז ביי די מאסן געווען מער באגרייפבאר ווי אז א פשוטער בשר-ודם זאל זיין „קליגער ווי גאט״. אזוי ארום איז בודאס עטישע און מאראלישע לערע פראקלאמירט געווארן אלס „רעליגיע״ — די „רעליגיע פון בודיזם״.

בודיזם איז שנעל געווארן א הייליקע מאסן-באוועגונג. אויך די אריסטאקראטיע און אינטעליגענץ האט אנגעהויבן גלייבן אין „הייליקן בודא״.

## בודא רעוואלוציאניזירט דאס לעבן פון פרויען

בודיסטישע טעאלאגן גלייבן, אז ביים סוף פון בודאס לעבן, האט זיין שטיף-מוטער משפיע-געווען אויף בודאן צו אנערקענען די רעכט פון פרויען צו ווערן זיינע נאכפאלגער. בודא האט מסכים געווען צו שאפן אויך א „הייליקן ארדן פון פרויען-נזירים״... דאס האט זיי גלייכבארעכטיקט מיט מענער.

בודא האט געוווסט, אז ביים דאמאלט-הערשנדיקן קאסטע-סיסטעם און מינדערווערטיקייט פון פרויען, וועט זיין דערוואגט-קייט צו אנערקענען גלייכע רעכט פאר פרויען, ארויסרופן א נאך-שטארקערע קעגנערשאפט צו אים און צו זיין לערע. אבער אין זיין ערלעכקייט האט בודא גענומען אויף זיך אויך די דאזיקע געפאר.

בודאס באשלוס צו שאפן אן „ארדן פון פרויען-נזירים״ איז געווען אין זיין צייט דער ערשטער רעוואלוציאנערער אקט פאר פרויען-עמאנציפאציע אין אינדיע, ווו די קו האט געהאט מער רעכט ווי די פרוי...

די פרויען האבן מאסנווייז זיך אנגעשלאסן אין דער בודיס-טישער באוועגונג.

דער נזירים-ארדן איז געווארן די היעראַרכיע פון בודיזם. אויף וויפל די פרויען-נזירים האבן געשפילט א ראָלע אין דער דאזיקער „היעראַרכיע" איז ווייניק באקאנט. דאקעגן דאס „פאלק", די אונ-טערשטיצער פון „נזירים-אָרדן", די גלייביקע אין די לערעס פון בודאן — זענען געווארן די „קהלה" פון בודיזם. דעם „פאלק" איז צוגעזאגט געווארן געהאלפן צו ווערן „אין זכות פון בודאן און די נזירים"...

## בודיזם געעפנט וועג פאַר יוגנטלעכע נזירים

די בודיסטישע מאסן האבן אויך אָנגענומען די לערעס פון די נזירים, אַז יעדע טאַטע־מאַמע וואָס ווילן העלפן „בודאַן" — זאָלן דערציִען זייערע קינדער אַלס — „נזירים"... אַז אַ ייִנגל ווערט אלט 7 יאר דארף ער ווערן אריינגעגעבן אין דער „שולע" פון די נזירים. די דאזיקע „שולע" איז פאקטיש געוואָרן דער „טעמפל פון בודיזם".

אזא קינד האט אין דער נזירים-שולע געלערנט, און געוואָרן דערצויגן, ביזן צוואנציקסטן געבוירן-טאג. נאכדעם איז ער גע-וואָרן עקזאמינירט פון א „קאלעגיום פון צען נזירים" און — בא-קומען „סמיכה" אלס „נזיר". דאס האט אים געעפנט דעם וועג צו בודאן און צו „נירוואנא".

## די „ביבל פון בודיזם"

נאך בודאס טויט האבן די „נזירים" צונויפגענומען בודאס רעדעס, פילאָזאָפישע געדאַנקען און אָנווייזונגען, וועגן מענטשנס

ליידן און פריידן, מאָראל און עטיק, ג-ט און גלויבן, גייסט און מאטעריע, לעבן און טויט, עולם-הזה און עולם-הבא, און פון דעם אלעם געשאַפן די בודיסטישע „הייליקע שריפטן", געשריבן אין אלטן פאלי-לשון. די שריפטן הייסן „טיפיטאקא" — דער „דריי-פאכער קויש".

דאס ווערט באטראכט אלס די „ביבל פון בודיזם".

שפעטערדיקע בודיסטישע טעאלאגן האבן געוואלט דערוייזן, אז בודא אליין האט געשאפן די „טיפיטאקא"-שריפטן. זיי זענען זייער פאַרהייליקט ביי אלע בודיסטן.

ערשט אן ערך טויזנט יאר נאך בודאס טויט זענען אנטשטאנען די „הייליקע שריפטן" וועגן דער געשיכטע פון בודיזם. די דאזיקע שריפטן רופן זיך „דיפאוואַמסא" און „מאהאַוואַמסא", און זענען געשריבן אין סאנסקריט-לשון, און אויך אין כינעזיש, יאפאניש, און אין אנדערע אזיאטישע לשונות.

## בודיזם דערלויבט צו גלויבן אין עטלעכע רעליגיעס מיטאַמאָל...

מחמת אין צווישנצייט איז בודיזם פון אינדיע ארייַנגעדרינגען אין א ריי אזיאטישע לענדער און עס זענען אנטשטאנען א ריי בודיסטישע סעקטעס, איז אויך דער נוסח פון די „הייליקע שריפ-טן", ווי בכלל די בודיסטישע פילאזאפיע, געווארן מאדיפיצירט און אָנגענומען פארשידענע פארמען.

די פארשידענע סעקטעס, אדער „שולן", האבן פארשידנארטיק קאמענטירט די בודיסטישע לערע — סיי אין טעאריע, סיי אין פראקטיק.

אין א געענדערטער פארם איז בודיזם אויסגעוואקסן אין כינע, יאפאן און קארעא. בודיזם האט זיך אויך שטארק פארשפרייט אין ציילאָן, בורמא, טיילאַנד, טיבעט און אין די שכנותדיקע לענדער.

גאָר שטאַרק האָט אויסגענומען דער בודיסטישער היתר, אַז אַ בודיסט מעג גלייבן אויך אין אן אנדערער רעליגיע, אפילו אין עטלעכע רעליגיעס... מען קאָן, דעריבער, אפט זען בודיסטן וואָס פּראַקטיצירן גלייכצייטיק אויך — קאָנפוציאַניזם און שינטאָאיזם...

זייער אינטערעסאַנט זענען די בודיסטישע לעגענדעס וועגן געבורט פון בודאַן, זיינע מיסטישע וויזיעס, און גאָר-באַזונדער וועגן דער „הייליקייט" פון בודאַס איינציק־איבערגעבליבענעם באַק־צאָן...

## לעגענדעס וועגן געבורט און לעבן פון „בודאַן"

אַז די בודיסטישע טעאָלאָגן האָבן געוואָלט נאָך בודאַס טויט, באַפעסטיקן זיינע לערעס, האָבן זיי געמאַכט בודאַן פאַר אַ „גאָט" און זיינע פילאָזאָפיעס פאַר אַ „רעליגיע". אַנדערש, ווייזט אויס, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אויף לאַנג צוזאַמענהאַלטן בודאַס נאָכ־פאָלגער.

די טעאָלאָגן האָבן זיך באַמיט איבערצוצייגן די מאַסן, אַז בודאַ איז געווען העכער פון אַ פּשוטן בשר-ודם — ממש אַ „גאָט" — טראָץ דעם וואָס בודאַ אַליין איז געווען אַן אַטעיסט און פאַר־לייקנט די עקזיסטענץ פון גאָט און „געטער". די טעאָלאָגן האָבן, דעריבער, קאַנאָניזירט בודיסטישע לעגענדעס, אַז: — בודאַס מו־טער, מאַיא, האָט געזען אין חלום אַ ווייסן העלעפאַנט, וואָס האָט זיך באַוויזן נעבן איר — דאָס איז געווען אַ סימן, אַז זי וועט געבוירן אַ זון וואָס וועט זיין אַ „בודאַ" — אַ ליכטיקער גייסט, געבענטשט און געהייליקט מיט דער „חכמה העליונה"...; אַ מלאך איז געקומען צו בודאַס מוטער איר אָנזאָגן די פריילעכע בשורה אַז זי וועט געבוירן אַ „געטלעכן זון"; צו דער „הייליקער מאַיא"

האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער מלאך און איר געזאָגט: ״האָב נישט קיין מורא, מאיא, וועסט געבוירן אַ זון וואָס וועט ווערן אַ גרויסער קעניג און אויסלייזן די וועלט״; כאָטש זי איז געווען פאַרהייראַט צום הינדו־פרינץ סודהאָדאַנאַ — האָט זי פאַרשוואַנגערט פון ״רוח הקודש״...; נאָכן געבוירן בודאַן איז זי געבליבן אַ ״בתולה״...; בעת בודאַס געבורט האָט זיך זיין מוטער געפונען אין ״הייליקן״ לומ־ביני־פּאַרק און געהאַלטן אַ צווייגל פון אַ בוים אין איר האַנט; מלאכים האָבן דאָרט געזונגען ״שלום איז געקומען אויף דער וועלט, און פאַר יעדן מענטש — אַ גאולה״...; דאָס ״קינד בודאַ״ האָט געמאַכט זיבן שפּריייז איבער דער וועלט... און אויסגערופן מיט אַ לייבן־שטימע: איך בין דער הויפּט פון דער וועלט... דאָס איז מיין לעצט מאָל געבוירן ווערן״...

אַ בודיסטישע לעגענדע דערציילט אויך, אַז ווען בודא איז געוואָרן 12 יאָר אַלט, איז ער פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון זיין רייכער היים. די עלטערן האָבן לאַנג אים אַרומגעזוכט. זיין פאָטער האָט אים געפונען אין אַ ״הייליקן טעמפּל״ (מסתמא אַ הינדואיסטישער, ווייל בודיסטישע טעמפּלען האָבן נאָך נישט עקזיסטירט), ווו ער איז געזעסן צווישן געלערנטע און פאַר זיי געדרשנט פילאָזאָפיעס פון אמונה. אַלע אַרום־זיצנדיקע געלערנטע זענען געוואָרן פאַרוואונדערט פון ״בודאַס״ געטלעכע געדאַנקען. ער האָט באַוויזן נסים און אַלע האָבן זיך געבוקט צו אים... בודאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן זיין פאָטערס באַפעל אַהיימצוגיין. אַנשטאָט דעם, איז בודאַ אַוועק אין מדבר און געפאַסט אַ 40 טאָגיקן תענית, נאָכדעם האָט ער זיך געטובלט אין אינדישן ״הייליקן טייך״ גאַנגעס. נאָכן אַרויסגיין פון טייך האָט זיך דערהערט אַ הימלישער בת־קול: — ״גאָט איז צופרידן פון זיין געבוירענעם זון״...

פון דעמאָלט־אָן איז בודא דערשינען אַלס דער ״דערלייזער און אויסלייזער פון דער וועלט״...

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז כמעט־ענלעכע געשיכטעס האָבן

שפעטערדיקע קריסטלעכע טעאָלאָגן דערציילט וועגן ישו הנוצרי. רעליגיעזע פאָרשער ווילן באַווייזן, אַז די לעגענדעס וועגן ישון זענען קאָפּירט פון בודיזם (וועגן דעם — אין שפּעטערדיקן קאַפּיטל וועגן „קריסטנטום").

## „נביאות" פון אַ מכשפה

בודאַס פאָטער האָט געשטרעבט, אַז זיין זון זאָל ירשנען דאָס פּרינצטום פון זיין יחוסדיקער משפחה. אַ מכשפה האָט אָבער אַמאָל פאָרגעזאָגט בודאַס פאָטער, אַז אויב זיין זון וועט אין לעבן באַגעגענען 4 מענטשן — אַ קראַנקן, אַן אַלטן, אַ בזיר און אַ טויטן — וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז זיין זון וועט זיך אָפּזאָגן פון זיינע ערדישע פאַרגעניגנס, אַנטלויפן פון זיין אינדיש-פּרינצישן קאַסטע-יחוס און זיך ווידמענען צו „ראַטעווען די מענטשהייט".

בודאַס פאָטער, אַן אַריסטאָקראַטישער, רייכער אינדישער פּרינץ, האָט געגלייבט אין „געהיימען כח פון דער מכשפה". ער האָט, דעריבער, זיך באַמיט צו היטן זיין זון פון פאָרגעזאָגטן אומגליק און נישט לאָזן אים באַגעגענען די מכשפהס פיר סימנים. ער האָט געהאַלטן זיין זון ווי געפאַנגען אין זיין פּאַלאַץ און פּרעכטיקע גערטנער.

די בודיסטישע לעגענדע דערציילט, אַז די „געטער" האָבן אָבער אַנדערש געוואָלט...

ביי אַ געוויינלעכן טעגלעכן שפּאַציר אין זיין פּרינצישער עלעגאַנטער קאַרעטע, האָבן צו בודאַן זיך באַוויזן „4 מלאכים" אין די געשטאַלטן פון — אַן אייננעבויגענעם זקן, אַ בזיר, אַ קראַנקן און אַ געשטאָרבענעם. זיי האָבן פּערזאָניפיצירט די „ליידן פון דער וועלט", די באַגרענעצטקייט פון מעטשלעכן לעבן, און דעם סוף פון די תאוות איף דער וועלט. דאָס באַווייזן זיך פון

די „4 מלאכים" איז געווען א „צייכן פון הימל", אַלס באַשטעטיקונג, אז בודא איז דער „אויסדערוויילטער זון פון די געטער" און אַז עס איז ענדלעך געקומען די צייט, בודא זאָל אָנהייבן אויספירן די גרויסע מיסיע פון לערנען די מענטשן די סודות פון לעבן און די מענטשלעכע אויסלייזונג דורך — „נירוואַנאַ".

## דער „פרינץ בודא" האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיינער הינדו-פרינצעסין

די „געשיכטע פון בודא" דערציילט אויך, אַז פאַר בודאס „התגלות" האָט ער, לויט דער קעניגלעכער טראַדיציע פון זיין משפחה און לויט די שטרענגע מנהגים פון הינדואיסטישן קאַסטעסיסטעם, חתונה-געהאַט מיט דער שיינער פרינצעסין יאשאדאראַ, פון זיין אייגענער מיוחסדיקער קאַסטע, און זי האָט אים געבוירן אַ זון, ראהולא: אַלט-זייענדיק 29 יאָר האָט בודאַ, אין מיטן נאַכט, פאַרלאָזן זיין שלאָפנדיקע פרינצעסין און קינד, צוזאַמען מיט זיין באַקוועם רייך-לוקסוסדיק לעבן, פול מיט פרייד און יוגנטלעכן פאַרגעניגן. אויף אַ גאַלאָפירנדיקן פערד, „באַגלייט פון מלאכים", האָט בודא זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער אומבאַקאַנטער וועלט. בודא האָט אָפּגעגאָלט די האָר פון זיין קאָפּ, און זיך אָנגעטאָן אַ געלן מאַנטל פון אַ נזיר — אַלס סימבאָל אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלע תאוות אויף דער וועלט. בודא האָט מיטגענומען אַכט זאַכן, וואָס אַ „געטלעכער מלאך" האָט אים געגעבן: — אַ הילצערנע שיסל, אַ מעסער, אַ נאָדל, אַ גאַרטל, אַ זיפּ, און 3 שטיקער סחורה פאַר מלבושים. פאַרוואָס דער „מלאך" האָט געגעבן בודאן דווקא די 8 זאַכן — איז געבליבן אַ מיסטעריע.

אין אינדיע איז דעמאָלט געווען א „נאָרמאַלע דערשיינונג",

אַז אַ מאַן זאָל אויף אייביק פאַרלאָזן זיין פרוי און קינדער, זוכן גייסטיקע רו אין אַ טעמפּל און ווערן אַ תלמיד פון אַ נזיר.

## בודא האָט געוואָלט צוריק ווערן אַן אינדישער פּרינץ

פינף „הייליקע הינדוס" האָבן באַגלייט בודאן אין זיין וואַנדער־וועג, אויסצופירן זיין „הייליקע מיסיע". זיי האָבן זיך אָבער אַנטוישט אין בודאן און אים פאַרלאָזן. בודא איז געבליבן אַליין. עס האָט אים געדראָט אומקום פון הונגער און אַסקעטיזם.

די גלייביקע אין בודיזם באַנוצן זיך מיט סטאַטועס פון בודאַן, אַן אויסגעדאַרטן, פון בלויז הויט און ביינער, אַלס אַנדענק פון זיינע אַסקעטישע ליידן, צוגלייך מיט גאָלדענע סטאַטועס פון אַ פעט־בייכיקן בודא.

די בודיסטישע טעאָלאָגיע דערציילט אויך, אַז בודא האָט אין וואַנדער־וועג תפלה־געטאָן אין אַ הינדו־טעמפּל. דאָרט האָט ער איינגעזען, אַז די הינדואיסטישע לערעס וועגן פּראַקטיצירן „יאָגאַ" און אַסקעטיזם פירן נישט צום תכלית פון מענטשס דאָזיין. האָט בודא געטראַכט צוריקצוגיין צו זיין פריערדיק באַקוועם, פּרינציש לעבן. פלוצלונג איז אָבער געקומען אַ געטלעכע „התגלות". ער איז געבליבן זיצן אונטער אַן איינזאַמען פייגן־בוים אין מדבר. אונטערן דאָזיקן בוים האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע געטער און מתפלל געווען צוזאַמען מיט בודאן אַנדערהאַלבן מעת־לעת. עס האָט אויף אים גערוט אַ רוח־הקודש — ער איז געוואָרן אַ „בודא" און דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון „נירוואַנאַ"... מאַסן מענטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אים און זיך צוגעהערט צו זיין נייער לערע וועגן הומאַניזם, די עטישע און מאָראַלישע ווערטן פון מענטש, מאַכן אַ סוף צו די מענטשלעכע ליידן, באַ־

פרייען זיך פון דער פלאג פון קאסטע־סיסטעם און שטרעבן צו „נירוואנא".

אין א טריומפאלן מארש זענען די מאסן נאכגעגאנגען בודאן צום „הייליקן פארק", צפונדיק פון בענארעס, ווו בודא האט גע־האלטן זיין ערשטע עפנטלעכע רעדע און אפגעריכט זיין ערשטן „הייליקן גאטעס־דינסט". דארט האט ער פראקלאמירט זיינע „4 דערהויבענע אמתן" און דאס „ראד פון 8 הייליקע פרינציפן". אויפן וועג האט בודא באגעגנט די 5 „הייליקע נזירים", וואס האבן געהאט אים פארלאזן, און זיי האבן זיך פאראייניקט מיט דער גרויסער מאסע געטרייע תלמידים פון בודאן.

די בודיסטישע טעאלאגיע האט פארהייליקט בודאס דאזיקע ערשטע עפנטלעכע רעדע, און דעם איינזאמען בוים אין מדבר פארהייליקט אלס בודאס „בוים פון וויסן".

פון דאזיקן „בוים פון וויסן" האט זיך צעבליט בודאס הומא־ניטארע לערע, וועלכע איז געווארן א וועלט־רעליגיע אונטערן נאמען ב ו ד י ז ם.

## בודאס טויטער קערפער פארברענט לויט טראדיציע פון הינדואיזם

די בודיסטישע טעאלאגיע האט געשאפן אזש 547 לעגענדעס, דער רוב פון זיי באגלייט מיט נסים־געשיכטעס, וועגן געבורט פון „בודא". פאר די גלייביקע אין בודיזם זענען די אלע לע־גענדעס אמתע און הייליקע דערשיינונגען.

עס פעלן גענויע היסטארישע פאקטן וועגן בודאס געבורט. דער גרעסטער טייל פארשער ווייזן־אן, אז בודא איז געבוירן אין יאר 563, פאר אונדזער צייט־רעכענונג. אין די לענדער פון דרום־אזיע האלטן די בודיסטן, אז בודא איז געבוירן אין יאר 624, און

די כינעזישע בודיסטן האַלטן, אַז ער איז געבוירן אין יאָר טויזנט, פאַר אונדזער צייט־רעכענונג. פאַר די בודיסטישע טעאָלאָגן איז וויכטיק די גענויע דאַטע פון בודאס געבורט, כדי אויפצווייזן, אַז בודא איז געווען דער פאָרגייער פאַר אַלע שפּעטערדיקע באַרימטע פילאָזאָפן, טעאָלאָגן און מאָראַליסטן, און אַז זיי אַלע זענען געווען באַאיינפלוסט, אָדער האָבן געלערנט, פון בודאן.

אַלע בודיסטישע היסטאָריקער זענען אָבער מסכים, אַז בודא האָט געלעבט אַכציק יאָר. ער איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים פון אַ דיזענטעריע קרענק. עס זענען פאַראַן מיינונגען, אַז בודא איז פאַרסמט געוואָרן פון שלעכטן עסן. דאָס איז געשען צוליב אַ טעות פון זיינעם אַ תלמיד.

אין 1956 איז געפייערט געוואָרן דער 2500־טער יאָר־טאָג פון בודאָס טויט.

בודיסטישע טעאָלאָגן דערציילן, אַז בודאס לעצטע ווערטער, פאַר זיין טויט, זענען געווען: — „אַלע ערדישע באַשאַפונגען מוזן פאַרשווינדן. זייט וואַכזאַם. ראַטעוועט זיך, דורך באַפרייען זיך פון אַלע ערדישע תאוות".

בודאס קערפּער איז געוואָרן פאַרברענט — לויט דער הינדו־טראַדיציע. בודא האָט נישט געהאַט געשאַפן קיין אַנדערע טראַדיציעס. ער איז אויך נישט אַרויסגעטראָטן קעגן אָנגענומענעם הינדו־מנהג אין אינדיע צו פאַרברענען מתים. אַן איבערבלייב פון בודאס קערפּער איז אָבער אָפּגעהיטן געוואָרן אַלס אייביק „הייליקטום", — זיין באַק־צאָן — אין אַ טעמפּל אין צעילאָן, און זיינע האָר — אין אַ טעמפּל אין בורמאַ.

## בודא האָט געפונען דעם „שליסל" צום מענטשס „גליק אין לעבן"

פון אַלע זיינע פילאָזאָפיעס און לערעס האָט בודא נישט גע־

שאפן קיין סאציאלע טעאריע, אדער א רעפארם פון דער הינדו-רעליגיע. עס איז אויך נישט באקאנט, אז ער זאל האבן שטארק געקעמפט קעגן אינדישן קאסטע-סיסטעם. אלץ וואס בודא האט באוויזן צו טאן, איז געווען צו פראקלאמירן פאר דער מענטש-הייט א פראקטישע לערע, ווי אזוי צו זיין „גליקלעך אין לעבן"...

וועלכער מענטש זוכט נישט כאטש א טראפן גליק אין לעבן? דער דאזיקער באגער איז דאך א לעבנס-ציל ביי אלע מענטשן — סיי ציוויליזירטע, סיי צוריקגעשטאנענע, רייכע און ארעמע, דער-וואקסענע און אפילו קינדער. רעליגיעזע, צי נישט-רעליגיעזע.

גליק און צופרידנקייט זענען תמיד געווען רעלאטיווע באַ-גריפן. אלע דענקער, טעאלאגן און מאראליסטן האבן געגעבן זייע-רע דעפיניציעס וועגן די דאזיקע פראבלעמען, זייט וועלט-באשאף ביזן היינטיקן טאג. אין פראקטישן לעבן האט יעדער מענטש זיין אייגענע טעאריע און דעפיניציע וועגן גליק און צופרידנקייט.

די בודיסטן האבן וויניק געוווסט פון פשוט-מענטשלעכן גליק אין זייער לעבן. די דערשיינונג פון בודא איז, דעריבער געווען פאר זיי א שטראל פון גליק.

די בודיסטן גלייבן, אז בודא איז געווען דער איינציקער וואס האט געפונען דעם „שליסל" צום אייביקן מענטשלעכן גליק. דע-ריבער איז בודא ביי זיי פארערט אלס — מענטש-גאט, דער סימבאל פון דער העכסטער מאראל און זיטלעכקייט, דער דערפינדער פון „ריכטיקן וועג" צום מענטשלעכן גליק. האבן זיי, דעריבער, אויס-געבויט לכבוד בודאס אנדענק פרעכטיקע טעמפלען, און בודאס אפבילד דינט אלס די גרעסטע הייליקייט פאר יעדן גלייביקן אין בודיזם.

אז א בודיסט גייט אין טעמפל — גייט ער מיט אן אויסער-געוויינלעכן ציטער-געפיל פון יראת-הכבוד און תשובה.

# דער הייליקער „טעמפל פון בודאַס צאַן"

ביי אַלע בודיסטן איז אויסערגעוויינלעך פאַרהייליקט דער פאַרבליבענער צאַן פון בודאַן...

גאַר גרויס איז די זכיה עולה־רגל־צו־זיין קיין צעילאָן צום „הייליקן טעמפל פון בודאס צאַן". צעילאָן האָט זוכה געווען צום דאָזיקן כבוד, נאָכדעם ווי די בודיסטן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון אינדיע צוליב רעליגיעזע רדיפות.

אין דאָזיקן טעמפל געפינט זיך אַ גאָלדענע סטאַטוע פון בודאַן. אינעם „הארץ" פון דער סטאַטוע ליגט פאַרשלאָסן אַ ריזיק גרויסער באַק־צאַן פון בודאַן — אַן ערך 5־מאָל די גרויס פון אַ נאָרמאַלן מענטש, בודיסטישע היסטאָריקער דערקלערן, אַז בודאַ איז געווען זייער אַ שיינער, הויך־וווקסיקער. דעריבער איז זיין באַק־צאַן פון אַ נישט־נאַטירלעכער גרויס.

דער פשוטער המון האָט זעלטן די זכיה צו זען דעם דאָזיקן צאַן. אַזאַ זכיה האָבן הויפּטזעכלעך חשובים, אָדער געסט פון אויסלאַנד. דאָס געשעט נאָר איין מאָל אין יאָר, אין אַ נאַכט ווען עס שיינט אַ פולע לבנה.

ביי דער דאָזיקער פייערלעכער געלעגנהייט הערשט אַן אויס־נאַמדיקע הייליקע שטימונג. ביי די איינגאַנג פון טעמפל שטייען נזירים, איינגעוויקלט אין ווייסע ליילעכער, און שפּילן אויף פליטן, אָדער קלאַפּן אין זילבערנע טאַצן. אַזוי אַרום באַגריסן זיי די געסט און מתפּללים. יעדער ברענגט אַ מתנה פון ווייסע, אָדער געלע, בלומען, און אויך געלט, בעיקר גאָלדענע מטבעות. ספּע־ציעלע נזירים ברענגען די בלומען אינעם אינערלעכן „היכל" פון טעמפּל און לייגן זיי אַוועק אויף אַ האַלב־רונדיקער בימה, אין פּראַנט פון מיט־בריליאַנטן־באַצירטע קעסטעלעך, אין וועלכע עס ליגן פאַרשלאָסן הייליקע כלים.

ביי אַ פייערלעכער צערעמאָניע ווערט געעפנט דער „קדשי

קדשים", ווו עס געפינט זיך אַ גאָלדענער ביוסט פון „בודא", זיצנ־דיק מיט פאַרלייגטע פיס, און זיין „האַרץ" איז באַצירט מיט בלישטשענדיקע בריליאַנטענע שטיינער. אין דאָזיקן מאָמענט ווען מען דערזעט בודאס סטאַטוע — פאַלן אַלע אָנוועזנדע צו דער ערד. די נזירים הערן־אויף צו שפילן און פויקן. אַ מוראדיקע שטילקייט באַנעמט דעם גאַנצן טעמפל. די מתפללים און געסט האַלטן איין זייער אָטעם. נזירים ברענגען אַריין אַלע בלומען פון דער „בימה" און לייגן זיי אַוועק אויפן „מזבח", אונטערן „גאָלדענעם האַרץ" פון בודאן.

אלע ליכטער ווערן פאַרלאָשן. אַ כהן-גדולדיקער נזיר אין עקזאלטירטער צערעמאָניאַלקייט, שליסט־אויף, מיט אַ גאָלדענעם שליסל, דאָס „האַרץ" פון דער בודא־סטאַטוע. אינעם „האַרץ" דער־זעט מען „בודאס צאָן" — אַ געל־שוואַרצער, מיט זיינע וואָרצלען.

במשך עטלעכע סעקונדן הערט זיך אַ שטיל־שעפּטשענדיקע תפלה. בודיסטן זענען זיכער, אַז אין די דאָזיקע רגע'ס בעט זיך אויס יעדער איינער אַלע זיינע פאַרלאַנגען פון בודאן...

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש — זענען אַלע עולה־רגל צו אַ באַרג, וועלכער איז באַרימט אַלס דער „באַרג פון גאָטס פיס". אי־נעם דאָזיקן שטיינערנעם באַרג איז פאַראַן אַ גרויסער צייכן, וועל־כער איז, לויט דער בודיסטישער אמונה, דער אָפּדרוק פון בודאס פוס־טריט, ווען ער איז ארויף אויפן באַרג אויסצומעסטן די הימלען...

אין טייל לענדער, בעיקר אין צעילאָן, ווערט אום זומער גע־פייערט אַ גרויסער פאָלקס־יום־טוב לכבוד בודאס „הייליקן צאָן".

## „איר פאַרמאָגט וואָס איר האָסט, און האָט נישט וואָס איר ליבט"...

בודאַ איז געווען אַ מאָסן־רעדנער. ער האָט געוואָנען די הערצער

פון זיינע צוהערער באַלד מיט זיין באַרימטער „ערשטער רעדע אין בענאַרעס".

„וואָס איז מער" — האָט ער געפרעגט דעם המון צוהערער — „דאָס וואַסער אין די גרויסע ימען, אָדער אייערע טרערן, וואָס איר האָט פאַרגאָסן אין שווערן גראַנגל אין אייער לעבן? איר פאַרמאָגט דאָס וואָס איר האַסט, און איר קאָנט נישט דערגרייכן וואָס איר ליבט. די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען זענען גרויס, אָבער די מעגלעכקייטן צו דערגרייכן דאָס — זענען קליין. דאָס פאַרביטערט און פאַרקירצט אייער לעבן. אייער ישועה קאָן קומען נאָר דורך גייסטיקער רו — נירוואַנאַ".

די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע ווערטער האָבן באַגייסטערט די מאַסן.

בודאַ האָט אויסגעמיטן צו פאַרנעמען זיך מיט מעטאַפיזיק, אָדער מיט פּראָבלעמען פון „מה למעלה, מה למטה". ער האָט זיך באַמיט צו זיין אַ ראַציאָנאַליסט, צו פאַרנעמען זיך בעיקר מיט דער ראָל פון מענטש אויף דער וועלט.

אויף פראַגן וועגן „מענטשנס ווידערגעבורט" — „גלגול הנפש", — שטאַרק פאַרהייליקט אין דער הינדו־רעליגיע און ביי די אינדישע מאַסן — האָט בודאַ געענטפערט: — פאַרשטייען מיר שוין דאָס לעבן אויף ד ע ר וועלט, אַז מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען פון לעבן אויף יענער וועלט?...

בודאַס ווערטער און געדאַנקען האָבן שיין געקלונגען אין די אויערן פון די אָרעמע מאַסן. אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט אין פילאָזאָפיעס און אַוועק פון זיינע ערשטע מענטשלעכע אידייען.

די מאַסן האָבן אָבער נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דורות־לאַנג־איינגעבוירענעם געצנדינערישן קולט פון אינדיע. בודאַ האָט דעריבער געהאַט אַ שווערן קאַמף מיטן הינדואיזם.

ערשט 200 יאָר נאָך בודאַס טויט איז זיין לערע — „בודיזם", געוואָרן אַ דאָמינירנדיקע רעליגיע אין אינדיע. דאָס איז געשען

אַ דאַנק דעם הערשער פון לאַנד, אימפּעראַטאָר אַ ס אַ ק אַ, וועלכער האָט נאָך שווערע מלחמות אַליין אָנגענומען דעם בודיסטישן גלויבן און איינגעפירט אין לאַנד געזעצן פון דער בודיסטישער אמונה. די שלום־אידייען פון בודיזם האָט ער געמאַכט אַלס די רעליגיע פון אינדיע. ער האָט אַרויסגעגעבן הונדערטער געזעצן באַזירט אויף יושר, מאָראַל און עטיק. ער האָט אויך אַרויסגעשיקט צו די אַרומיקע לענדער שליחים צו פּראָפּאַגירן די אידייען פון בודיזם.
הינדואיזם האָט זיך דערשראָקן פאַר דער קאָנקורענץ פון בודיזם.

## בודאַ צעשטערט די חלומות פון בודיסטן

וואָס האָבן די הינדו־פירער געטאָן? — זיי האָבן געמאַכט רעפאָרמען אין דער הינדו־רעליגיע און אָקצעפּטירט אַ סך פון די בודיסטישע לערעס. אזוי אַרום איז געלונגען דעם הינדואיזם „איינ־צושלינגען" דעם „אינדישן בודיזם".

די השפעה פון בודיזם אין אינדיע איז שנעל געפאַלן.

אין דער זעלבער צייט איז בודיזם געוואַקסן אין די שכנותדיקע לענדער.

די בודיסטישע מאַסן האָבן אָבער געזען, אַז בודאַ האָט צעשטערט זייער איינציקע האָפענונג אין לעבן — אַ „גן־עדן אויף יענער וועלט", און ער האָט זיי נישט געבערענגט דעם צוגעזאָגטן „גן־עדן אויף דער וועלט". זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע גרופּן און סעק־טעס וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינלייגן נייע טייטשן אין בודאַס לערעס. עס זענען אויסגעוואַקסן פאַרשידענע קאָמענטאַרן צו בודאַס קאָמפּליצירטע פילאָזאָפיעס. עס האָבן זיך אויסגעטיילט באַזונדערע טעמפּלען. די בודיסטן אַליין זענען צעטומלט געוואָרן און נישט געוווסט וועלכע שיטה פון בודיזם איז די ריכטיקע...

אין יאָר 40 פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג האָט דער

בודיסטישער קעניג קאנישקא אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 500 געלערנטע בודיסטישע „תלמידי חכמים", צו שטודירן אַלע חילוקי דעות פון די פאַרשידענע טעאָלאָגישע און פילאָזאָפישע שיטות פון בודיזם אין אַ ריי לענדער. אַלס רעזולטאַט פון דעם, האָט בודיזם זיך צעטיילט אין צוויי הויפּט־שיטות, וועלכע זענען געוואָרן כמעט צוויי בודיסטישע רעליגיעס:

1) דער „מאהאיאנא" (צפונדיקער) בודיזם.

2) דער „הינאיאנא" (דרומדיקער) בודיזם.

## דאָס „גרויסע ראָד" און „קליינע ראָד" פון בודיזם

דער „מאהאיאנא"־בודיזם ווערט באַטראַכט אַלס דאָס „גרויסע ראָד" פון גלויבן. די דאָזיקע „שולע פון בודיזם" גלויבט, אַז בודאַ איז געווען אַ „מענטשלעכער שליח פון אייביקן בודאַ", וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין גורל פון מענטשנס ליידן.

די „מאהאיאנא"־שיטה האָט בודאַס אַטעיזם און שטרענג־עטישע פּרינציפּן „אויסגעבעסערט" מיט מיסטישע און אידעאַליסטישע כוונות. זי מאַכט בודיזם אַן עמאָציאָנעלע רעליגיע, פול מיט אגדה און צערעמאָניעס, פול מיט הייליקייט און גלויבן אין „צוקונפטיקע בודאַס". יעדער בודיסט דאַרף אָפּהיטן אַלע פּרינציפּן פון דער רעליגיע און זיך באַמיען צו לעבן אַן עטיש, געהייליקט לעבן, פול מיט מעשים טובים. אַ בודיסט טאָר נישט זאָרגן נאָר פאַר זיין אייגן צדקות. מען דאַרף פריער זאָרגן פאַר דער דערהויבונג און קדושה פון גאַנצן כלל. מען דאַרף זאָרגן, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל ווערן אַן עדה פון קדושים...

די דאָזיקע פּרינציפּן זענען פאַרקערפּערט אין די בודיסטישע „הייליקע ספרים" — „לאָטוס פון גוטן געזעץ" און „גן עדן־שריפטן".

די שיטה פון „גרויסן ראָד" האָט פאַקטיש געענדערט בודאַס

לערע און זי פאַרוואַנדלט אין א ר ע ל י ג י ע. עס ווערט אויסגע־טייטשט, אַז ד אָ ס זאָל זיין בודאס אָ ר י ג י נ ע ל ע לערע. די דאָזיקע שיטה איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און געוואונען אַ גרויסע נאָכפאָל־גערשאַפט אין בורמאַ, צעילאָן, קאַמבאָדיע, לאַאָס, טיילאַנד, וויעטנאַם.

דער „הינאַיאַנאַ"־בודיזם ווערט באַטראַכט אַלס דאָס „קליינע ראָד", וועלכעס באַטראַכט בודאַן אַלס דעם גרויסן לערער, וועלכער האָט מיט זיין לעבן געוויזן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע ווי אַזוי צו לעבן. לויט דער דאָזיקער שיטה קאָנען נאָר גייסטרייכע יחידים, נאָך פאַרשידענע גלגולים, זוכה־זיין צו ווערן „בודאַס". יעדער בודיסט דאַרף, קודם־כל, זאָרגן פאַר זיין אייגענער שלימות. „קשוט עצמך". אַז יעדער וועט זאָרגן פאַר זיך צו ווערן אַ „צדיק" — וועלן אַלע צוזאַמען במילא ווערן אַ „גוי קדוש"... אַזוי אַרום וועלן אַלע קאָנען דערגרייכן צו „נירוואַנאַ"...

די „הייליקע שריפטן" פון הינאַיאַנאַ-בודיזם ווערן אָפּגעהיטן אין דער פּאַלי־שפּראַך, וועלכע איז געווען בודאַס מאַמע־לשון.

דער הינאַיאַנאַ־בודיזם איז פאַרשפּרייט אַממערסטן אין בורמאַ, צעילאָן און טיילאַנד.

דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אונ"אָ, או־טאַנט, וועלכער שטאַמט פון בורמאַ, איז אויך אַ בודיסט.

זיין אויפפירונג שטימט אָבער ניִשט, סיי מיט די פּרינציפּן פון „מאַהאַיאַנאַ"־בודיזם, סיי מיט די פּרינציפּן פון „הינאַיאַנאַ"־בודיזם.

דער געוועזענער פּרעמיער פון ישראל, דוד בן-גוריון, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק באַזוכט אַ טעמפּל פון בודיזם אין בורמאַ.

## בודיסט או-טאַנט נענטער צום איסלאַם און קאָמוניזם ווי צו — יידן און יהדות

דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פעלקער־אָרגאַניזאַציע (אונ"א), או־טאַנט, איז געבוירן אין בורמאַ, — א לאַנד באַהערשט פון דער בודיסטישער רעליגיע.

„אר״ איז א בכבודיקער טיטל אין בורמא — אזוי ווי ביי יידן, להבדיל, „רב״ (רעב). „טאנט״ איז זיין איינציקער נאמען. דער רוב בורמעזער האָבן נאָר און איינציקן נאָמען.

ווער עס קאָן די געשיכטע פון בודיזם, און ווייסט אַ ביסל וועגן דער לערע פון דער דאָזיקער רעליגיע, אפילו נאָר „על רגל אחת״, ווייסט אז — „ריינער בודיזם״, לויט ווי די לערע פון בודאן ווערט אויסגעטייטשט, איז חוץ אטעיסטיש — אויך האלב־געצנדינעריש; אז דער מענטש איז דער „מקור פון אלע ליידן״; אז דער מקור פון אלע ליידן איז דער יצר־הרע, וועלכן מען מוז אין זיך דערשטיקן, „עוקר־מן־השורש־זיין״; אז דער גן־עדן פון יעדן יחיד — איז דער גייסט פון פארנעפלטן, זיסן „נירוואנא״. וויסנדיק דאָס — איז לייכטער צו „פארשטיין״ דעם בודיסטישן אר־טאנט, וועלכער פירט־אָן מיט דער אָרגאניזאציע פון די קנאפע „127 מדינות״ — און״א (שיער־נישט „אר־טאנט״...).

טייל פסיכאָלאָגן דערקלערן, אז אר־טאנטס בודיזם איז א גרויסער גורם פון זיין שיטה — צו זיין אזוי קאָלט און שלעפעריק צום „אייראָפעישן באגריף״ פון יושר, צדק און גערעכטיקייט. דעריבער שפילט ער אזא דיפּלאָמאטישע ראָל וואָס איז נענטער צו דער „אידעאָלאָגיע״ פון די כיטרע־פּאָליטיקער פון איסלאם און קאָמוניזם, און קעגנעריש צו יידן, און ישראל.

דעריבער זענען פאר אונז טיילמאָל אזוי „אומפארשטענדלעך״ אַ סך מעשים פון אר־טאַנטן — וועלכע האָבן ווייניק א שייכות צו „רעליגיע״ און מער צו פּאָליטיק, אָדער גאָר פאַרקערט.

די וועלט האָט אַזאַ פנים ווי עס האָבן אירע פירער.

## איז בן-גוריון באַאיינפלוסט פון — בודיזם?

פאר טייל יידן אין ישראל און אין אויסלאנד איז נישט פאר־שטענדלעך, פארוואס דער ערשטער פרעמיער־מיניסטער פון

מדינת ישראל, דער „פּאָטער פון דער מדינה", וועלכער האָט זייער גרויסע פארדינסטן פאר מדינת ישראל, און איז פאררעכנט אלס „איינער פון די גרעסטע יידן אין ישראל", — דוד בן־גוריון, האט אין די לעצטע יארן אן אייגנארטיקע שיטה וועגן פראבּלעמען פון דער מדינה, און אפילו אן אייגנארטיקן צוגאנג צו פּראבלעמען און געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע.

גאָר „פרעמד און עקזאָטיש" איז געוואָרן אויפגענומען, מיט עטלעכע יאָר צוריק, בן-גוריונס באַזוך, אין א בודיסטישן טעמפּל אין בורמא און זיין פאראינטערעסירן זיך מיט די פילאזאפיעס פון בודיזם.

דער קאָלאָנעל יוסף כרמל, געוועזענער מיליטערישער אדיוּ־טאנט פון ישראלס צווייטן פרעזידענט, יצחק בן־צבי ז"ל, דער־ציילט (אין זיין ביכל „א רייזע צו פארשטויסענע ברידער"), אז ווען ער האט באזוכט די פיליפּינען, האט דער דארטיקער רב, שמעון לוי פון ירושלים, אים געהאָלפן איינקויפן בודיסטישע ביכער פאר — בן־גוריונען... דער דארטיקער בוך־הענדלער האָט באמערקט, אז לויטן אויסקלייב פון דער זעלטענער רשימה פון ביכער איז „דער מחבר פון צעטל (ביכער) א גרויסער בקי אין דער תורה פון בודא"...

עס קאָן זיין אז דער „שליסל" צו דער „מיסטעריע" פון בן־גוריונס „נייע" אויסטייטשונגען פון תנ"ך איז די פּאַראינטערעסירט־קייט מיט דער לערע פון — בודיזם...

## בן-גוריון, בודיזם און „אינדיעס בייטראָג צו מענטשלעכער קולטור"

דער באַרימטער רייזנדער־שרייבער ד"ר חיים שאָשקעס ז"ל דערציילט (אין זיין בוך „צווישן יידן אין ווייטע לענדער") וועגן

א טשיקאווער באַגעגעניש וואָס ער האָט געהאַט מיטן בודא-„כהן גדול״ פון א בורמישן טעמפל. ווען בן־גוריון האָט באזוכט דאס דאזיקע לאנד, האט ער זיך באגעגנט מיטן דאזיקן „כהן גדול״, און מיט אים געפירט א בריוו־אויסטויש. בן־גוריון האָט געלויבט אינדיעס בייטראָג צו מענטשלעכער קולטור דורך בודאס לערע...

ווען דער דאזיקער בודיסטישער „כהן גדול״, הויפט־פריסט פון א בודא־טעמפל, איינגעוויקלט אין א געל ליילעך אויף זיין נאקעטן קערפער האָט זיך באַוויזן אויף די שטיינערנע טרעפ פון טעמפל — „האָבן אלע (מתפללים) א ווארף־געטאָן זיך אויף זייערע פנימער מיט די הענט אויסגעשטרעקט צום געבעט״, צום הייליקן בודא.

ד״ר שאָשקעס האט זיך צעשמועסט מיטן דאזיקן „בודיסטישן כהן־גדול״, וועלכער איז אויך א „בודיסטישער טעארעטיקער״ און מחבר פון א בוך אין ענגליש וועגן „די פיר גייסטיקע סטאדיעס פון בודיזם״ — האָט ער זיך דערוווסט, צו זיין גרויס איבער־ראשונג, אז דער „בודיסטישער כהן־גדול״, וועלכער לעבט אָרים ווי אלע בודיסטישע גייסטלעכע — פון דער שפייז וואָס עס ברענ־גען אים די ארבעטער פון די ארומיקע פלאנטאציעס — און זיין נאָמען איז „נאַיאָנאַ פאָניקא טהערא״ — איז גאָר א־60 יאָריקער ייד פון פוילישן שטעטל באָכניע, נעבן קראָקע...

צו לערנען „די בודיסטישע תורה״ פון אזא „בודיסטישן כהן־גדול״ — איז ווירקלעך כדאי ספעציעל צו פאָרן פון ירושלים אזש קיין בורמא...

## „רעפאָרמיסטישער״ שמד אין גייסט פון „רעפאָרמיסטישן״ גיור

דער גאַליציאַנער ייד פון באָכניע, פוילן, וועלכער רופט זיך היינט „נאַיאָנא פאָניקאָ טהערא״ און איז געוואָרן א בודיסטישער

„כהן גדול" וואס פּראַוועט נזירות אין א האלב־מיסטישן, האַלב־געצנדינערישן בודיסטישן טעמפּל — רעדט א פּליסיקן יידיש, אריינגעוואָרפן מיט תורה־ווערטלעך און מאמרי חז"ל...

פעלן דען פאַרוואָגלטע יידישע נשמות ?

אונדזער צערודערטע און שטורמישע תקופה האָט גאָר פּראָ־מינענט זיך אויסגעצייכנט מיט ארויסגעבן צעדרייטע מוחות און האַלב־נישט־נאָרמאַלע פּילאָזאָפישע שיטות. נישט נאָר פליט מען צו דער לבנה — נאָר מען נידערט אויך צו די טיפסטע אָפּגרונטן פון אַבסורדן.

א פּראָדוקט פון דער דאזיקער תקופה אבסורדן, דערקלערט מען, איז אויך די פארוואָגלטע יידישע נשמה פון קליינשטעטל־דיקן באָכניע, אין איינגעוויקלטן נזירישן ליילעך פון בודיזם, וועלכער דערקלערט : — „איך בין נישט געשמדט, אין דעם זין ווי יידן פארשטייען דאָס. איך בין א... ייד און א פריינט פון מדינת ישראל, ווו עס לעבן מיינע משפחה־מיטגלידער".

דאָס איז אַ באַגריף פון א „רעפאָרמיסטישן"־שמד... — אין „גייסט פון דער צייט" פון „רעפאָרמיסטישן" גיור...

## יהדות אין אַ בודיסטישער אויפלאַגע

דער גאַליציאַנער ייד „נאיאַנאַ פּאַניקא טהערא" האָט זיין אייגענע „יידיש־בודיסטישע פילאָזאָפיע" : — „בודיזם איז נישט קיין רעליגיע. בודיזם איז א וועלט־אַנשויאונג — ליב האָבן יעדן איינעם („ואהבת לרעך כמוך"), רחמנות־האָבן אויף יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש („לא תרצח"), באפרייען די נשמה פון דער השפעה פון קערפּערלעכע תאוות („נר השם — נשמת האדם"), דערפילן אין זיך די אינערלעכע פרייד פון לעבן און גלייכ־

געוויכט פון דער נשמה, שלוות הנפש — די טיפע רואיקייט, („ביטול העולם"), וואָס בודא האָט אנגערופן — „נירוואנא".

מיטן דאזיקן באוווסטזיין — האָט דערקלערט „נאָיאנא פאַניקא טהערא" — בין איך דערגאנגען צו דער „נזירישקייט" פון דער וועלט, באפרייען זיך פון די „הבלי עולם הזה", און צוגעקומען צום „ביטול ה־יש" (אַבסאָלוטע איגנאָראַנץ פון אייגענעם „איך", וועלט און מענטש)...

פון זיין אויפפירן זיך, און שטייגער לעבן אין אָרימקייט און דחקות, זעט מען, אז דער „יידישער בודיסט" נעמט ערנסט זיין בודיזם.

ער איז נישט קיין קאריעריסט. פון זיין נייער „אמונה" מאכט ער נישט קיין „קרדום לחפור בו".

ער גלייבט ערנסט, אז ער דערפילט א וויכטיקע מיסיע פאר דער מענטשהייט דורך זיין פרעדיקן די לערע פון הומאני־טארן, עטיש־מיסטישן בודיזם.

ער גלייבט „באמונה שלימה", אז בודא איז געווען א גרויסער נביאישער גייסט.

ער האָלט זיךביים טייטש פון אַלט־אינדישן לשון, לויט וועלכן דער נאָמען „בודאָ" באדייט „דער אויפוועקער". בודא האָט „אויפגעוועקט פון שלאָף" די מענטשהייט און זי געלערנט ווי אזוי צו באפרייען זיך פון ערדישע תאוות און ווערן „אויסגע־לייזט פון זינד".

ער האָט אויסגעמיטן צו דערקלערן, צי ער איז א „מאַהאַ־יאַנא"־בודיסט, צי א „הינאַיאַנאַ"־בודיסט.

„איך האָב רחמנות אויף אלע מענטשן און אלע לעבעדיקע באשעפענישן" — האָט ער דערקלערט „דיפלאָמאטיש".

זיין נאָמען גיט אָן אָנדייט, אז ער געהער צו דער נזירישער „הינאַיאנא"־סעקטע פון בודיזם.

לייב שטשעקאטש־ראָזען

# די ראָל פון רעליגיע אין דער בלוטיקער טראַגעדיע פון וויעטנאַם

אויב בודיזם איז געבליבן אן „אזיאטישע״ רעליגיע און זיך נישט דערנענטערט צו דער „אייראָפּעישער ציוויליזאציע״ — האָט די דאזיקע ציוויליזאציע זיך דערנענטערט צום — בודיזם... ריכטיקער — צו די בודיסטן.

צוערשט האָט דאס געטאָן די „פראנצויזישע ציוויליזאציע״. יעצט טוט דאס די „אמעריקאנער ציוויליזאציע״.

דער בלוטיקער גערא‍נגל אין וויעטנאם („ביידע וויעט־נאמס״...) איז א „קאפיטל״ פון דער דאָזיקער „ציוויליזאַציע״.

# רעליגיעזע שנאה—יסוד פון פּאָליטישן קאָנפליקט אין וויעטנאם

אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט רעליגיע פאַרנומען דעם „אויבן־אָן״ אין מענטשלעכן לעבן. מענטשן זענען תמיד געגאַנגען אויף די באריקאדן, אויף „קידוש השם״, צו פאַר־טיידיקן זייערע רעליגיעזע אידעאַלן און הייליקייטן — אָן אונטער־שייד אין כאַראַקטער פון דער רעליגיע.

ווער עס האָט זיך „געשפּילט אין פייער״ קעגן רעליגיע, אמונה, דת — איז תמיד אָפּגעבריט, אָדער פאַרברענט, געוואָרן אין דאָזיקן פייער.

אפילו אין אונדזער מאָדערנער צייט, ווען־נאָר עס קומט צו רעליגיע — פאַלן אַוועק די פּאָליטישע און סאָציאַלע אַספּעקטן.

ווען־נאָר עס קומט צו פּאָליטישע מאָמענטן — פאַלן אָהעק די רעליגיעזע פרינציפּן.

אויך אין פייער־געראַנגל פון וויעטנאַם — איז „רעליגיע״ אַ וויכטיקער פאַקטאָר.

די אָפיציעלע סטאַטיסטיק (אין ענציקלאָפּעדיעס) באַווייזט, אַז 35 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין וויעטנאַם זענען בודיסטן, און נאָר צען פּראָצענט — קאַטאָליקן. די גרעסטע גרופּע פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג פּראַקטיצירט די רעליגיעס פון טאָאיזם און קאָנפיוציוסיזם (וועגן די צוויי רעליגיעס — אין באַזונדערע אַרטיקלען).

די בודיסטן אין וויעטנאַם טענהן, אַז זיי זענען ניינציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. טראָץ דעם ווערן זיי און זייער בודיסטישע רעליגיע דיסקרימינירט.

## קאַטאָליציזם און פראַנקרייך — קעגן בודיסטן און בודיזם

די טענהן אויך, אַז כאָטש זיי זיצן אין וויעטנאַם שוין בערך צוויי־טויזנט־פיר־הונדערט יאָר, האָבן קאַטוילישע מיסיאָנערן פון פראַנקרייך, זייט דעם 16־טן יאָרהונדערט, זיך אַריינגעמישט אין זייער רעליגיעז (בודיסטיש) לעבן און גורם געווען קאַמפן צווישן די בודיסטן און קאַטאָליקן.

דער פראַנצויזישער עמפּעראַטאָר, נאַפּאָלעאָן דער דריטער, האָט אַריינגעשיקט אַן אַרמיי, פאַרכאַפּט סעיגאָן, און אַנדערע געגנטן פון וויעטנאַם, און נאָכדעם געמאַכט פון וויעטנאַם, לאַאָס און קאַמ־באָדיא א „פראַנצויזיש אינדאָכינע״. די פראַנצויזישע הערשאַפט האָט דאָרט איינגעפירט אַ געזעץ וואָס האָט, קעגן ווילן פון די בודיסטן, באַשיצט די קאַטוילישע רעליגיע.

די „פראַנצויזישע רעוואָלוציע״ האָט טאַקי איינגעוואָרפן די פּאַריזער באַסטיליע, פּראָקלאַמירט „פרייהייט, גלייכהייט און ברי־

דערלעכקייט״ פאַר אַלע, און די רעליגיע אָפּגעטיילט פון דער מלוכה. אָבער קריסטנטום איז געבליבן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין פראַנצויזישן לעבן, בפרט אין דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פון פראַנקרייך.

די פראַנצויזישע אָקופּאַציע, ווענדיק פּאַרפּעסטיקן איר הערשאַפט, האָט דיסקרימינירט קעגן די בודיסטן און דער בודיסטישער רעליגיע אין וויעטנאַם, און אין דער זעלבער צייט פּאַוואָריזירט די רעליגיע פון דער דאָרטיקער קליינער מינדערהייט קאַטאָליקן.

אין 1954 האָט וויעטנאַם ענדלעך באַקומען זעלבסטשטענדיקייט (וועגן די פּאָליטישע און מיליטערישע געראַנגלענישן — פאַרנעמען מיר זיך נישט איצט). זי איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי מדינות: — אַ דעמאָקראַטישע דרום-וויעטנאַם, וועלכע הייסט אָפיציעל „רעפּובליק פון וויעטנאַם״, מיט א באַפעלקערונג פון אַ 16 מיליאָן מענטשן, און סעיגאָן — די הויפּט-שטאָדט; און אַ קאָמוניסטישע צפון-וויעטנאַם, וועלכע הייסט אָפיציעל „דעמאָקראַטישע רעפּובליק פון וויעטנאַם״, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ 19 מיליאָן מענטשן, און האַנאָי — די הויפּט-שטאָט.

## קאַטוילישער מינדערהייט-פּרעזידענט קעגן בודיסטישער מערהייט

די בודיסטן האָבן געטענהט, אַז דער ערשטער פּרעזידענט פון דעמאָקראַטישן דרום-וויעטנאַם, דין דיעם, איז געווען אַ קאַטאָליק, אונטערגעשטעלט פון פראַנקרייך. טראָץ זיין אָפיציעלע קעגנערשאַפט צו פראַנקרייך, קאָמוניזם און דעם „וויעטקאָנג״ (קאָמוניסטיש-געשטיצטע גערילאַס פוןביידע וויעטנאַמס) — האָט ער דיסקרימינירט, בעיקר קעגן די בודיסטן, נוקם געווען זיך אין די בודיסטישע קעגנער, פאַרניכטעט און פאַרברענט בודיסטישע טעמפּלען.

די עוולה פון די קאַטאָליקן קעגן די בודיסטן, און די שנאה פון בודיסטן צו די קאַטאָליקן איז געוואָרן דער יסוד פון „פּאָלי־טישן" קאַמף.

אין לאַנד האָט זיך אָנגעצינדן אַ רעליגיעז פייער.

## וואָס ווילן די בודיסטן?

די בודיסטן ווילן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַריינמישן אין זייער לעבן. זיי ווילן נישט קיין „מאָדערנע" גליקן, איבערהויפּט נישט קיין „אייראָפּעישע ציוויליזאציע". זיי זענען אַ „מסתפּק במועט" — באַגנוגענען זיך מיט זייער ווייניק. ווילן לעבן אַ פרימיטיוו לעבן.

זייער וועלט־אָנשויאונג איז — לעבן אָרים און איינפאַך, שטיל און באַשיידן.

זייער אידעאָלאָגיע איז — צוריקציען זיך פון אַקטיוון לעבן, לעבן פאַסיוו, מיט ליבשאַפט צום נאָנטן.

זיי זענען קעגן „פּראָגרעס".

די מלחמה צווישן דרום־וויעטנאַם און צפון־וויעטנאַם — אין וועלכער עס זענען געווען פאַרמישט צוערשט די פראַנצויזן, נאָכדעם די קאָמוניסטן מיטן וויעטקאָנג, און איצט די אַמעריקאַנער — איז, ווי רוב מלחמות, „אַרויס פון די רעלסן". צוליבן וואָלד זעט מען נישט דיביימער...

די „גרויסע פירער" פון די וועלט־מאַכטן — פריער פראַנק־רייך, יעצט רוסלאַנד, כינע און אמעריקע — „העלפן" און „באַ־פרייען" וויעטנאַם.

די וויעטנאַמער — סיי בודיסטן, סיי די אַנדערש־גלויביקע — ווייסן שוין באַלד אַליין נישט פאַרוואָס זיי קעמפן און פאַרגיסן זייער בלוט.

פאַקטיש האָבן די בודיסטן פיינט סיי די איסלאַמער, סיי די קריסטן, סיי די קאָמוניסטן. אין אַנבליק פון דער בלוטיקער קעגנ־וואָרט האָבן זיי פיינט אַפילו די וואָס זענען, אָדער דערקלערן זיך אַלס זייערע פריינט. זיי גלייבן שוין נישט קיינעם. זיי זענען חושד אַלעמען. זיי ווייסן איין זיכערע זאַך — זייער פאָלק גייט אָפּ אין בלוט און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה און בית־עולם.

אין בלוט ווערן דאָרט דערטרונקען סיי די אידעאַלן פון בודיזם, סיי די „ליבע" פון קריסטנטום, סיי די „ברודערשאַפט" פון איסלאַם.

דער קאָמוניזם פון רוסלאַנד און כינע גיסן אויל אויפן פייער פון „זעלבסט־באַשטימונג" און „וועלט־באַפרייאונג".

אמעריקע ברענגט טויזנטער קרבנות אויפן מזבח פון דעמאָק־ראַטיע און פעלקער־פריינטשאַפט.

אַלע אידעאַלן ווערן דאָרט פאַרברענט אין פייער פון פעלקער־שנאה און דערטרונקען אין ים פון מענטשלעכן בלוט — מיט „קאַ־לירן" פון רעליגיע און פּאָליטיק.

בודיזם האָט כמעט קיינמאָל זיך נישט צונויפגעטראָפן מיט יידן און יהדות.

## בודיזם — אַ קרבן פון איסלאַמישע פּאָגראָמען און דיסקרימינאַציעס

א פאָפּולער כינעזיש פאָלקס־ווערטל זאגט: — „אפילו א „בודא" וועט ווערן אין כעס, ווען מען וועט אים פאטשן צופיל אין פנים"...

בודיזם איז רייך אין — „פעטש".

בודיזם האָט באקומען די ערשטע „פעטש" פון הינדואיזם. טראָץ דעם וואָס בודאַ איז געבוירן אין אינדיע און גרויסע מאַסן אינדיער האבן אָנגענומען די בודיסטישע רעליגיע — האָט בודיזם נישט זוכה געווען קיין גרויס נחת אין אינדיע. בודיזם איז כמעט

אינגאנצן פארשטויסן געווארן פון אינדיע. הינדואיזם האָט „פאַר־קירצט די יארן״ פון אינדישן בודיזם.

דעם גרעסטן קלאַפּ האָט בודיזם באקומען אין 12־טן יאר־הונדערט ווען דער איסלאַם האָט אַריינגעדרינגען אין אינדיע. די איסלאַמישע פאַרכאַפּער האָבן פּאַגראָמירט און ממש אויסגעראָטן די בודיסטן, חרוב־געמאכט די בודיסטישע טעמפּלען, און פארניכטעט די בודא־סטאטועז.

די איסלאמישע אינוואזיע האט ארויסגערופן קעגן זיך א פאר־ביסענע שנאה נישט נאר פון די פארבליבענע בודיסטן, נאָר אויך אַפילו פון די הינדוס. צוליב דער איסלאַמישער אינוואַזיע זענען די פאַרבליבענע בודיסטן געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן אין די ארומיקע לענדער. אין צעילאָן, בורמא און טיילאנד איז בודיזם געווארן די הערשנדיקע רעליגיע. דאס זעלבע אין וויעטנאַם, לאאס און קאמבאָדיע.

בודיזם האט אויך געהאט א שווערן גוראנגל איינצוברעכן די „כינעזישע אייזערנע מויער״, כדי אריינצוקריגן זיך אין כינע (נאָך איידער קאמוניזם איז געקומען אויף דער וועלט). אין כינע איז בודיזם באטראכט געווארן אלס „פרעמדע רעליגיע״ און דערפאר געווארן שטארק דיסקרימינירט. ערשט אין 3־טן יארהונדערט, ווען די כינעזער האבן זיך איבערצייגט, אז די בודיסטישע לערע איז נאָנט צו דער עטישער לערע פון לאא־טסע (וועגן דעם — אין אַ באַזונדער קאַפּיטל) — איז בודיזם געוואָרן „געכשרט״ אין כינע. „כינעזישער בודיזם״ האט אבער שטארק אפגעניגט פון די עיקרים פון בודאס לערע.

## „מאָדערנער״ בודיזם געפאַנגען פון קאָמוניס־טישער „אידעאָלאָגיע״

צעילאן און בורמא זענען געווארן די גרעסטע צענטערס און שטארקסטע ״פעסטונגען״ פון בודיזם.

„מאָדערנער" בודיזם האָט אָבער נישט בלויז פאַרגעסן זיינע היסטאָרישע עוולות קעגן איסלאַם — נאָר גאָר אַנגענומען די „פריינטשאַפט" פון זיינע גרעסטע קעגנער — דעם איסלאַם און דעם קאָמוניזם.

ביידע בודיסטישע מדינות זענען אַוועק אויף קאָמוניסטישע וועגן.

צעילאָן האָט אַ באַפעלקערונג פון 16 מיליאָן — ניינציק פּראָצענט זענען בודיסטן. די אַנדערע צען פּראָצענט זענען הינדו־איסטן און מאַכמעדאַנער. טראָץ דעם וואָס די צעילאָנער האָבן פיינט די אינדיער און די אינדיער האָבן פיינט די צעילאָנער — האָבן זיי פאַרגעסן אין זייער אַלטער, היסטאָרישער שנאה און עס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אינדיע און צעילאָן — „פריינטלעכע" שכנותדיקע באַציאונגען. אין צעילאָן לעבט אַן אינדישע מינדער־הייט, און אין אינדיע — אַ צעילאָנער מינדערהייט.

## בודיסטן און יידן געלעבט אין פריינטלעכע באַציאונגען

קיין „יידיש פּראָבלעם" איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען. יידן זענען אין צעילאָן זייער ווייניק. בודיזם האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז יידן, אָדער יידנטום.

בודיזם האָט געזען קאָנקורענטן אין הינדואיזם, איסלאַם און קריסטנטום.

יידנטום האָט כמעט נישט עקזיסטירט פאַרן בודיזם און נישט פאַר די בודיסטן. דאָרט ווו יידן האָבן זיך יאָ צונויפגעטראָפן מיט בודיסטן — זענען זיי זיך געגאַנגען אין באַזונדערע וועגן. עס זענען נישט געווען קיין קאָנפליקטן, אָדער צוזאַמענשטויסן — צווישן יידן און בודיסטן.

פארוואס איז צעילאָן לעצטנס געווארן דאָס ערשטע בודיסטישע לאנד, וואס האט פלוצלינג איבערגעריסן די דיפלאמאטישע באַציאונגען מיט מדינת ישראל, ביז — זי וועט זיך „צוריקציען פון די פארנומענע אראבישע שטחים"?

אין דעם שטעקט נישט קיין שום „מיסטיציזם" אדער „מאָראַלעטישע" הייליקייטן. ביי די לעצטע פארלאמענט-וואלן אין צעילאָן האבן די קאמוניסטן און טראצקיסטן באקומען א מערהייט און זיי האבן געשאפן א נייע רעגירונג — די פרוי פון פריערדיקן פרעמיער־מיניסטער באנדאראנאיקע, איז געווארן פרעמיער־מיניסטער. א פאנאטישער בודיסטישער גזיר האט אין 1957 דערהרגעט איר מאַן, ווייל ער איז געווען אַ „לינק־געשטימטער" פרעמיער־מיניסטער. האָט זי יעצט געוווּנען די סימפאטיע פון די מאסן און געווארן פרעמיער־מיניסטער.

## „דער צוועק הייליקט די מיטלען"

אין אנבליק פון יעזואיטישן פרינציפ — „דער צוועק הייליקט די מיטלען", האָבן איצט, אין בודיסטישן צעילאָן, געמאכט יד־אחת די צוויי „גוטע פריינט" — די טראצקיסטן און קאמוניסטן, און פאַרכאַפּט די מאכט אין צעילאָן. גראָד אין בודיסטיש-הייליקן צעילאָן האָבן די טראצקיסטן געפונען א מקום־מקלט.

„בודאס ליבע" האט דארט אויסקאמבינירט א סינטעזע פון בודיזם־קאמוניזם־טראצקיזם, וואס ווייזט־ארויס „בודיסטישע ליבע" גראָד צו די קאמוניסטישע רעזשימען אין קארעא, וויעטנאם און וויעטקאנג.

אז קאמוניזם איז געווארן דער „בעסטער פריינט" פון איסלאַם — האבן די גורם־געווען, אז צעילאָן זאל זיין דאס ערשטע בודיס־

טישע לאנד — װאס זאל איבעררייסן די דיפלאמאטישע באציאונגען מיט ישראל.

אלס דאנקבארקייט פארן כבוד צו װערן פרעמיער־מיניסטער — האט דאס גרויסע בודיסטישע „הארץ", װאס זיצט אין פרויען־הארץ פון פרעמיער־מיניסטער מאדאם באנדאראנאיקע, זיך אנגעװארימט אין דער „אידעאָלאָגיע" פון אטעיסטישן מאסקװע און „ברידער־לעכן" איסלאם — די צװיי גרעסטע שונאים פון בודיזם.

דער דאזיקער דריי־בונד „טובלט" זיך איצט אין „הייליקער" שנאה צו מדינת ישראל.

## בודיסטישע ליבע מיט די יורשים פון מחמדן אַון לענינען

פאַרן אָפּגאָט פון סאָװיעטישן אטעיזם זענען „כשר" אַלע עבודה־זרות.

אין נאָמען פון הייליקן סאָװיעטישן אימפּעריאַליזם און קאָלאָניאַליזם האָט מאָסקװע מקריב־געװען איר הייליקע דאָגמע — „רעליגיע איז אָפּיום פאַר די מאַסן". אַנשטאָט דעם האָט זי גע־הייליקט אַן אַנדערע דאָגמע — „סאָװיעטיזאַציע איז די רעליגיע פון די מאַסן".

אין נאָמען פון דער דאָזיקער סאָװיעטישער רעליגיע איז מאָסקװע געװאָרן דער פּראָטעקטאָר פון איסלאמישן אַראַביע און — בודיסטישן צעילאָן.

דעם מאָסקװער אטעיזם איז געלונגען צו מאַכן קניען פאַר אים סיי דעם אַראַבישן איסלאַם פון נאַצער און אַראַפאַט, סיי דעם בודיסטישן צעילאָן פון מאַדאַם באנדאראנאַיקע.

דער בודיסטישער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעלקער אָרגאַניזאַציע, אונ"א, האָט אַפילו אויסגעדרוקט סימפּאַטיע מיט

רוסלאנדס גרויסער ליבע פאַר „שלום” און אירע פלענער צו „ליקווידירן” דעם ישראל־אראבישן קאָנפליקט...

## אין זכות פון „אברהם אבינו” האָט דער איסלאַם געהערשט אויך אין צעילאָן

זייט די איסלאַמישע אינוואַזיע האָט ארייננגעדרינגען אין דער בודיסטישער העמיספער — האָבן די מאָסלעמס פאַרשפרייט אַ לעגענדע, אז נאָכדעם ווי אָדם און חוה זענען געוואָרן פאַרטריבן פון גן־עדן — האָבן זיי געפונען אַ מקום־מקלט אין בודיסטיש־פריינטלעכן צעילאָן. היות אַלס אייניקלעך פון אברהם־אָבינו האָבן די מאָכמעדאַנער גרויס ליבע פאַר אַלע ליידנדיקע — האָבן זיי אָנגעהויבן הערשן איבער צעילאָן, כדי צו באַשיצן אויך אדם און חוהן...

די בודיסטן גלייבן אויך, אַז אין צעילאָן האָט בודא איבער־געלאָזט שפורן פון זיינע הייליקע פוס־טריט דווקא אויפן הייליקן „אָדם־ס באַרג”...

דאָס בודיסטישע צעילאָן פאַרנעמט אַ חשוב אָרט אויך אין דער הינדו־ליטעראַטור, גאַר באַזונדער אין גרויסן אינדישן „ראמאיאנאַ”עפיק.

## פרייהייט דאַרף אויך האָבן מזל...

מיט 2200 יאָר צוריק זענען די עלטער־זיידעס פון די היינ־טיקע צעילאָנער געקומען פון אינדיע, אַלס ליידנדיקע אימיגראַנטן. דאָס זענען געווען די בודיסטישע סינהאלער, וועלכע בילדן היינט

צווי־דריטל פון דער באַפעלקערונג אין צעילאַן, אַן אינזל אין שכנות פון אינדיע.

צעילאַן האָט אָבער קיין מאָל נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע טאַמיל־שפּראכיקע איינוווינער.

צווישן די סינהאַליסטן און טאַמיליסטן זענען פאָרגעקומען אָפטע קאַמפן.

צעילאַן האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע פרייהייט.

ערשט אין 1948 איז צעילאַן געוואָרן א זעלבסטשטענדיקע מדינה — באַפרייט פון ענגלישער הערשאַפט. דער ערשטער פּרע־מיער־מיניסטער, — לויט די געזעצן פון לאַנד — דער פירער פון דער מדינה — איז געווען דער מאן פון דער היינטיקער פּרעמיער־מיניסטאָרקע. ער האָט איינגעפירט די סינהאלא־שפּראַך אַלס די אָפיציעלע שפּראַך פון צעילאַן. אין 1959 איז דער פּרע־מיער־מיניסטער דערהרגעט געוואָרן.

אין 1960 האָט זיין אלמנה פאַרכאַפּט די מאַכט, געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער — אגב די ערשטע פרוי אין דער וועלט אַלס פּרעמיער־מיניסטער — און זי האָט אויפגעצוווּנגען די סינהאלא־שפּראַך אַלס די געזעצלעכע אָפיציעלע שפּראַך פון לאַנד.

צוויי מיליאַן טאמאלא־רעדנדיקע צעילאָניסטן האָבן רע־וואָלטירט קעגן דער דאָזיקער שפּראַכן־גזירה".

## בודיסטישע לערע אין ליכט פון קאָמוניסטישער רעאליטעט

אַלס געטרייע בודיסטין האָט זי גוט געדענקט, אז אַ גוטער בודיסט מוז זיך באַפרייען פון כעס, אויפרעגונג און זינד.

זי האָט אויך גוט געוווּסט, אז איינער פון די הויפּט־עיקרים

פון בודיזם איז — ליב־האָבן דיין שונא. אז אַן אמתער בודיסט מוז זיך באַמיען צו דערגרייכן צו קדושה פון לעבן דורך אלטרו־איסטישע מעשים — מקריב־זיין זיך פאַרן כלל, פאַר דער טובה פון כלל.

אין נאָמען פון בודאס ליבע נישט צו טשעפּן אפילו א „פליג אויף דער וואַנט", און זייענדיק אויך באַאיינפלוסט פון דער הינדו־לערע „נישט צו צעטרעטן אפילו אַ שטיל גרעזל אויף דער ערד", האָט די פרעמיער־מיניסטאָרקע פון צעילאַן, מאדאם באנדאראַ־נאַיקע, ארויסגעשיקט — מיליטער קעגן די אומצופרידענע טאמאלא־רעדנדיקע בירגער און אין בלוט דערשטיקט דעם רעוואָלט.

אונטער איר רעזשים האָט זי דערפירט, אַז צעילאַן האָט נאַציאָנאליזירט און פאַרכאַפּט די אייגנטומס פון די אויסלענדישע אינוועסטאָרס און אויל־געזעלשאַפטן. אמעריקע האָט אָפּגעשטעלט איר עקאָנאָמישע הילף פאַר צעילאַן. ביי די נאציאָנאלע וואלן אין 1965 האָט מאַדאַם באַנדאַנאַיקאַ פארלוירן די וואלן און איר פרעמיערשאפט. דאַמאָלט האָט אמעריקע באַנייט איר עקאָנאָמישע הילף פאַר צעילאַן.

ביי די לעצטע פארלאמענט־וואלן, האָט פרוי באנדאראנאַיקע ווידער געוווּנען, צונויפגעשטעלט אַ מערהייט, בשותפות מיט די דאָרטיקע קאָמוניסטן און טראָצקיסטן — ווידער געוואָרן פרעמיער־מיניסטער.

דער „נדן" וואָס זי האָט באַצאָלט פאַר פאַרזיכערן זיך אַ מערהייט פאַר איר פרעמיערשאַפט, איז, ווי עס ווייזט אויס, יד־אחת מיט די אראבער און דעם ראָטן־פאַרבאַנד, און, במילא — שנאה צו מדינת ישראל.

אזוי גוט ווי רוסלאנד האָט זיך אַריינגעקריגן אין מיטעלן מזרח צוליב „פריינטשאַפט" צו די איסלאַמיש־פרומע אראבער פאַרן „נדן" פון סאָוויעטישער שנאת ישראל, אזוי אַרום קריגט רוסלאנד זיך אריין אויך קיין צעילאַן, אין שכנות פון אינדיע,

פאַרן „נדן" פון איסלאַמישן און קאָמוניסטישן „העלפן" דעם רעזשים פון דער בודיסטיש־פרומער מאַדאַם באַנדאַראַנאַיקע.

אַלס אלמנה האָט מאדאם באנדאראנאַיקע פאַרפירט אַ פרומע בודיסטיש־אַטעיסטישע ליבע אזש מיט צוויי מענער מיטאַמאָל — מיט מחמדס „יורש" — נאצער, און מיט לענינס „יורש" — ברעזשניעוו.

דאָס „קידושין"־רינגל איז געווען — איבערייס פון דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט מדינת ישראל.

## פון אַטעיסטישן בודאַ — געמאַכט אַ „גאָט געזאַלבטן מלך המשיח"

אין צעילאָן, אַן אינדזל אויפן אינדישן ים, שטייט אַ גאָלדענער מאָנומענט פון בודאַן, מיט אַן אויפשריפט: — „גאָט האָט אים געזאַלבט אַלס מלך המשיח"...

אין צעילאָן געפינט זיך אויך דער באַרימטער און פּרעכטיקער בודיסטישער „טעמפּל פון צאָן". אין דאָזיקן טעמפּל געפינט זיך אַ פאַרהייליקטער באַק־צאָן, וועלכער דאַרף זיין דער ערדישער איבערבלייב פון „נביא בודאַ", נאָכדעם ווי זיין טויטער קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן.

בודאַס גורל האָט אַזוי צוגעפירט, אַז צעילאָן איז געוואָרן די „פעסטונג" פון דער בודיסטישער אמונה. אין צעילאָן זענען בודאַס אידייען און פילאָזאָפיעס געוואָרן פאַרהייליקט אין שריפט, אין דער פאלי־שפּראַך (ענלעך צו דער קאַטוילישער עוואנגעליע אין דער לאַטיין־שפּראַד) ערשט 250 יאָר נאָך בודאַס טויט.

בודאס געטרייסטע תלמידים האָבן אין צעילאָן געשאַפן דעם

מיטל־וועג" פון בודיזם — אַ פשרה צווישן „הינאיאנא"־בודיזם (דאָס „קליינע ראָד") און דעם „מאהאיאנא"־בודיזם (דאָס גרויסע ראָד). די בודיסטישע „ביבל" פון דער „הינאיאנא"־דאָקטרין איז אויך געשריבן אין פּאלי־לשון.

צעילאָנער בודיזם האָט אַ סך כינעזישע און אינדישע איינפלוסן, און האָט אַן אָנהענגערשאַפט אין די שכנותדיקע לענדער.

היינטיקער בודיזם איז אין אַ סטאַטישן צושטאַנד, טראָץ זיינע הויכע מאָראַלישע געזעצן און אלטרואיסטישע פּרינציפּן פון אוניווערסאַלער גערעכטיקייט.

בודא גופא האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען פון זיינע אַטעאיסטישע אָנשויאונגען וועט אַרויסוואקסן אַ רעליגיע, אין וועלכער ער אַליין וועט גאָר פאַראייביקט ווערן אַלס „גאָט־געזאַלבטער מלך המשיח", צי — אַ „הייליקער נביא", צי גאָר „גאָט", צו וועמען צענער מיליאָנען אָנהענגער בוקן זיך און זענען מתפּלל.

נאָך וויביקער האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיין פילאָזאָפיע זאָל אויסגענוצט ווערן פאַר אַן איסלאַמיש־קאָמוניסטישטראָצקיסטיש פּאָליטישער אינטריגע, מיט אַן אַנטיסעמיטישער אַנטי־ישראל אונטערלאַגע, אָנגעפירט אָדער אויסגעפירט, פון אַ בודיסטישער פּרוי.

## „פּאַראַנאַיאַ"־קרענק באַהערשט צעילאָנער פירערשאַפט

אין דער וויסנשאַפט פון פּסיכיאַטריע איז פאַראַן אַ צווייג אונטערן נאָמען „פּאַראַנאַיאַ". לויט די נייסטע פּסיכיאַטרישע אויספאָרשונגען ווערט אַ „פּאַראַנאַיאַק" באַטראַכט אַלס אַ „נאָרמאַלער"

מענטש. ער „רעדט נישט פון וועג" און מאכט דעם איינדרוק אז ער „פירט זיך אויף" ווי אלע מענטשן. מען באמערקט נאר ביי אים א שטריך פון א געוויסער אומנארמאלקייט, ווען ער איז שטארק פארעקשנט אויסצופירן א פיקציע וואס ער „האט זיך אריינגענומען אין קאפ."

אזא איינער וועט טאן אלץ כדי צו דערגרייכן זיין ציל.

צו דער „פאראנאיא"-משפחה פון נאצערס, אראפאטס און זייער גלייכן, ווערט פאררעכנט די פרעמיערשע מאדאם באנדאראנאיקע פון קעגנווארטיקן, בודיסטיש-איסלאמיש-קאמוניסטיש-טראצקיסטישן צעילאן.

## בודיסטישע דאקטרין פון „טאנטריזם"

צווישן די פארשידענע פילאזאפיעס, שיטות און סעקטעס וואס זענען אויסגעוואקסן אין בודיזם, איז די דאקטרין פון „טאנטריזם".

א בודיסטישער טעאלאג פון אינדיע איז אין צווייטן יארהונדערט פון דער אלגעמיינער צייט-רעכענונג געקומען קיין טיבעט, וווּ בודיזם האט שוין געהאט א גרויסע צאל אנהענגער. פאר די טיבעטיסטן האט ער געפרעדיקט א נייעם אויסטייטש פון בודיזם — „טאנטריזם" — א געמיש פון „מאהאיאנא"-בודיזם מיט דאקטרינען פון הינדואיזם.

די דאזיקע נייע שיטה האט ער אנגערופן לאמאאיזם.

דאס איז א טעאקראטישער בודיזם, מיט פאלקס-תפלות, רעליגיעזע טענץ און אן עבודה פון פארטרייבן דעם טייוול...

די דאזיקע שיטה באזירט אויף גלויבן אין דער „געטלעכקייט" פונעם גייסטיקן פירער, אזוי ווי ישו הנוצרי ביי די קריסטן. טיבעטער בודיזם איז, צערעמאניאל, ענלעך צו קאטאליציזם,

מיט טעמפלען, מאָנאַסטירן, נזירים און הייליקע, תעניתים, קמיעות, טעמפל־מוזיק און רעליגיעזע פראָצעסיעס.

דער גייסטיקער פירער איז מער נישט „בודאַ", ווייל ער איז טויט. דער „דאַלאַי לאַמאַ" איז דער קעגנווארטיקער „בודאַ", דער „הייליקער" — דער גייסטיקער און פאָליטישער פירער פון לאַנד.

## ווי אַזוי טיבעט קלייבט־אויס אַ „דאַלאַי לאַמאַ"

טיבעט, אַריינגעקוועטשט צווישן כינע און אינדיע, ווערט פון די טיבעטאַנער באַטראַכט אַלס „דער דאַך פון דער וועלט"...

די טיבעטאַנער גלויבן, אַז דער „דאַלאַי לאַמאַ" איז די נשמה, אָדער דער גלגול, נישט נאָר פון בודאַן, נאָר דער עיקר פון פריערדיקן „גייסטיקן פירער". אַז ער איז ממשיך די קייט פון הייליקער אָנפירונג אָן איבעררייס.

ווען אַ „דאַלאַי לאַמאַ" האַלט ביים שטאַרבן זעצן זיך אַוועק די „הייליקע חכמים" פון לאַנד נעבן אַ הייליקן טייך פון טיבעט, כדי מקבל־פנים־זיין דעם אָנקום פון נייעם „דאַלאַי לאַמאַ". צווישן אַלע קינדער וואָס ווערן געבוירן דעמאָלט, וואַרטן זיי אויפן קינד וואָס ווערט געבוירן אין דער זעלבער רגע ווען עס איז די „יציאת הנשמה" פונעם שטאַרבנדיקן „דאַלאַי לאַמאַ".

דאָס דאָזיקע מזלדיקע קינד ווערט באַטראַכט אַלס „גלגול פון בודאַ". דאָס קינד דאַרף אויסזען פונקט ווי דאָס פנים אין דער אָפּשפיגלונג פונעם „הייליקן טייך".

טייל האַלטן, אַז דאָס קינד דאַרף געבוירן ווערן פונקט צו די 9 חדשים נאָך „דאַלאַי לאַמאַס" טויט.

דאָס דאָזיקע קינד ווערט געקרוינט אַלס דער נייער „הייליקער דאַלאַי לאַמאַ".. עס ווערט אַריינגעגעבן אין אַ בודיסטישן מאָנאַס־

טיר און דערצויגן אַלס דער צוקונפטיקער גייסטיקער און פּאָליטי־שער פירער פון פאָלק.

זייט 1950, ווען קאָמוניסטיש כינע האָט פארכאַפּט טיבעט, האָט דער „דאַלאַי לאַמאַ" געהאַט כסדרדיקע צרות. מאַאָ־טסע־טונגס „קולטורעלע רעוואָלוציע" האָט לאַנג נישט געקאָנט טאָלערירן אַ „מלוכה אין דער מלוכה" פון אַ „הייליקן דאַלאַי לאַמאַ". כאָטש דער כינעזישער רעזשים האָט געוווסט ווי אַזוי צו באַהערשן אַזאַ „מלוכה" — האָט ער אָבער נישט געקאָנט מיט איין מאָל „איבער־דערציען" דאָס טיבעט־פאָלק קעגן גלויבן אין זיין הייליקן גייסטיקן פירער, ערשט אין 1959, ווען טיבעט איז אַדורכגעפאַלן אין איר רעוואָלט קעגן דער קאָמוניסטיש־כינעזישער הערשאַפט — איז דער „דאַלאַי לאַמאַ" אַנטלאָפן און ריכט־אָפּ „גלות" אין אינדיע.

אין בודיסטישן טיבעט איז איצט מאַאָ־טסע־טונג דער זעלבסט־געקרוינטער „הייליקער דאַלאַי לאַמאַ"...

## סוף פון ערשטן באַנד

בקרוב וועט דערשיינען דער צווייטער באַנד
מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן די רעליגיעס:

**קאָנפוציאַניזם, טאַאָיזם, שינטאָיזם, דזשעניזם,**
**באהא'יזם, קריסטנטום און יהדות**